STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02576

IN LIKHT FUN TOYRE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

תם וישר

הנקרא בשם

ספר הישר

על התורה

ווייל אין דעם ספר ווערט דער ציילט די מעשים וואס גאט ב"ה האט געטאן פון בריאת העולם ביז יהושע האט געבראכט דאס פאלק ישראל קיין ארץ ישראל. דרום האבען מיר דאס מעתיק געווען פון לשון הקודש אויף עברי טייטש כדי אלע זאלען וויסען די ניסים און נפלאות:

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

זה ספר תולדות אדם

אשר ברא אלהים על הארץ ביום עשות יי אלהים ארץ ושמים : ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו : ויברא אלהים את האדם בצלמו :

און גאט זאגט צו דיא מלאכים מיר ווערין בשאפן איין מענטש אין אונזער עבען בילד און גאט בשאפט דעם מענש אוים שטויב פון דר ערד און בלאזט אריין אין זייני נאז לעבר איין אטום און דר מענש וואר זיין אליין . זאגט גאט עס איז ניט גוט אז דר מענש זאל זיין אליין איך וועל מאכן קעגן אים איין היקף : אזו ווארפט גאט אוף אים אשלאף און דר מענש ווערט אנטשלאפן . און גאט נעמט איין ריפ פון זיין זייט און מאכט דר פון אים אווייב און ברענגט זי צו אדם . און וועקט אים אוף פון שלאף זעהט ער עס שטייט געגן אים אווייב . און זאגט דס איז אביין פון מיינע ביינר . און זי זאל ווערן גרופן אוף לשון הקודש (אשה) ווייל זיא איז גווארן גנומן פון איין (איש) . און אדם רופט זיא (חוה) ווייל זי איז די מוטר פון אלע מענטשן וואס זיי חיין בלשון עברי (חי) און גאט בענשט זיי און זאגט אז מען זאל רופן זיין נאמן (אדם) ווייל אדם איז טייטש אמענש : און גאט זאגט צו זיי פרוכפרט און מערט אייך אוף דר ערד . און נעמט אדם מיט זיין ווייב און זעצט זיי אריין אין גן עדן צו דינן אים . און זאגט צו זיי פון אלעביימר פון דעם גארטן זאלט איר עסן און פון דעם בום וואס מען קען דר קענן בייז און גוטס זאלט איר ניט עסן דר פון . דען אין דעם טאג אז איר וועט עסן וועט איר כוזן שטארבן . און אדם זיצט מיט זיין ווייב אין דעם גארטן אזו ווי גאט הט זיי גבאטן : און דר שלאנג וואס גאט הט אים בשאפן פון דער ערד קומט צו זייא און מאכט זיי איבער פארין אוף גאטס גבאט . און דר שלאנג איבר רעט חוה אז זי זאל עסן פון בום וואס מען קאן דער פון וויסין גוטס אדר בייז . און חוה נעמט פון בוים און עסט אליין און ניט נאך צו איר מאן אדם אז ער זאל אויך עסין . און אדם עסט אויך דר פון און האבין עובר גוועזן גאטס גבאט . און ווי זיי האבן עובר גוועזן דרוף הט גאט זיי

געשאלטן אונ האט זיי ארויס געטריבן פון גן עדן אז זיי זאלן זיין אויף דר ערד. אונ זיי גייען אונ רוען אויף מזרח זייט פון גן עדן: אונ חוה געווינט צוויי זון אונ דריי טעכטר אונ זיא רופט דעם עלצטין זון מיט איין נאמן קין צו זאגן ווייל איך האב געקופט איין מאן צו גאט אונ דעם אנדרן זון האט זי גרופן מיט איין נאמן הבל צו זאגן מיט נארהייט זענן מיר געקומן אויף דר ערד אונ אין נארהייט וועלן מיר ווידר אוועק גיין פון דר ערד. אונ אז די קינדר זענן דר וואקסן געווארן האט אדם זייא געגעבן איטליכן איין בזונדרי ארבייט. אונ קין ארבייט די ערד אונ הבל וויידעט די שאף. אונ די צוויי קינדער פון אדם האבן געבראכט איין קרבן צו גאט. אונ קין ברענגט פון דער ערד. אונ הבל ברענגט פון זיינע בעסטע שאף. אונ גאט האט זיך געקערט צו דר מנחה פון הבל אונ מאכט נידרן איין פייער פון הימל אונ עס האט פר ברענט דס קרבן. אבר צו קין אונ צוא זיין מנחה קערט זיך ניט גאט. ווארום ער האט געבראכט פון דעם ערגסטן פרוכט פון דר ערד. אונ קין גייט צו זיין ברודר הבל אונ זוכט צו געפינן אויף אים איין בלבול כדי ער זאל אים טייטן. אין עטליכע טעג ארום גייט קין אונ הבל אין פעלד אריין צו טון זייער מלאכה. קין אקירט אין פעלד אונ הבל וויידעט די שאף. איז געלאפן די שאף פון הבל איבר דעם פעלד וואס קין האט געאקירט. אונ קין קומט צו הבל מיט צארן אונ זאגט צוא אים וואס איז דאס דו קומסט מיט דיינע שאף צו ווייד אין אלע מייני פעלדר אונ הבל ענפערט צו קין נאך ווס מאכסטו קליידר פון וואל פון מייני שאף אונ עסט די מילך פון מיינע שאף. אז דו וועסט אוס טון די קליידר. אונ וועסט ניט עסין קיין מילך פון מייני שאף וועל איך ארוס גיין פון דיין לאנד. זאגט קין צוא הבל אז איך זאל דיך היינט דר שלאגן ווער וועט פון מיר זוכן דיין בלוט. ענפערט הבל צו קין דער גאט וואס האט אונז באשאפן דער וועט רעכנן מיין רעכנונג אונ וועט זוכן מיין בלוט פון דיר. דען גאט איז א שופט אונ א דיין אונ אוב דו וועסט מיך הארגנן וועט גאט דיך משפטן דר פר:

אונ ווי קין האט אוס געהערט די רייד פון הבל אזו ווערט קין אין כעס אונ קין נעמט דס אקיר אונ טייט הבל אונ פר גיסט זיין בלוט צו דר ערד

תם וישר

אונ דם בלוט פון הבל לויפט פר די שאף. אונ דר נאך ברענקט זיך קין וואס ער האט גטאן אונ טרויערט זייער אונ וויינט אונ עס טוט אים זייער באנק. אונ קין שטייט אוף אונ גראבט איין גרוב אוף דעם פעלד אונ בגראבט זיין ברודער הבל. אונ גאט ווייסט אלץ וואס קין האט גטון אונ גאט בווייזט זיך צו קין אונ זאגט צו אים ווי איז דיין ברודר הבל. זאגט קין איך וויים ניט. בין איך דען דר היטר פון מיין ברודר. זאגט גאט צו אים וואס האסטו גטון דם בלוט פון דיין ברודר שרייט צו מיר פון דר ערד. דען דו האסט דר שלאגן דיין ברודר אונ דו לייקינסט פר מיר דו מיינסט אז איך וויים ניט וואס דו האסט גטון דען איך וויים וואול אז דו האסט גהרגת דיין ברודר הבל אום זונסט. אונ אצונד זאג איך דיר אז דוא זאלסט זיין פאר פלוכט מער פון דער ערד וואס זי האט געפינט איר מול איין צו שלינגן דאס בלוט פון דיין ברודר. אונ אז דו וועסט אקערן חעט דער פון גאר ניט זיין נע ונד זאלסטו זיין אוף דער ערד ביז דו וועסט שטארבן. אין דער זעלביגע צייט גייט קין אוועק אונ גייט אין לאנד עדן פר וואגלט מיט זיין הוז גזונד. אין דער זעלביגר צייט ווערט קינס פרויא מעוברת אונ גווינט אים איין זון אונ רופט זיין נאמן חנוך. אונ ער רופט דרום זיין זון חנוך כדי צו זאגן גאט האט אן גהובין צו לאזן רואן אים אוף דער ערד: אונ אוך אין דר זעלביגר צייט הייבט אן קין צו בואן איין שטאט אין גיט איר אנאמן חנוך אזו ווי דער נאמן פון זיין זון דען גאט לאזט אים רואן אוף דר ערד אין דר זעלביגר צייט: אונ חנוך גווינט איין זון גיט ער אים איין נאמן עירד. אונ עירד גווינט מחויאל. אונ מחויאל גווינט מתושאל. אונ מתושאל גווינט אזון למך. אונ אז אדם איז אלט גוואָרן הונדרט אונ דרייסיג יאר. גווינט זיין וייב חוה אזון אזו ווי זיין גלייכניש אונ אין זיין פורם אונ זי רופט אים מיט זיין נאמן שת. דר טייטש איז פון דעם נאמן אז גאט האט מיר גטון איין אנדרן זון פר דעם זון הבל וואס קין האט אים דר שלאגן: אונ שת לעבט הונדרט אונ פינף יאר אונ גווינט אזון אונ גיט אים אנאמן אנוש. ווארום אנוש איז טייטש שלאף. דען אין דר דאזיגר צייט האבן זיך אן גהובן די מענשן צו מערן קראנקייט אונ ווידר צו שפעניגן אן גאט:

אונ

תם וישר

און אין די טעגן פון אנוש האבן זיך גמערט די קונדר פון אדם האבן זיי ווידר גשפעניגט

אן גאט און האבן גדינגט עבודת כוכבים און זיי פר געסן גאר אן גאט וואס הט זיי בשאפן אוף דר ערד . און איטליכר פון זיי האבן זיך גמאכט געטצן בולדר און דינגן צו זיי און האבן פר לאזט גאט אל די לעב טעג פון אנוש מיט זייני קונדר . און גאט וואט אוף זיי זייער ברוגז אוף דעם שלעכץ וואס זיי טואן . און גאט פליצט איבר זיי דם וואסר פון טייך גיחון און עס ווערן פר לארן פון זיי דריי חלקים און די איבריגע מענשן האבן זיך געשטארקט צו טאן בייז קעגן גאט : און אין די זעלביגע צייט איז ניט געראטן קיין תבואה און די מענשן האבן גאר ניט גהאט צו עסן און אלי מענשן האבן גזייעט איז געוואקסן דערנר . דען גאט הט פר פלוכט די ערד פון וועגן דר עבירה וואס אדם הט פר זונדיגט : און אנוש לעבט נייצוג יאר און גווינט קינן און ווי קינן איז אלט געווארן פערציג יאר איז ער געוועזן קלוג אין אלעמן און קעניגט איבר אלי מענשן און פירט די מענשן מיט פר שטאנד און חכמה . און ווייסט מיט זיין חכמה אז גאט וועט פר דארבן די מענשן וואס זענן אוף דר ערד און וועט ברענגן איין מבול אוף זיי און קינן שרייבט דם אלס אוף איין טאבל און לייגט אים אין זייני אוצרות אריין און מאכט ווידר קערן אטייל מענשן צו גאטס וועג : און אז קינן איז אלט געווארן זובציג יאר גווינט ער דריי זון און צוויי טעכטר . די דריי זון הייסן מהללאל און עינן און ירד און די צוויי טעכטר הייסן עדה און צלה : און למך דר זון פון מתושאל איז זיך מתחתן מיט קינן און נעמט זייני צוויי טעכטר פר ווייבר . און עדה גווינט איין זון צו למך און למך רופט דעם זון יבל . און זיא גווינט נאך אזון און מען רופט אים יובל . און צלה גווינט אזון און זיא רופט אים מיט דעם נאמן תובל קין . און זיא ווערט נאך מיין טראגן און גווינט אטאכטר און רופט זיא מיט איר נאמן נעמה דען זיא זאגט נאך מיין פר שליסן איז געווארן צו מיר איין זיסונג . און למך איז אלט געווארן איז ער געווארן בלונד און קאן ניט מער זעהן און זיין זון תובל קין פירט אים ארום . און אין עטליכי טעג ארום איז גגאנגן למך אין פעלד אריין און זיין זון תובל קין פירט אים . און בשעת אז זיי זענן ביידי גגאנגן אין פעלד . גייט קעגן זיי קין דער זון פון אדם . און תובל קין זאגט צו זיין פאטר למך ער זאל שיסן מיט זיין בויגן . און למך שיסט און דר שיסט קין דעם זון פון אדם . ווארום ער הט גמיינט פון ווייטן אז דם איז איין חיה . און קין איז גפאלן אוף דר ערד און איז גשטארבן . הט גאט בצאלט צו קין זיין בייז אזוי ווי ער הט גטון זיין ברודר הבל : און בשעת למך מיט זיין זון תובל קין זענן צוא גגאנגן זעהן וואס פר איין חיה זיי האבן דר שאסן . האבן זיי דר זעהן אז זייער עלטר פאטר קין איז טויט . און ווי למך הט דר הערט אז ער הט דר שאסן זיין עלטר פאטר קין הט ער זייער באנג גטון און הט אן גהובן צו שלאגן איין האנד אן דר אנדרי האנד און טרעפט זיין זון תובל קין מיט זייני הענד און טויט אים :

און אז די ווייבר פון למך האבן דר הערט אז זייער מאן למך הט דער שלאגן זייער זון תובל קין און זייער עלטר פאטר קין האבן זיי אים פיינד גהאט און האבן זיך פון

תם וישר

אים אפ גשייד. אונ אז למך איז גקומן צו די וייבר אונ הט זיי אן גהובן צו בעטן אז זיי זאלן אים צו הערן האבן זיי ניט גוואלט. אונ למך זאגט צו זייני וייבר עדה אונ צלה הערט צו מיין שטום אונ פר נעמט מיין זאג. איר ווייסט וואול אז איך האב דם ניט גטון במזיד נור איך בין שוין אלט אונ האב ניט גזעהן אונ מיין קינד הט אליין מיר גזאגט אז דם איז איין חיה. האבן זיך די וייבר ווידר צו אים אום גקערט מיט דר עצה ון זייער עלטער פאטר אדם. נאר זיי האבן אבר ניט גהאט קיין קינדר מער מיט אים דען דר צארן פון גאט איז גוועזן גרעסער אלי טאג צוא פאר דארבן זיי מיט דעם מבול אובער זייערי שלעכטע מעשים:

אונ מהללאל דער זון פון קינן לעבט פינף אונ זעכציג יאר אונ גווינגט אזון אונ גיט אים איין נאמן ירד. אונ לעבט הונדרט אונ צוויי אונ זעכציג יאר אונ גווינט אזון אונ גיט אים איין נאמן חנוך. אונ חנוך לעבט פינף אונ גווינט משותלח אונ נאך דעם אז ער הט גווינן משותלח הט זיך חנוך דער מאנט אן גאט אונ דינט גאט אונ ער פר שעמט אלע מענשן מיט זייער בייזן וועג אונ חנוך בהעפט זיך אן גאט מיט שכל אונ חכמה. אונ ער שיידט זיך אפ פון זיין וייב אונ פר בארגט זיך פר מענשן אונ טוט תפלה צו גאט אין זיין הויז אונ זיין קאמר. אין אקארצע צייט ארום קומט צו אים אמלאך פון הימל אונ זאגט צו אים שטייא אוף אונ גיי ארויס פון דיין הויז אונ גיי שטראף די מענשן אונ לערן זייא דעם וועג פון גאט. אונ חנוך שטייט אוף אונ גייט ארום פון זיין אורט ווי ער איז גוועזן פר בארגן אונ גייט צו די מענשן אונ שטראפט אונ לערינט זייא וויא זיי זאלן דינן גאט: ויצו אונ ער גביט אונ לאזט אום שרייען אין אלי שטעט אזו צו זאגן וועלכר מענטש ווס בגערט צו וויסן דיא וועג פון גאט זאל קומן צו מיר וועל איך אים זאגין. אונ אלע מענשן זאמלן זיך איין אונ קומן צו אים אונ בגערן זייני רייד: וימלוך אונ חנוך קעניגט איבר די מענשן דורך גאטס רייד. אונ אלי מענשן בוקן זיך צו אים אונ הערן אים צוא ווס ער זאגט. אונ די נבואה פון גאט רוהט אויף אים. אונ אלי מענשן קומן הערן זיין קלוגהייט פון נאנטן אונ פון וויטן אונ בוקן זיך צו אים ביז דער ערד. אונ אוך אלע שררות קומן אונ בוקן זיך צו אים אונ בגערן פון אים אז זאל ער קעניגן איבר זיי. אונ חנוך לערינט זיי קלוגהייט צו וויסן גאטס וועג אונ הט גמאכט צווישן זיי שלום אונ עס איז גוועזן שלום אוף דר גאנצר וועלט אין די טעג פון חנוך. וימלוך אונ חנוך קיניגט איבר דער גאנצר וועלט צוויי הונדרט אונ דריי אונ פערציג יאר אונ הט גטון משפט אונ צדקה צו גאר זיין פאלק אונ הט זיי גפירט אין גאטס וועג:

ואלה אונ דיא דאזיגע זענן דיא קינדר פון חנוך משותלח אונ אלישמע אונ אלימלך. אונ צוויי טעכטר מלכה אונ נעמה. אונ משותלח גווינט למך. אונ אין למך צייטן איז גשטארבן אדם הראשון ניין הונדרט אונ דרייסיג יאר אלט. אונ שת מיט חנוך אונ משותלח האבן אים בהאלטן מיט גרוס כבוד אין דער היל ווי גאט הט גהייסן. אונ אדם הראשון מחמת ער האט גגעסן פון עץ הדעת איבר דעם איז ער גשטארבן מיט זייני קינדר:

ויהי אונ אז חנוך איז אלט גוואהן צוויי הונדרט דריי אונ פערציג יאר הט ער גטראכט זיך

ווייטר

ווייטער אפ צו שיידן פון מענשן. דריי טאג איז ער גוועזן פר בארגן. אונ אין פערדין טאג האט ער זיך בוויזן צו די מענשן אונ האט גלערינט זיי גאטס וועג. אונ אלץ וואס זיי פרעגן אים זאגט ער זיי. אונ אזו האט ער געטאן פול טעג אונ פול יאר:

וישב אונ דר נאך קערט ער ווידר אונ פר בארגט זיך זעקס טעג אונ אוף דען זיבעטן טאג בווייזט ער זיך צו די מענשן. אונ דר נאך האט ער זיך בוויזן איין טאג אין חודש אונ דר נאך איין טאג אין יאר. אונ אלי מענשן אונ אלי שרים גלוסטן צו זעהן דס פנים פון חנוך אונ צו זיינע רייד. אבער זיי קענן ניט צו גיין צו אים מחמת גרוס פחד ומורא. דען דר פחד פון גאט איז גוועזן אוף זיין פנים. אונ אלי האבן איין עצה גהאלטן אז מען זאל איין זאמלן אלע מענשן אונ מען זאל קומן צו חנוך מיט אים ריידן בשעת ער וועט זיך צו זיי בווייזן:

ויהי אונ עס איז גוועזן איין טאג איז חנוך צו זיי ארוס גגאנגן זענן גקומן צו אים אלי מענשן מיט אנגדר אונ חנוך לערנט זיי ווי אזו מען זאל דינן גאט אונ לערנט שכל אונ חכמה אונ ווי אזו מען זאל זיך פארכטן פר גאט אונ ווי איינר ברויך דען אנדרן ליב צו האבן. אונ אז ער אין נויט איז צו אונטר שטיצן. אונ אלי מענשן בוקען זיך צו דר ערד אונ זאגן דר מלך זאל אייביג לעבן:

ויהי אונ אמאל איז גוועזן בשעת אז אלי שרים אונ אלי מענשן האבן גרעט מיט חנוך אונ חנוך לערנט זיי גאטס וועג רופט אמלאך פון גאט צו חנוך פון הימל אונ זאגט אז מען זאל אים ארוף נעמן אוף דעם הימל: בעת אין דער זעלביגר צייט אז חנוך האט געהערט די דאזיגע רייד פון מלאך. איז ער ארוס גגאנגן אונ האט איין גזאמלט אלי מענשן וואס אוף דר ערד איז. און האט מיט זיי גלערנט חכמה און מוסר און די שטראף פון גאט אונ זאגט צו זייא איך בין בגערט גווארן צו קומן אין הימעל אריין אבער איך וויס ניט וועלכן טאג עס וועט זיין:

ועתה אונ אצונד וועל איך אייך לערנן קלוגהייט אונ די שטראף פון גאט. אונ חנוך שטראפט זיי אונ לערנט מיט זיי אלי גזעץ אונ איז זייא מזהיר אז זיי זאלן זיין נכנעים צו זייערע מלכים ושרים. אונ זאלן פאלגן זייערע בפעל כדי עס זאל זיין שלום אונ הצלחה אין דר וועלט. און אוך לערנט ער זיי ווי אזו מען זאל בקומן דס אייביגי לעבן און איז גזעסן מיט זיי עטליכע טעג אונ האט מיט זיי אזו גלערנט: ויהי אונ עס איז גוועזן אין דר זעלביגר צייט בשעת חנוך איז מיט זיי גזעסן אונ האט מיט זיי גרעט האבן זיי אוף גהובן זייערע אויגן האבן זיי גזעהן איין גשטאלט פון אגרויסן וואלקן נידרט אראפ פון הימל. האבן זיי גזאגט צו חנוך וואס זיי האבן גזעהן. האט חנוך צו זייא גזאגט דס איז פון מיינט וועגן. דען עס האט גגרייכט די צייט אונ דר טאג אז איך זאל פון אייך אוועק גיין אונ וועל זיך מיט אייך שון מעהר ניט זעהן:

ויקם אונ דר וואלקן איז גקומן און האט זיך גישטעלט פר חנוך אונ אלי מענשן וואס זענן גוועזן ביי חנוך האבן זיי דס גזעהן אונ חנוך האט אין דר זעלביגע צייט אום גשריגן מיט אהויך קול אונ האט אזו גזאגט וועלכר מענש וואס ער וויל וויסן די וועג

פון

תם וישר

פון·גאט זאל ער קומן היינטיגן טאג צו מיר איידר איך וועל גיין : ויתקבצו האבן זיך איין גזאמלט אלע מענשן און אלע שרים און זענן גשטאנן ביי אים אגאנצן טאג און חנוך הט זיי גלערנט חכמה אונ מוסר אונ ווי אזו מען זאל דינן גאט אונ ווי אזו מען זאל גיין אין זיינע וועגן כל זמן דר מענש וועט לעבן אונ הט גמאכט צווישן זיי שלום אונ הט אן גזאגט אז עס זאל זיין צווישן זיי תמיד שלום : ויהי אונ עס זענן אים נאך גגאנגן אלי מענשן אזו פיל אז אכט הונדערט טויזנט מענשן אונ זענן גגאנגן מיט אים איין טאג . אונ אז עס איז גוועזן דר אנדרר טאג האט חנוך צו זיי גזאגט גייט אייך אהיים צו אייערע הייזער ווארום זאלט איר ווייטר גיין . האבן זיך אביסל פון זיי אום גקערט אהיים אונ די איבריגע זענן גגאנגן מיט אים פינף טעג . אונ חנוך זאגט צו זיי אלי טאג קערט אייך אהיים צו אייערי הייזער . אבער זיי הערן דאס ניט אונ גייען מיט אים ווייטר . און אז עס איז גקומן דער זעקסטער טאג זאגט נאך מער חנוך צו זייא קערט אייך אהיים דען מארגן וועל איך ארוף גיין אין הימל אריין אונ וועלכער מענש עס וועט דא בלייבן וועט ער זיין אין סכנה . זענן אטייל מענשן אהיים גגאנגן . און טייל מענשן האבן גזאגט צו אים מיר וועלן ניט אהיים גיין ניארט דער טויט וועט מאכן צווישן אונז איין צווישן שייד :

אונ אז חנוך הט גזעהן אז זיי שטארקן זיך צו גיין מיט אים הט ער אוף גהערט צו ריידן מיט זיי אונ זענן גגאנגן מיט אים . אונ דיא שרים וואס זענן אהיים גגאנגען האבן זיי איבר גציילט די מענשן ווי פיל עס איז נאך מיט חנוך :

ויהי אונ אז עס איז גקומן דר זיבעטר טאג איז חנוך ארוף גגאנגן אוף דעם הימל מיט איין שטורם ווינד אונ מיט פייאריגע פערד אונ מיט פייאריגע רייט וועגן. אונ חנוך הט גלעבט אוף דר ערד דריי הונדערט פינף אונ זעכציג יאר : ויהי אונ אז חנוך איז ארוף גגאנגן אוף דען הימל האבן אלע שרים איין עצה גהאלטן אז מען זאל אויך מאכן מתושלח דען זון פון חנוך פאר איין מלך אוף זיין פאטרס אורט . זענן גיגאנגען אלע שרים אונ האבן אים גזאלבט אונ האבן אים גמאכט פר איין מלך :

ויעש אונ מתושלח טוט אלץ וואס רעכט פארטיג איז אין גאטס אויגן אונ הט זיי גלערנט חכמה אונ שכל ווי אזו מען זאל דינן גאט אונ הט ניט אפ גקערט פון גוטן וועג ניט רעכטס אונ ניט לינקס : אך נייערט אז עס איז גקומן אין סוף יארן פון מתושלח האבן די מענשן אפ גקערט פון גאטס וועג אונ האבן פר דארבן אונ האבן גרובט און גגזלת איינר בייא דעם אנדרן אונ האבן מורד גוועזן אין גאט אונ האבן ניט גפאלגט מתושלח אונ אנדרע מלכים ושרים : ויקצוף אונ גאט הט גצערנט אוף זיי אונ הט פר דארבן זייער זייאונג אין דיא דאזיגע טעג אונ ווס זיי האבן גזייעט איז גווארן דערנר אונ עס איז ניט גוועזן קיין זייאונג אונ קיין שניידונג אונ פון דעסט וועגן האבן זייא פארט ניט אפ גקערט פון דעם שלעכטן וועג . אונ האבן גטון שלעכטס . און כביכול הט בדוערט ווס ער הט בשאפן די מענשן אונ הט גזאגט אז מען זאל זיי מאכן פר לירין אונ פר דארבן פון דר ערד :

בימים אין די דאזיגי טעג איז למך דר זון פון מתושלח אלט געוועזן הונדערט אונ אכט אונ זעכציג יאר איז געשטארבן שת דער זון פון אדם . אונ שת איז אלט געוועזן ניין הונדערט אונ צוועלף יאר . אונ אז למך איז אלט געווארן הונדערט איין אונ אכציג יאר האט ער גנומען אווייב זי איז געוועזן איין אייניקיל פון חנוך . אין דר דאזיגר צייט וואס מענשן האבן גוייעט האבן זיי גפונען אביסל קארין . נייערט די מענשן האבן פארט ניט אפ גקערט פון זייער שלעכטן וועג . אונ למך זיין ווייב האט געווארן איין זון צו למך . האט מתושלח אים אנאמען געגעבן נח ווארום נח איז טייטש רוה . כדי די ערד זאל ווערן רוה אונ גשטילט פון צו פר דארבן . אונ למך האט אים אנאמען געגעבן מנחם . ווארום מנחם איז טייטש טרייסטר . צו זאגן דר דאזיגר וועט אונז טרייסטן פון אונזרי ווערק אונ פון אונזר טרויערקייט וואס גאט האט אונז פר פלוכט :

ויגדל אונ דם קינד איז אוף געוואקסן געווארן . אונ מען האט אים אנטוויינט אונ דם קינד איז גיגאנגען אין דעם וועג ווי זיין עלטר פאטר מתושלה . אונ איז געוועזן רעכט פארטיג מיט גאט ב"ה . אונ אלע מענשן האבן אפ גקערט פון גאטס וועג . אונ אין דר דאזיגר צייט האבן זיך די מענשן גמערט מיט זין אונ טעכטר אונ איינר האט דעם אנדערן גלערנט דעם שלעכטן וועג אונ האבן ווידר גשפעניגט אן גאט . אונ איטליכער מענש האט זיך גמאכט איין אפ גאט אונ זענען נאך גגאנגען שלעכטע תאוות אונ אונציכטיקייט . אונ אוך חיות אונ בהמות האבן פערדארבן זייער וועג : וירא אונ גאט האט געזעהן אז אלע האבן פר דארבן זייער וועג האט גאט גזאגט איך וועל אפ מעקן דם מענשן וואס איך האב בשאפן אוף דער ערד אונ אויך אלי חיות ובהמות אונ עופות . אונ וועלכר מענש עס איז גגאנגען אין גאטס וועג איז ער גישטארבן איידר גאט האט גבראכט דם שלעכטס אוף די מענשן . אבר נח האט גפונען חן אין גאטס אוגן . אונ גאט ב"ה האט אום דר וועלט נח מיט זיינע קינדר אז זייא זאלן לעבן בלייבן אונ פון זיי זאל ארום קומן אוועלט :

ענדע פון פרשת בראשית

פרשת נח

ויהי אונ אז נח איז אלט געווארן אכט אונ פערציג יאר איז גשטארבן אנוש דער זון פון שת אונ אנוש איז אלט געוועזן ניין הונדערט אונ פינף יאר . אונ אז נח איז אלט געווארן ניין אונ זיבציג יאר איז גשטארבן קינן דר זון פון אנוש אונ קינן איז אלט געוועזן ניין הונדערט אונ צעהן יאר . אונ אז נח איז אלט געווארן צוויי הונדערט אונ פיר אונ דרייסיג יאר איז גשטארבן מהללאל דער זון פון קינן . אונ מהללאל האט גלעבט אכט הונדערט פינף אונ ניינציג יאר . אונ אז נח איז אלט געווארן דריי הונדערט אונ זעקס אונ זעכציג יאר איז גשטארבן ירד דר זון פון מהללאל אונ ירד האט גלעבט ניין הונדערט אונ צווייא אונ זעכציג יאר . אונ אלע מענשן וואס זענן גגאנגן אין גאטס וועג זענן זיי גשטארבן אין דר דאזיגר צייט כדי זיי זאלן ניט זעהן דאס שלעכטס וואס גאט

ב"ה

תם וישר

ב"ה הט גזאגט ער וועט ברענגן אוף די שלעכטע מענשן :

ויהי אין סוף פיל טעג אונ פיל יאר ארום ביז נח איז אלט גוואהן פיר הונדערט אונ צוויי אונ אכציג יאר . זענן שון אום גשטארבן אלע פרומע אונ גאטס פארכטיקע לייט אונ עס איז נאר איבר גבליבן מתושלח אונ נח . הט גאט ב"ה גזאגט צו מתושלח אונ צו נח אז זייא זאלן גיין אונ אום רופן אין אלי גאסן אזו צו זאגן . קערט אפ פון די שלעכטי מעשים אונ פר לאזט אייערי שלעכטע וועג און אז איר וועט אזו טון וועט זיך גאט ב"ה בדענקן אוף דעם שלעכטס וואס ער הט זאלן ברענגן אויף אייך עס זאל ניט זיין אונ גאט ב"ה הט אזו גזאגט . איך גיב אייך צייט הונדערט אונ צוואנציג יאר . אוב איר וועט זיך אום קערן צו מיר אונ וועט פר לאזן אייערע שלעכטע וועגן וועל איך אוף אייך ניט ברענגן קיין שלעכץ וואס איך האב גזאגט . אונ אזו האט מתושלח אונ נח צו זיי גזאגט אלע טאג אין דר פריא אונ פר נאכט . אבר די מענשן האבן ניט גוואלט צו הערן די רייד אונ זענן גוועזן הארט אקין :

וישם אונ גאט ב"ה הט גטון צו זיי אצייט הונדערט אונ צוואנציג יאר אויב זייא וועלן הרטה האבן אוף זייערי שלעכטי מעשים . אונ נח דר זון פון למך הט ניט גוואלט נעמן קיין ווייב ווארום נח הט גזאגט אז גאט ב"ה וויל פר דארבן אלע פון דר ערד וואס טויג מיר קונדער . אונ נח איז גוועזן גאנץ פרום אין זיינע דורות . אונ גאט ב"ה הט אום דר ווייל'ט אן נח אז עס זאל ארום קומן פון אים אוועלט :

ויאמר אונ גאט זאגט צו נח נעם דיר אווייב אונ האב מיט איר קונדר . דען איך הב גזעהן אז דו בישט פרום אין דעם דור אונ דו מיט דיין ווייב אונ קונדער וועלן בלייבן לעבן אוף דר ערד . איז נח גגאנגן אונ הט גנומן אווייב אונ זי הייסט נעמה זי איז די טאכטר פון חנוך . און נעמה איז אלט גוועזן פינף הונדערט אונ אכציג יאר און נח איז אלט גוועזן פיר הונדערט אונ ניין און ניינציג יאר בשעת ער הט גנומן נעמה פר אווייב . אונ נעמה הט גוויגן אזון הט נח אים אנאמן גגעבן יפת אונ נעמה האט ווייטר גוויגן אזון אונ נח הט אים אנאמן גגעבן חם אונ נעמה הט ווייטר גוויגן אזון און נח הט אים אנאמן גגעבן שם צו זאגן אז גאט הט מיך גטון צו איין איבר בלייבונג צו זיין אוף דר ערד . און נח איז דעמאלט אלט גוועזן פינף הונדרט אונ צוויי יאר בשעת נעמה הט אים גוויגן די דריי קונדר . און די דריי קונדר זענן אוף גוואקסן אונ זענן גגאנגן אין גאטס וועג אזו ווי מתושלח אונ נח האבן זיי גלערנט און למך דער פאטר פון נח איז גשטארבן אין דער דאזיגר צייט . און לכך איז אלט גוועזן זיבן הונדרט אונ זיבציג יאר , און נח איז דעמאלט אלט גוועזן פינף הונדרט און ניינצין יאר . און אלי וואס זענן גוועזן גוט און פרום זענן גשטארבן אין דעם יאר כדי זיי זאלן ניט זעהן דם שלעכץ וואס גאט וועט ברענגן אוף זייערע ברודר אודר זייערי פריינט : בעת אין דר דאזיגר צייט הט גאט גזאגט צו נח אונ צו משותלח אזו צו זאגן . שטייט אוף אונ רופט אום אז אלע מענשן זאלן הערין די דאזיגע רייד וואס איך הב צו אייך גרעט פאטר וועלן זיי זיך אום קערן פון שלעכטן וועג . וועל איך אוף זיי ניט ברענגען דאס

שלעכץ

שלעכין איז אויף געשטאנן נח און מתושלח און האבן גטון אזו וויא גאט האט זיי גזאגט אבר די מענשן האבן גאר ניט גוואלט צו הערן די דאזיגע רייד :

ויהי אונ נאך דעם הט גאט גזאגט צו נח דר סוף פון אלי מענשין איז גקומן צו פר מיר . פון וועגן זייערי שלעכטי מעשים אונ נון איך וויל זייא פר דארבין פון דר ערד אונ דו נח נעם צו דיר פימסן האלץ אונ זאלסט גיין וויא דו ווייסט אונ זאלסט מאכן צו דיר איין גרוסן קאסטן . אונ אזו זאלסטו מאכן דעם קאסטן דריי הונדערט איילן דיא לענג . אונ פופציג איילן די ברייט . אונ דרייסג איילן די הייך אונ זאלסט מאכן איין טיר אין דער זייט . אונ זאלסט מאכן אז עס זאל אובן שמאל זיין איין אייל די ברייט . אונ זאלסט זי אום שמירן פון אינן ווייניג אונ פון אוסן ווייניג מיט פעך . ואני אונ איך וועל ברענגן אמבול אז עס זאל פאר דארבן אלדונג וואס עס איז פר האנדן אויף דר ערד . אונ דו נח מיט דייני קינדר זאלט איר קומן אין דר תיבה ארייין אונ איר זאלט איין זאמלן פון אלע בשעפניש צוויי . מאן אונ ווייב אונ זאלסט ברענגן אין דער תיבה אריין כדי עס זאל זיין אגרבניש אויף דער וועלט . אונ אויך זאלט איר ברענגן פון אלי עסן ווערג כדי איר זאלט האבן צו עסן . אונ אויך דיא בהמות אונ חיות אונ עופות זאלן אויך האבן צו עסן : ובחרת אונ דו זאלסט אוס דר ווייל צו דייני קינדר יונג פרואן אונ זיי זאלן זיין צו דייני קינדר פר ווייבר : ויקם אונ נח איז אויף גישטאנן אונ מאכט די תיבה אין דר דאזיגר שטאט ווי גאט האט אים גהייסן : ובשנת אין דאס יאר אז נח איז אלט גוואורן פינף הונדרט אונ פינף אונ ניינציג יאר הט נח אן גהובן צו מאכן די תיבה : אונ אז נח איז אלט גוואורן זעקס הונדרט יאר הט נח אום גבוט שון די תיבה מיט אלי אירע זאכן אונ נח האט גמאכט די תיבה פינף יאר אזו וויא גאט האט גבאטן : דענצמאל הט נח גנומן צו זייני דריי קינדר דריי טעכטר פון אליקים דער זון מתושלח אזו ווי גאט הט גבאטן צו נח :

בעת אין דר דאזיגר צייט איז געשטארבן משותלח דר זון פון חנוך . אונ מתושלח איז אלט גוועזן ניין הונדרט אונ ניין אונ זעכציג יאר אונ נאך דעם אז מתושלח איז געשטארבן הט גאט גזאגט צו נח קום דו אונ

תם וישר

דיין הויז גזונד אין דער תיבה אריין אונ איך וועל דיר איין זאמלן אלע בהמות אונ אלי חיות אונ אלי עופות אונ וועלן ארום רינגלן די תיבה אונ דו זאלסט זיך זעצן אונטר די טיר פון די תיבה אונ וועלכי בהמות אדר חיות אדר עופות וואס וועלן האערן פר דיר זאלסטו זיי נעמן אונ זאלסט געבן צו דייני קינדר כדי דייני קונדר זאלן זיי אריין ברענגן אין דר תיבה אריין דס איז אסימן אז זיי האבן גהיט זייער מין . אונ וועלכי בהמות אונ חיות אונ עופות וואס זיי וועלן נאר שטיין פאר דיר זאלסטו זיי ניט נעמן אין דר תיבה אריין : אונ עס איז גקומן דר אנדרר טאג זענן גקומן חיות אונ בהמות אונ עופות אונ האבן זיך גשטעלט פר דר תיבה איז נח ארום גגאנגן אונ האט זיך גזעצט לעבן דר טיר פון דר תיבה . אונ וועלכי בהמות אונ חיות אונ עופות ווס האבן גהאערט הט נח זיי גנומן אונ הט זיי געגעבן צוא זיינע קינדר אז מזאל זייא אריין נעמן אין דר תיבה אריין אונ וועלכי פון זיי זענן גשטאנן הט נח זיי פר לאזט . אונ דער וייל איז גקומן איין לעמפרט מיט אירע צווייא קליני לעמפרטלך איינם אזכר איינם אנקבה אונ האבן אלי דרייא פר נח גקניעט דר וייל זענן אויף גשטאנן דיא צווייא קלייני לעמפרטלך אונ האבן גשלאגן דעם גרוסן לעמפרט אונ זענן אלי דריי אנטלאפן גווארן פון זייער ארט אונ דר וייל זענן די צוויי קליינע לעמפרטלך גקומן צוא נח אונ האבן גקניעט פר אים . אונ דער גרוסר לעמפרט איז אנטלאפן צווישן די לייבן אונ חי נח הט דס דר זעהן הט ער זיך זייער פר וואנדרט דרויף אונ נח איז אוף גשטאנן אונ הט גנומן די צוויי קליינע לעמפערטלך אין דר תיבה אריין . אונ נח האט אריין גבראכט אין דער תיבה פון אלע בשעפניש וואס עס איז גוועזן אויף דער ערד פון אזעלכי בשעפניש וואס זענן ניט ריין גוועזן איז גוועזן צווייא אזכר מיט אנקבה . אונ פון די בשעפניש וואס איז יוא ריין גוועזן הט ער גנומן זיבן אזו ווי גאט הט אים גבאטן . אונ אלע בהמות אונ חיות אונ עופות וואס זענן גוועזן אויף דר ערד האבן ארום גרינגילט די תיבה פון אלע זייטן :

והגשם אונ דר רעגן איז נאך ניט גוועזן ביז זיבן טעג זינד נח איז אריין גגאנגן אין דער תיבה . אונ גאט ב״ה האט דעם זעלבגן טאג

גשטורמט

גשטורמט איבר דר גאנצע וועלט אונ די זון איז גווארן פינצטר אונ די גרונד פעסט האבן גציטרט אונ עס איז געוועזן גרויסע בליצן אונ דונערן וואס אזעלכעס איז נאך ניט געוועזן זינד דיא וועלט איז בשאפן גווארן: אונ גאט ב"ה האט דאס געטון כדי טאמר וועלן זיי תשובה טון. אונ זייא האבן פארט ניט חרטה געהאט אונ האבען ניט אפ גקערט פון זייער שלעכטן וועג אונ מערן נאך שלעכץ צו טון. אונ אז נח איז שון געוועזן זיבן טעג אין דער תיבה. אונ נח איז דעמאלט אלט געוועזן זעקס הינדערט יאר איז שוין געוועזן וואסר פון מבול אויף דער ערד. אונ עס האבן זיך געשפאלטן אלי קוואלן פון אפגרונד אונ אלי פענצטר פון הימל האבן זיך גיעפינט אונ עס האט גרעגנט אויף דר ערד פערציג טאג אונ פערציג נעכט. אונ גאט ב"ה האט פר שלאסן דיא תיבה:

ווייעפו אונ אלע די מענשן וואס זענן געוועזן אויף דר ערד זענן מיר גווארן פון רעגן. דען דר רעגן האט זיך זייער גשטארקט אויף דר ערד. אונ בהמות חיות אונ עופות זענן נאך ארום דער תיבה גשטאנן: ויתקבצו אונ עס האבן זיך איין גזאמעלט אלע מענשן מיט אננדר איין ערך פון זיבן מאל הונדערט טויזנד מענשן מאנן אונ ווייבר אונ זיי קומן אלי צו נח פר דער תיבה. ויקראו אונ אלע מענשן האבן גרופן צו נח עפן אונז אויף די תיבה וועלן מיר אריין גיין אין דער תיבה אונ פר וואס זאלן מיר שטארבן: ויען האט נח גענפערט צוא זיי מיט אהוך קול פון דער תיבה אונ האט צו זייא גזאגט פאר וואר איר האט ווידר גשפעניגט אן גאט ב"ה איבר דעם האט גאט ב"ה אויף אייך גבראכט דאס שלעכץ צו פר טיליגן אייך אונ צו פר וויסטן אייך פון די ערד: הלא פר וואר די זאך וואס איך האב אייך גרעט הונדרט אונ צוואנציג יאר ביז היינטיגן טאג אונ איר האט ניט גוואלט הערן די רייד פון גאט. אונ אצונד ווילט איר בלייבן לעבן אויף דר ערד: ויאמרו אונ זיי זאגן ווידר צו נח מיר זענן היינט אלי מענשן דא אונ מיר וועלן תשובה טון צו גאט ב"ה נייערט עפן אונז אויף דיא תיבה כדי מיר זאלן לעבן בלייבן: ויען אונ נח ענפערט ווידר צו זיי פון דר תיבה אזו צו זאגן: אצונד אז איר זעהט שוין די צרות פון אייערע לייבר ווילט איר תשובה

טון צו גאט ב״ה אונ ווארום הט איר ניט תשובה גטון אין די הונדערט אונ צוואנציג יאר גאט ב״ה האט אייך אפ גגעבן אצייט אוף תשובה אונ אצונד קומט איר צו מיר אונ רעט אזעלכע זאכן פון דיא שלעכטע צרות פון אייערע לייבר. אצונד וועט אייך גאט אוך ניט צו הערן אונ איר וועט ניט מצליח זיין מיט אייערע רייד אין דעם טאג :

ויגשו אונ אלע מענשן גנעהן צוא דר תיבה אונ האבן זיא גוואלט צו ברעכן כדי זיי זאלן אין איר אריין ניין מחמת דעם רעגן אונ גאט הט גשוקט אלע חיות אונ אלע בהמות אז זיי זאלן ארום רגגן די תיבה אונ וועלכע מענשן וואס זענן צו גגאנגן צוא דר תיבה האבן דיא חיות און בהמות גהרגת. איז איטליכר מענש אוועק גגאנגן אין זיין וועג. אונ דר רעגן הט גנידערט אוף זיי ביז פערציג טעג אונ פערצינ נעכט און דם וואסר האט זיך זייער גשטארקט אוף דער ערד אזו זענן אום גשטארבן אלע מענשן אונ אלע בהמות אונ חיות אונ עופות נאר נח מיט זיינע קינדר זענן איבר גבליבן אונ אוך דיא דאזיגע וואס זענן גוועז אין דר תיבה אונ דם וואסר הט זיך זייער גשטארקט אונ גמערט צו טראגן די תיבה. אונ די תיבה איז גשווימן אויף דעם וואסר אונ זיא הט זיך גקערט אהין אונ אהער פון איין זייט צו דר אנדרי זייט : ויהי אונ עס איז גוועזן גרוס צער צו אלע וואס זענן גוועזן אין דער תיבה אונ דיא תיבה איז שיעור צוא בראכן גווארן. אונ אלע וואס זענן גוועזן אין דער תיבה האבן זיך דר שראקן. די לייבן האבן גברומט אונ די אקסן האבן גשריגן איטלכר אוף זיין קול אונ אויך נח אונ זיינע קינדער האבן גשריגן אונ גוויינט אויף דער צרה :

ויתפלל אונ נח טוט תפלה צו גאט אונ שרייט אוף דר דאזיגר זאך אונ זאגט איך בעט דיך גאט העלף אונז דען מיר האבן קיין כח ניט צו לייהן דם וואס הט אונז ארום גרינגלט. גאט ענפר אונז. גאט דער לייז אונז גאט הער אונז צו אונ דר בארם דיך איבר אונז. אונ גאט האט צו גהערט דם קול פון נח אונ גאט הט גמאכט איבר פארן איין ווינט אוף דר ערד איז די וואסר גשטילט גווארן אונ די תיבה הט שוין גרוט :

ויסברו אונ עס איז גווארן פר שטאפט די קוואלן פון די אפ גרונדן אונ

אויך די פענצטער פון הימל אונ דר רעגן הט שון אוף גהערט אונ די תיבה הט שון גרוט אוף די בערג פון אררט אונ נח הט גיעפנט די פענצטער פון דר תיבה אין דער זעלבגר צייט: ויקרא און נח רופט צו גאט ב״ה נאך מער אונ זאגט אים איך בעט דיך גאט דר גאט ווס הט בשאפן הימל אונ ערד אונ אלי וואסרן. צ״ה אוס פון דעם פר שליסונג אונזרע לייבר דען איך בין זייער מיד פון מיין זיפצן. וישמע אונ גאט ב״ה הט צו גהערט די רייד פון נח אונ זאגט צו אים אז דס יאר ווט דר פילט ווערן דעמאלט וועסטו ארוס גיין: ויהי אונ אז דס יאר איז דר פילט גווארן איז דס וואסר טרוקען גווארן פון דר ערד: אונ נח הט אפ גטאן די דעק פון דר תיבה אין דר זעלביגר צייט. אונ אין זיבן אונ צוואנציג טעג אין אנדערן חודש איז די ערד טרוקן גווארן. נייארט נח מיט זיינע קינדר אונ אלי ווס זענן

גוועזן מיט אים אין דר תיבה זענן ניט ארוס ביז גאט הט זיי גהייסן:

ויהי היום אונ אז עס איז גקומן דער טאג ווס גאט הט צו זיי גזאגט אז זיי

זאלן ארוס גיין פון דר תיבה זענן זיי אלע ארוס גגאנגן אונ איטליכר

איז גגאנגען צו זיין וועג אונ צו זיין אורט: אונ נח מיט זיינע קינדער זענן גוועסן אוף זייער אורט אונ האבן גדינט גאט אלע זייערי לעב טאג: אונ גאט בענשט נח מיט זיינע קינדר בשעת זיי גייען ארוס פון דר תיבה אונ גאט זאגט צו זיי פרוכפרט אייך אונ מערט אייך אונ דר פילט דיא ערד אונ שטארקט אייך אונ ווידמיט אייך אוף דער גאנצר ערד: וכוש אונ כוש דער זון פון חם האט גנומן אווייב אוף זיין עלטער: אונ זיא געווינט אים אזון אונ מען גיט אים אנאמן נמרוד אונ פר ווס האבן זיי אים גרופן נמרוד צו זאגן אז די מענשן ווס זענן גוועזן אין דער זעלביגי צייט האבן ווידר געשפעניגט אן גאט ב״ה. אונ דס קינד איז דר וואקסן גווארן אונ זיין פאטר הט אים זייער ליב גהאט וויל ער איז געבארן גווארן אוף זיין עלטר: אונ עס איז גגעבן גווארן צו כוש דס העמד פון אדם הראשון בשעת אז ער מיט חוה זענן ארוס גגאנגן פון גן עדן. אונ אז אדם הראשון איז גשטארבן הט מען גגעבן דס העמדל צו חנוך דער זון פון ירד. אונ אז חנוך איז ארוף גגאנגן אופן הימל האט מען גגעבן דס העמדל צו זיין זון מתושלח. אונ אז מתושלח איז גשטארבן הט

תם וישר

נח גנומן דס העמדל אין דר תיבה אריין איז דס העמדל גוועזן ביי
אונ בשעת אז זיי זענן ארוס גגאנגן פון דר תיבה האט חם גגנבת
העמדל פון זיין פאטר אונ הט עס בהאלטן פר די ברידר . אונ אז חם ד
גווינן כוש האט ער אים גגעבן דס העמדל . אונ אז כוש הט גווינן נמרוד
הט כוש אים גגעבן דס העמדל מחמת ליב שאפט :

ויגדל אונ אז נמרוד איז דר וואקסן גוואורן אונ איז אלט גוואורן צוואנציג
יאר . האט נמרוד אן גטאן די דאזיגע קליידר . אונ נמרוד הט זיך
גשטארקט אז ער הט אן גטאן דס קלייד . אונ גאט הט אים גגעבן קראפט
אונ שטארקייט אונ פלעגט חאפן חיות אין פעלד . אונ נמרוד הט גבויט
איין מזבח אונ האט מקריב גוועזן די חיות פר גאט : ויתחזק אונ נמרוד
האט זיך גשטארקט אונ איז גשטאנן פר זיינע ברודר אונ הט פאר זייא
מלחמה גהאלטן מיט אלע פיינד פון זיינע ברודר . אונ גאט האט אים
בגליקט אלי מאל אין זיינע מלחמות אונ האט גקיניגט אוף דער ערד .
דרום איז גוועזן אין דר זעלביגר צייט . דר משל . אזו ווי איינר וואפינט זייני
יונגן צו דר מלחמה . ויאמרו אונ די דאזיגע לייט זאגן צו אים אזו וויא
נמרוד וואר איין גרויסר שיסר ארום צו יאגן אין פעלד אונ הט בגליקט
אין אלי מלחמות אונ הט מציל גוועזן די ברודר פון אלי פיינט . אזו זאל
אוך גאט דיך שטארקן אונ בשירמן . ויהי אונ אז נמרוד איז גוואורן מושל
אונ הט מנצח גוועזן אלי פיינט . האט ער זיך איין עצה גהאלטן מיט זייני
יועצים מען זאל אים בויען איין שיינם פאלעץ אונ האבן שטארק גזוכט
ביז זייא האבן גפונן איין אורט אין מזרח זייט ווי די זון טוט אוף גיין אונ
בויען אים איין גרויסע שטאט זייער לאנג אונ ברייט אונ זייער שיין . אונ
נמרוד הט גרופן די שטאט שנער דען גאט הט אום געליידיגט אלע
פיינט אונ הט זיי בצווינגן . אונ נמרוד איז גזעסן אין דר שטאט שנער
אונ איז גזעסן זיכרליך אונ האט מלחמה גהאלטן מיט אלי פיינט . אונ
הט זיי געמאכט אונטר טעניג . אונ נמרוד איז זייער מצליח אין אלע
מלחמות אונ איז גוואורן זייער גרוס : וכל אונ אלע פעלקר האבן גהערט
פון אים אזו האבן זיך אלע איין גזאמלט צו אים אונ האבן אים גבראכט
מתנות . אונ זענן אלע ביי אים גבליבן זיצן אין דר שטאט שנער

און

אונ נמרוד איז מושל איבר אלע קונדער פון נח אונ זענן גוועזן אונטער זיין האנט אונ אונטער זיין עצה אונ דאס גאנצי לאנד איז גיוועזן איין עצה אונ איין רייד :

אונ נמרוד איז ניט גגאנגן אין גאטס וועג אונ איז גוועזן נאך מער רשע ווי די מענשן וואס זענן גוועזן נאך דעם דור המבול . אונ הט גמאכט אפ געטר אונ בוקט זיך צו זיי . אונ נמרוד ווידר שפעניגט אן גאט ב"ה אונ לערנט אלי זיינע קנעכט אונ מענשן זיין שלעכטן וועג . אונ אוך זיין זון מרדון איז נאך גוועזן ערגר פון אים אונ איטליכער מענש וואס האט גהערט די שלעכטע מעשים פון מרדון האבן זיי אזו גזאגט . פון רשעים גייט ארויס איין רשע :

ותרח אונ תרח דר זון פון נחור איז גוועזן ביי נמרוד איין מארשליק אונ איז גוועזן ביי נמרוד זייער חשוב אין דר דאזיגר צייט אונ ביי אלי קנעכט . אונ ער אונ די שרים האבן אים זייער ליב גהאט אונ האבן אים דר הייכט . אונ תרח הט גנומן אווייב אונ זי הט גהייסן אמתלאה זיא איז גוועזן די טאכטר פון כרנבו אונ זי הט גווינן איין זון אונ תרח איז דעמאלט אלט גוועזן זיבציג יאר . אונ תרח הט אים אנאמן געגעבן אברם ווארום אברם איז טייטש הוך צו זאגן אז דר מלך נמרוד הט אים דר הייכט איבר אלע שרים וואס זענן ביי אים גוועזן :

ויהי אונ עס איז גוועזן די נאכט וואס אברם איז גבארן גווארן . זענען גקומן אלי קנעכט פון תרח אונ אלי חכמים פון נמרוד אונ אלע מכשפים אונ האבן געגעסן אונ גטרונקן ביי תרח איין גאנצע נאכט אונ אוך האבן זיי זיך מיט אים גפרייט איין גאנצע נאכט . אונ בשעת אז זיי זענן אוועק גגאנגן פון תרח אלע חכמים אונ אלע מכשפים האבן זיי אוף גהובן זייערע אויגן צום הימל אונ צו די שטערן האבן זיי גזעהן אז איין גרוסר שטערן קומט פון מזרח זייט אונ איז גלאפן אונ הט איין גשלונגן פיר שטערן פון פיר זייטן . האבן זיך פר וואונדרט אלע חכמים אונ אלע מכשפים אויף דער זאך . אונ די חכמים האבן פר שטאנן די זאך אונ האבן גוויסט וואס דס בטייט אונ איינר זאגט צום אנדערן דען נייערט דס קינד וואס איז גבארן גווארן היינטיגע נאכט צו תרח דאס קינד וועט

גרוס

תם וישר

גרוס ווערן אונ ווערט זיך פרוכפרן אונ מערן זייער אונ ווערט ארבן דס לאנד ער אונ זיינע קינדר . אונ איטליכר פון די חכמים אונ פון דיא

מכשפים איז גגאנגן אהיים :

ויהי אונ אז עס איז גקומן אין דר פרי . זענן זיי אלע אויף גשטאנען אונ האבן זיך איין גזאמלט אין איינם אונ זענן גגאנגען אין ראט הויז איין עצה האלטן . הט איינר גזאגט צום אנדרן דאס וואס מיר האבן גזעהן ווייסט דאך נמרוד דר פון ניט אונ אז עס וועט קומן צום סוף וועט ער צו אונז זאגן פר וואס הט איר מיר ניט מודיע גוועזן . וועט ער אונז אלע לאזן שטראפן : ועתה אונ אצונד לאזן מיר גיין צו נמרוד אונ מיר זאלן אים דר ציילן די זאך וואס מיר האבן גזעהן . אונ האבן אזו גטאן אונ זענן גקומן אונ האבן זיך גבוקט צו אים . אונ האבן גזאגט מיר האבן גהערט אז עס איז גבארן גווארן איין זון צו תרח . אונ מיר זענן גקומן צו אים נעכטן אונ מיר האבן גגעסן אונ גטרונקן אונ מיר זענן גוועזן לוסטיג . אונ אז מיר זענן אוועק גגאנגן אהיים שלאפן . האבן מיר אויף גהובן אונזרע אויגן צום הימל האבן מיר גזעהן אז עס איז גקומן איין גרוסר שטערן פון מזרח וואס דארטן גייט אויף די זון . אונ לויפט זייער שטארק אונ האט איין גשלונגן פיר אנדרע גרוסע שטערן . אונ אז מיר האבן דס גזעהן האבן מיר זיך זייער פר וואונדרט דר אויף אונ מיר האבן זיך דר שראקן . אזו האבן מיר בטראכט די זאך אז דס בטייט אז דס קינד וואס איז גבארן גווארן צו תרח וועט ווערן גרוס אונ שטארק אונ וועט בייא קומן גבורים אונ וועט האבן מדינות ער מיט זיינע קינדר : ועתה אונ אצונד אדוננו נמרוד מיר האבן דיר מודיע גוועזן די זאך וואס

מיר האבן גזעהן . איז אונזר עצה אז אדוננו זאל געבן צו תרח פיל געלד פר זיין קינד אונ מען זאל דס קינד אום ברענגן אייא עס וועט אויף וואקסן אויף דר ערד : וישמע אונ נמרוד איז וואול געפעלן דיא זאך אונ הט גשיקט נאך תרח אונ גזאגט צו תרח . עס איז מיר גזאגט גווארן אז היינטיגע נאכט איז בייא דיר גבארן גווארן אזון . אונ אזו איז גזעהן גווארן אויף דעם הימל דרום איצונד גיב דם קינד . אונ איך וועל דיר געבן פול גאלד אונ זילבר . אונ תרח ענפרט . אבר ווער וועט ירשינן דם געלט :

ויהי

ויהי אונ אז נמרוד הט געהערט די רייד פון תרח · איז ער געווארן אין כעס אונ זיין
גרים צארן הט געברענט אין אים · אונ אז תרח הט געזעהן אז נמרוד איז אין כעס ·
הט תרח גזאגט מיין הער אדרבה אפילו דם קינד זאל אוך געגעבן ווערן צו מיין הער
אן געלט · הט נמרוד גזאגט ווידר צו אים ניין איך וויל נאר אז דו זאלסט מיר פר
קויפן דם קינד פר געלט · זאגט תרח ווידר איך בעט דיך מיין הער לאז ריידן דיין קנעכט
איין זאך פר דיר · אונ נמרוד זאגט צו אים רייד · הט תרח גזאגט גיב מיר דאך מיין
הער דריי טעג צייט איך וועל מיך מיישב זיין מיט מיין ווייב · הט נמרוד צו געהערט
די זאך אונ הט אזו גטאן אונ הט אים געגעבן צייט דרייא טעג : ויצא אונ תרח איז
ארוס גגאנגן פון נמרוד אונ איז גגאנגן אהיים אונ הט פר ציילט די גאנצע זאך אונ
אז עס איז גקומן דר דריטר טאג הט נמרוד גשוקט צו תרח אזו צו זאגן · שיק מיר
דיין קינד פר דעם אוצר געלט וואס איך וויל געבן · אונ אוב דו וועסט אזו ניט טאן ·
וועל איך לאזן טייטן דיך אונ אלע וואס אין דיין הויז זענן פר האנדן : וימהר אונ תרח
איילט אונ נעמט איין קינד פון זיינע קנעכט וואס דיא שפחה הט געווינן דעם זעלביגן
טאג אונ הט גבראכט דם קינד אונ גאט ב"ה איז אוך געוועזן צו היקף אין דר זאך כדי
נמרוד זאל ניט טייטן אברם · אונ נמרוד נעמט דם קינד פון תרח · דען ער הט גמיינט
אז דם איז אברם · אונ די זאך איז פר געסן געווארן פון מלך · אונ דם אלץ איז געוועזן
פון גאט ב"ה כדי אברם זאל ניט געטייט ווערן :

ותרח אונ תרח הט גנומן אברם מיט דר מוטר אונ די זייגערן אונ האט זיי בהאלטן
אין איין הייל אונ האט זיי געגעבן דארט צו עסן · אונ גאט ב"ה איז געוועזן מיט
אברם אין דער הייל אונ אברם איז געווארן גרוס אונ אברם איז געוועזן אין דר הייל צעהן
יאר · אונ נמרוד אונ אלע חכמים אונ אלע מכשפים אונ אלע קנעכט האבן גמיינט אז
נמרוד הט גטייט אברם · אונ הרן דר זון פון תרח דר ברודר פון אברם ווס ער איז
געוועזן עלטר פון אברם הט גנומן אווייב · אונ הרן איז אלט געוועזן ניין אונ דרייסיג
יאר בשעת ער הט גנומן דם ווייב אונ זי הט אים געווינן אזון · אונ מען הט אים אנאמן
געגעבן לוט · אונ זי הט נאך געווינן איין טאכטר אונ מען הט איר אנאמן געגעבן מלכה ·
אונ זי הט געווינן נאך איין טאכטר אונ מען הט איר אנאמן געגעבן שרי · אונ הרן איז
אלט געוועזן צווייא אונ פערציג יאר בשעת אז שרי איז געבארן געווארן · אונ אברם איז
אלט געוועזן צעהן יאר בשעת אז שרי איז געבארן געווארן · אונ אין דר זעלביגר צייט
איז אברם אונ זיין מוטר אונ זיין זייגרן ארוס גגאנגן פון דר הייל · דען נמרוד אונ
די קנעכט האבן פר געסן אן אברם · אונ אברם איז ארוס גגאנגן פון דר מערה איז
ער גגאנגן צו נח אונ צו זיין זון שם · אונ בלייבט ביי זיי זיצן אונ לערינט פון זייא
גאטס מוסר אונ זיינע וועגן · אונ קיין שום מענש הט ניט געקענט אברם · אונ אברם
הט בריינגט נח מיט שם פיל טעג · אונ אברם איז געוועזן ביי נח אין חוז ניין און דרייסיג
יאר · אונ אברם האט דר קענט גאט ב"ה זינט ער איז אלט געוועזן דרייא יאר · אונ
אברם איז גגאנגן אין גאטס וועג ביז אין טויט אריין אזו ווי נח מיט זיין זון שם האבן
אים

תם וישר

אים גלערינט . אונ אלע מענשן וואס זענן געוועזן אויף דר ערד האבן מורד געוועזן אן גאט ב״ה און האבן גדינט אפ געטר . אונ זיי האבן נאר פר געסן אן גאט וואס ער האט זייא בשאפן אונ איטליכר בזונדר האט זיך גמאכט איין אפ גאט פון הארץ אונ שטיינר וואס ער קען ניט רייערן און ניט הערן . אונ נמרוד מיט זיינע קנעכט און תרח מיט זיין גאנץ הויז גזונד האבן אן גהובן צו דינן די אפ געטר :

ויהי אונ צו תרח איז געוועזן צוועלף גרויסע אפ געטר אויף צוועלף חדשים . און איטליכן חודש האט ער גדינט אבזונדרן אפ גאט אונ האט מקריב געוועזן צום אפ גאט אפרעזענט אונ אנישאנק . אונ אזו האט ער גטון איטליכן חודש צו זיין אפ גאט . אונ האט זיך גבוקט צו זיי אונ האט צו זיי גדונט . אונ אזו האט גטון תרח אלע זיינע טעג . און אלע מענשן פון דור האבן אויך אזו גטון אונ האבן זיך אויך גמאכט אפ געטר . אונ דעם רעכטן גאט ב״ה האבן זיי פר לאזט . אונ עס איז ניט געפונן געווארן קיין שום מענש אין דר דאזיגר צייט ער זאל וויסן וואס גאט איז . דען זיי אלע האבן גדינט אפ געטר . נאר נח אונ זיין הויז גזונד אונ אלע וואס געוועזן אונטער זיין עצה די האבן יוא גקענט גאט ב״ה אין דר דאזיגר צייט . אונ אברם דר זון פון תרח איז דר וואקסן געווארן ביי נח אין הויז . אונ קיין שום מענש האט ניט געוויסט אז גאט ב״ה איז מיט אברם אונ גאט ב״ה גיט צו אברם אהארץ אז ער פר נעמט אונ איז פר שטענדיג און ווייסט אז אלץ וואס דער וועלביגר דור טוט וואס זיי דינן צו די אפ געטר איז אויך נארהייט דען זייא קענן ניט העלפען :

וירא אונ אז אברם האט געזעהן די זון שיינן האט ער גמיינט אז דס איז גאט אונ ער וויל אים דינן אונ האט גדינט די זון אגאנצן טאג אונ האט תפלה גטון צו איר . אונ ווי עס איז גקומן פר נאכט איז די זון פר גאנגן אונ עס איז פינצטר געווארן האט ער אויף גהובן זיינע אויגן אונ זעהט אז די זון איז ניט דא . האט אברם דר קענט אז דאס איז ניט קיין גאט . דר וויל האט אברם דר זעהן די לבנה אונ די שטערן . האט אברם גמיינט אז דס איז אגאט אונ די שטערן זענן קנעכט . האט אברם תפלה גטון צו איר אגאנצע נאכט . אונ ווי עס איז גקומן אין דר פרי האט ער ווידר דר זעהן די זון . האט אברם גזאגט ניין דס איז אויך ניט קיין גאט וואס האט בשאפן היכל אונ ערד . נאר זיי זענן גאטס קנעכט :

וישב אונ אברם האט זיך גזעצט ביי נח אין הויז האט אברם דר קענט וואס גאט ב״ה איז אונ זיין הייליגן נאמן אונ אין זיינע וועגן . אונ אברם האט גדינט גאט ב״ה אלע זיינע לעב טאג . אונ דס גאנצע דור האבן פר געסן אן גאט אונ האבן גדינט די אפ געטר . אונ ווידר שפעניגן אן גאט אלע טעג : אונ דר מלך נמרוד קיניגט זיכרליך און די גאנצע וועלט איז געוועזן אונטער זיין האנד . אונ די גאנצע וועלט איז געוועזן איין לשון אונ איין דבור . אונ אלע שרים פון נמרוד אונ אלע גרויסע לייט האבן איין עצה גהאט קעגן אין דר וועלביגר צייט . מצרים אונ כוש אונ כנען . אונ איינר זאגט צום אנדרן בוייט אייך אן מיר וועלן בויען אשטאט און אין דר שטאט וועלן מיר מאכן אגרויסן פאלץ גאנץ הויך .

אונ

אונ די הייך זאל זיין ביז אין הימל . און מיר וועלן מאכן אנאמן כדי מיר זאלן געוועלטיגן איבר דר גאנצר וועלט . כדי מיר זאלן ניצול ווערן פון ביז פון אונזרע פיינט . אונ מיר וועלן קינוגן איבר זיי מיט גוואלט . אונ מיר וועלן ניט ווערן פר שפרייט פון וועגן זייערע מלחמות . אונ זענן אלי גקומן פר דען מלך אונ האבן עס גזאגט דיא דאזיגע רייד איז עס דעם מלכות וואול געפעלן :

ויתקבצו אונ אלע משפחות האבן זיך איין גזאמלט איין ערך פון זעקס מאל הונדרט טויזנט מענשן אונ זענן גגאנגן אונ האבן גזוכט אברייט לאנד צו בויאן די שטאט אונ דעם טורם אונ האבן גזוכט אופן גאנצן לאנד האבן זיי ניט גפונן אזו איין לאנד ווי אין מזרח זייט אין לאנד שנער . אונ די לענג פון דעם לאנד איז אז ווי צוויי יאר גאנג און זענן גגאנגן אלע אהין אונ האבן זיך דארטן בזעצט :

ויחלו אונ זיי האבן אן גהובן צו מאכן ציגל אונ ווילן בויען די שטאט אונ דעם טורם

אונ דס בויען איז גוועזן צו ווידר שפעניגן אן גאט אונ טראכטן אין הארץ מלחמה צו האלטן מיט גאט אונ ארוף צו גיין אויף דעם הימל . אונ זיי זענן גוועזן כתות איין כתה האט גזאגט מיר וועלן ארוף גיין אויף דען הימל אונ וועלן דארט מלחמה האלטן און די אנדרע כתה האט גזאגט מיר וועלן ארוף גיין אויף דען הימל אונ מיר וועלין דארטען שטעלן אונזר אפ גאט אונ מיר וועלן דארטן עס דינן אונ די דריטע כתה האט גזאגט מיר וועלן ארוף גיין אויף דעם הימל אונ וועלן שיסן מיט פיילין . אונ גאט האט גוויסט זייערע שלעכטי מחשבות . אונ די מענשן האבן גזעהן אז מען זאל בויען די שטאט אונ דם טורם :

אונ בשעת אז זיי האבן אן גהובן צו בויען האבן זיי גבויט אגרוסע שטאט און אגרוסן טורם אונ דר טורם איז שון גוועזן אזו הויך אז מען האט בדארפט צו דער לאנגן ציגל אדר ליים צום בעל מלאכה האט גדויערט אגאנץ יאר . אונ אז אציגל איז אראפ גפאלן האבן זיי אלע גוויינט דדיבר מער אז אמענש זאל אראפ פאלן אונ שטארבן דען אז אמענש פלעגט אראפ פאלן אונ שטארבן האבן זיי זיך ניט מצער גוועזן . אונ גאט ב"ה האט גוויסט זייערע בייזע מחשבות . און אין דר צייט אז זיי האבן גבויט האבן זיי גווארפן פייקן צום הימל . אונ אז די פייקן זענן אראפ גפאלן צו ריק זענן די פייקן גוועזן רויט . אונ אז זיי האבן דר זעהן אז די פייקן זענן גוועזן רויט ווי בלוט . האט גזאגט איינר צום אנדרן אצונד האבן מיר שון דר שלאגן אלי וואס זענן פר האנדן אין הימל . אונ דאס איז אלץ גוועזן פון גאט ב"ה כדי זיי זאלן פר טיליגט ווערן פון דר ערד :

ויבנו אונ זיי בויען דעם טורם אונ די שטאט . אונ זיי טון אזו פון טאג צו טאג ביז עס איז גווארן דר פילט פיל טעג . אונ גאט זאגט צו די זיבעציג מלאכים וואס זיי שטיין צום ערשטן פארן כסא הכבוד אזו צו זאגן . לאזן מיר נידרען און פר מישן זייערע רייד כדי זייא זאלן ניט קענן פאר שטיין וואס איינער רעט צום אנדערן . אונ גאט האט אזו גטון :

ויהי אונ עס איז גוועזן פון דעם טאג אן אונ ווייטער פאר געסען זייא דאס לשון אונ איינער ווייסט ניט וואס דער אנדערער רעט . אונ אז דער

בעל

תם וישר

בעל מלאכה הט גנומן פון אנדערנס האנד ליים אדר ציגל אדר שטיינר וואס ער הט אים גאר ניט גזאגט · הט דר בעל מלאכה אוף אים אוואורף גטון איז ער גישטארבן אונ האבן אזו גטון פיל טעג איז פון זיי אום גשטארבן פיל מענשן איבר דר דאזיגר זאך : אונ גאט ב"ה שלאגט די דריי כיתות מענשן אונ שטראפט זיי נאך זייערי מעשים אונ נאך זייערי מחשבות · די ערשטע כיתה וואס האבן גזאגט אז זיי וועלן ארויף גיין אופן הימל אונ וועלן דארטן דינן דיא אפ געטר · איז פון זיי גווארן חיות · אונ דיא אנדרי כיתה וואס האבן גזאגט אז זייא וועלן ארויף גיין אופן הימל אונ וועלן שיסן מיט פיילן די דאזיגע זענן גהארגת גווארן איינר דורך דעם אנדרן · אונ דיא דריטע כיתה וואס האבן גזאגט מיר וועלן גיין אין הימל אריין אונ וועלן מלחמה האלטן · הט גאט ב"ה זיי פר שפרייט אוף דר גאנצר וועלט · אונ דיא דאזיגע וואס זענן נאך איבר גבליבן אז זיי האבן גזעהן אונ פר שטאנן דם שלעכץ וואס אוף זיי איז גקומן האבן זיי פר לאזט דם בוען אונ האבן זיך פר שפרייט אוף דר גאנצר וועלט · אונ איבר דעם האט מען גרופן דם אורט בבל ווייל דארט הט גאט ב"ה פר מישט די רייד פון דר גאנצר וועלט · אונ דם אורט איז אין מזרח זייט אין לאנד שנער :

אונ דעם טורם וואס די מענשן האבן גבויט הט די ערד אוף געפנט איר מויל אונ הט איין גשלונגן איין דריט חלק · אונ עס נידרט אראפ אפייער פון הימל אונ פר ברענט דאס אנדערי חלק · אונ דאס דריטע חלק איז איבר גבליבן · אונ עס איז אום גשטארבן פיל מענשן ביי דעם טורם וואס הט גאר קיין צאל ניט · אונ נאך דעם אז גאט ב"ה הט זיי צו שפרייט אוף דר גאנצר וועלט מחמת די זינד וואס זיי האבן גבויט דעם טורם · הט זיך אפ גטיילט איטליכע משפחה צו איר לשון אונ איטליכע משפחה הט זיך גבויט אשטאט אונ איטליכע משפחה הט אנאמן גגעבן זייער שטאט אזו וויא מען הט זיי גרופן אדר אזו אנאמן וויא זייערע קינדר האבן גהייסן אדר אזו אנאמן וואס הט זיך אין דר זעלביגר צייט גטראפן :

אונ נמרוד דר זון פון כוש איז נאך גוועזן אין לאנד שנער אונ קעניגט איבר זיי אונ זיצט דארט אונ בויט דארט שטעט · אונ די דאזיגע נעמן פון די פיר שטעט וואס נמרוד הט גבויט הט ער אנאמן געגעבן אזו ווי עס הט זיך אים גטראפן בשעת אז מען הט גבויט דעם טורם · איין שטאט הט ער גרופן בבל · צו זאגן אז גאט ב"ה הט פאר מישט די רייד פון דר גאנצר וועלט · אונ די אנדרע שטאט הט ער גרופן ארך צו זאגן אז פון דאנן הט גאט ב"ה פר שפרייט · אונ די דריטע שטאט הט ער גרופען אכד · צו זאגן אז איין גרוסע מלחמה איז גוועזן אוף דעם אורט · אונ דיא פערדע שטאט הט ער גרופן כלנה · צו זאגן אז דארטן זענן צו גאנגן גווארן אונ האבן זיך אום גלאזט אלי בעלי גאוה אונ גבורים :

אונ אז נמרוד האט אויס גבויט דיא פיר שטעט אין לאנד שנער · האט נמרוד בזעצט זיין פאלק אונ זיינע שרים אונ גבורים וואס זענן איבר גבליבן אין זיין קעניגרייך

אונ

אונ נמרוד הט זיך בזעצט אין בבל אונ הט גקעניגט זיכרליך אונ דיא קנעכט פון נמרוד האבן גרופן צו נמרוד אמרפל. אונ מיט דם אלים קערט זיך ניט נמרוד צו גאט ב״ה אונ טוט נאך מער שלעכץ אונ טוט נאך לערנן אלי מענשן שלעכץ. און מרדון דר זון פון נמרוד איז נאך גוועזן ערגר פון זיין פאטר אונ מאכט אויך זינדיגן מענשן. אויף דם זאגט די וועלט אמשל מרשעים יצא רשע. אונ אין דר צייט איז גווארן אמלחמה צווישן די משפחה פון די קונדר פון חם אויף די ערטר ווי זיי האבן גבוט צו זיך. אונ כדרלעומר דר מלך פון עילם פון דר משפחה פון שם איז ארוס גגאנגן מלחמה האלטן מיט דר משפחה פון די קונדר פון חם אונ הט זיי גמאכט אונטר טעניג אונטר זיין האנד אונ אויך דיא פינף שטעט אין דעם לאנד ככר מאכט ער זיי אויך אונטר טעניג אונ זיי האבן אים גדינט צוועלף יאר און גיבן אים צינס :

בעת אין דר זעלביגר צייט איז גשטארבן נחור דער זון פון שרוג און אין דעם יאר איז אברם אלט גוועזן ניין און פערציג יאר אונ נחור הט גלעבט הונדרט אונ אכט אונ פערציג יאר אונ אז אברם איז אלט גווארן פופציג יאר איז ער ארוס גגאנגן פון נח זיין. הוז אונ גייט צו זיין פאטערס הוז אונ אברם הט דר קענט גאט ב״ה אונ איז גגאנגן אין זיין וועג אונ דעם מוסר פון גאט אונ גאט ב״ה איז גוועזן מיט אים אונ תרח איז נאך גוועזן מארשליק ביי דעם קיניג נמרוד אין דר זעלביגר צייט אונ תרח הט נאך גדינט זייני אפ געטר וואס זענן גוועזן אום האלץ אונ אויס שטיין אונ אברם איז אריין גקומן אין זיין פאטרס הוז אונ צוועלף אפ געטר זענן גשטאנן אין הוז אונ אז אברם הט דם דר זעהן איז ער גווארן זייער אין כעס אונ הט גזאגט איך שווער ביי גאט ב״ה אז אין דריי טעג ארום וועל איך צו ברעכן אלי אפ געטר וואס דא איז פר האנדן אונ אברם איז ארויס גגאנגן פון פאטר אונ דער צארן האט גברענט אין אים אונ אברם איילט פון פאטרס קאמר אונ גייט אין הינטרשטן הויז אונ גפינט זיין פאטר זיצן אין הויף אונ אלי זייני קנעכט זענן גוועזן ביי אים אונ אברם קומט אונ זעצט זיך פארן פאטר אונ פרעגט אים פאטר זאג מיר ווי איז דר גאט וואס הט בשאפן הימל אונ ערד אונ אלי מענשן אונ אונז אויך :

ויען

תם וישר

ויען אונ תרח ענפרט צו זיין זון אברם דר ווס איז ביי אונז אין שטוב דר הט אונז בשאפן אונ אברם זאגט צום פאטר וויז מיר אוך דאט גנומן תרח אבראמן אונ הט אים אריין גפירט אין אינעווייניגסטן הויז אונ ווייזט אים די צוועלף גרוסע אפ געטר אונ אוך קליינע אפ געטר גאר אן צאל אונ תרח זאגט צו אברם די דאזיגי האבן בשאפן די גאנצי וועלט אונ תרח בוקט זיך צו אלי זיינע אפ געטר אונ איז פון דארט ארוס גגאנגן אונ אוך אברם. ורוח אונ די נבואה פון גאט האט גרוהט אוף אברם דעם זעלביגן טאג ביי דר נאכט אין דעם דאזיגען הויז אונ אברם רופט אונ זאגט ווי אוף דעם גאנצן דור ווס זיי האבן גפלאנצט מיט נארהייט אונ קענן ניט דעם וואהרן גאט שברא שמים וארץ אונ ווי אברם הט געזהן די אלע זאכן האט דער צארן גגרימט אין אברם אונ אברם הט די הילצנישע געטצן פר ניכטעט אונ תרח קומט אהיים אונ הערט דס קול ווס מען הט גהאקט מיט דר האק אין דעם חדר. ווירץ אונ תרח איז גלאפן אין חדר אריין ווי די אפ געטר זענן גוועו הט ער גפונן אז זיין זון אברם גייט ארוס פון דארטן אונ תרח איז אריין גגאנגן אין חדר גפינט ער אז אלי אפ געטר זענן צו בראכן אונ ווי תרח האט דר זעהן ווס אברם הט גטאן הט תרח גאיילט אונ איז גגאנגן צו נמרוד זאגט נמרוד צו אים ווס איז דיר הט תרח גזאגט איך בעט דיך מיין האר דו זאלסט צו הערן מייני רייד ביי מיר איז פר האנדן א זון ער איז אלט פופציג יאר אונ אזו הט ער גטון צו מייני אפ געטר אונ אזו הט ער גרעט צו מיר אונ אצונד בעט איך דיך מיין הער שיק נאך אים אונ מזאל עם ברענגן פר דיר אונ מען זאל אים אום ברענגן כדי מיר זאלן בשערימט ווערן פון זיין שלעכץ אונ נמרוד שוקט דריי מענשן פון זייני קנעכט און זיי האבן גבראכט אברם אונ נמרוד זאגט צו אברם זאג מיר ווס האסטו גטאן צו דיין פאטר אונ צו זיינע אפ געטר:

ויען אונ אברם הט געענפרט ווי ער הט געענפרט צום פאטר אונ אז נמרוד הט דר הערט די דאזיגי רייד פון אברם הט ער גהייסן אז מען זאל אים געבן אין תפיסה אריין אונ אברם איז גוועו אין דער תפיסה צעהן טעג אונ נמרוד הט גבאטן אז מען זאל אום ציהן אברם פון דער תפיסה

אונ

אונ מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶן אונ מֶען זָאל אִים אַרַיין וַוארְפֶן אִין קַאלְךְ אוֹבֶן פַר בְּרֶענֶן : וכל אונ אַלִי קְנֶעכְט אונ אַלִי שְׂרָרוֹת אונ אַלִי גִבּוֹרִים פוּן לַאנְד שְׁטַייעֶן אַקִייגֶען דֶעם קַאלְךְ אוֹבֶן צוּ זֶעהֶן אברם אונ אַלִי הָאבֶּן זִיךְ אַיין גְזַאמֶלְט אונ הָאבֶּן זִיךְ גְשְׁטֶעלְט פוּן וַוייטֶענְס אונ עֶס אִיז נִיט אִיבֶּר גְבְלִיבֶּן קַיין שׁוּם מֶענְשׁ וָואס עֶר זָאל נִיט קוּמֶן דֶעם זֶעלְבִּיגֶן טָאג צוּ זֶעהֶן אברם אונ אַז מֶען הָאט גְבְּרַאכְט אברם פוּן דֶער תְּפִיסָה פַארֶן קַאלְךְ אוֹבֶן הָאבֶּן דִי מְכַשְּׁפִים אִים דֶר זֶעהֶן הָאבֶּן זַיי אָן גְהוֹבֶּן צוּ שְׁרַייעֶן אונ הָאבֶּן גְזָאגְט אֲדוֹנִי פַר וָואר דָס אִיז דֶר מֶענְשׁ וָוס מִיר הָאבֶּן גְזֶעהֶן בִּשְׁעַת עֶר אִיז גְבָּארֶן גְוָוארֶן הַט אַיין גְרוֹסֶר שְׁטֶערְן אַיין גְשְׁלוּנְגֶן פִיר שְׁטֶערְן אַזוֹ וִוי מִיר הָאבֶּן דֶר צֵיילְט אונ הַיינְט אִיז שׁוֹן פוּפְצִיג יָאר :

ועתה אונ אַצוּנְד הָט זַיין פָּאטֶר אויךְ וִוידֶר גְשְׁפֶּעגִיגְט אָן דִיר אונ עֶר הָט דִיךְ גְנַארְט עֶר הָט דֶעמָאלְט גְבְּרַאכְט גָאר אַנְדֶר קִינְד אונ אַז נמרוד הָאט דֶער הֶערְט דִי דָאזִיגֶע רֵייד הָט גְבְּרֶענְט אָן אִים דֶר צָארֶן אונ הָט גְבָּאטֶן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶן תרח פַר אִים הָט מֶען גְבְּרַאכְט תרח הָט נמרוד גְזָאגְט צוּ תרח הֶאסְטוּ גְהֶערְט וָוס דִי מְכַשְּׁפִים הָאבֶּן גְזָאגְט אונ אַצוּנְד זָאג מִיר וִוי אַזוֹ דוּ הָאסְט גְטָאן אונ אוֹב דוּ וֶועסְט זָאגֶן דֶעם אֶמֶת וֶועט דִיר גָאר נִיט זַיין אונ וִוי תרח זֶעהְט אַז דֶר צָארֶן גְרַייכְט זַייעֶר בַּיי נמרוד .

הָט תרח גְזָאגְט עֶס אִיז אֶמֶת וָוס דִי מְכַשְּׁפִים הָאבֶּן גְזָאגְט הָט נמרוד צוּ אִים גְזָאגְט וִוי הָאסְטוּ גְטָאן דִי דָאזִיגֶע זַאךְ אונ הָאסְט וִוידֶר גְשְׁפֶּעגִיגְט מַיין מוֹל אונ הָאסְט מִיר גְגֶעבֶּן אַפְּרֶעמְד קִינְד הָאט תרח גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ זַייעֶר רַחֲמָנוּת גְהַאט אויף מַיין קִינְד הָאבּ אִיךְ גְנוּמֶן דָס קִינְד פוּן מַיין דִינְסְט אונ הָאבּ דָס גְבְּרַאכְט הָאט נמרוד גְזָאגְט צוּ תרח זָאג מִיר וֶוער הָאט דִיר עֵצָה דְרוּף גְגֶעבֶּן אונ תרח הָאט זִיךְ זַייעֶר גְפָארְכְטֶן אונ הָט גְזָאגְט מַיין גְרוֹסֶר זוּן הרן הָט מִיר אַיין עֵצָה גְגֶעבֶּן דְרוּף אונ הרן אִיז אַלְט גְוָוארֶן צְווַיי אונ אַכְצִיג יָאר אונ הרן הָט אִים גָאר נִיט קַיין עֵצָה גְגֶעבֶּן דְרוּף אונ תרח הָט גְזָאגְט כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ מַצִיל זַיין פוּן טוֹט הָאט נמרוד גְזָאגְט צוּ תרח דֶר פַר וָוס דַיין זוּן הרן הָט דִיר אַיין עֵצָה גְגֶעבֶּן דֶר פַר זָאל מֶען אִים פַר בְּרֶענְן מִיט אברם אִין קַאלְךְ אוֹיבֶן אונ הרן הָט זִיךְ גְטְרַאכְט אִין הַארְץ וֶועט אברם נִיצוֹל וֶוער אִיךְ אוֹךְ מִיט אִים נִיצוֹל

ווערן פון פייאר אונ אז תרח הט ארוף גלייגט די זאך אוף זיין זון הרן הט ער אוף געהערט צו ריידן דער פון :

ויצו אונ נמרוד הט געבאטן מען זאל נעמן הרן מיט אברם מען זאל זייא אריין ווארפן אין קאלך אובן אונ מאנזבלין אונ ווייבר אונ קליין גזינר זענן דען זעלביגן טאג געשטאנן נעבן זיי : ויקחו אונ דיא קנעכט האבן גנומן אברם אונ הרן אונ טועֶן אוס פון זיי דיא קליידר אונ האבן געבונדן זייערי הענט אונ פיס מיט שטריק אונ האבן זיי אריין גווארפן אין קאלך אובן אונ גאט ב״ה האט זיך דר בארימט איבר אים אונ גאט ב״ה גידערט צו אברם אונ בשירמט אברם פון פייאר אונ פון אברם איז מער ניט פאר ברענט גווארן נאר די שטריק וואס ער איז גוועזן גבונדן אונ אוף דיא דאזיגע מענשן וואס האבן זייא אריין גווארפן אין קאלך אובן איז אוף גגאנגן אפלם פון פייער צו זיי אונ זענן פר ברענט גווארן צוועלף מענשן אונ אברם איז גוועזן אין קאלך אובין דריי טעג אונ דריי נאכט אונ איז ארום גגאנגן אונ אלי קנעכט פון נמרוד האבן דאס גזעהן זענן דיא קנעכט גקומן אונ האבן אים גזאגט מיר האבן גזעהן אז אברם גייט ארום אין פייאר נאר די שטריק ווס ער איז גוועזן גבונדן זענן יוא פר ברענט גווארן אונ אז נמרוד האט דער הערט די דאזיגע רייד הט ער ניט גוואלט גלייבען אונ הט גשוקט אנדרע הארין בגלייבטע צו זעהן די דאזיגע זאך זענן זיי גיגאנגן צו ריק אונ האבן אים גזאגט אז די זאך איז אמת : ויקם איז נמרוד אוף גשטאנען אונ איז גגאנגן אוך זעהן די זאך האט ער געזעהן אז אברם גייט ארום אין פייאר אהין אונ אהער אונ הרן איז פאר ברענט האט ער זיך דרוף זייער פאר וואונדרט :

ויצו אונ נמרוד גביט אז מען זאל אוים ציהן אברם פון פייער האבען דיא קנעכט גנעהנט אז מען זאל אים אוס ציהן האבן זיי ניט גקענט דען דר פלאם איז גגאנגען קייגן זיי זענן די קנעכט אנטלאפן גווארן פון אים האט ער אן גשריגן אן זיי צו זאגן איילט אונ ציהט אוים אברם פון פייער איר וועט ניט שטארבן זענן גגאנגען די קנעכט אוים ציהן אים איז אויף גגאנגען אוף זיי דר פלאם אונ זענן פאר ברענט גווארן :

וירא אונ אז נמרוד האט געזעהן אז די קנעכט קענן ניט צו גיין צום פייאר

האט ער גרופן צו אברם אונ זאגט צו אים אברם דר קנעכט פון גאט וואס האט בשאפן הימעל אונ ערד אונ די גאנצע וועלט גיי ארויס פון פייער אונ קום צו מיר אונ אברם הט צו געהערט די רייד אונ איז ארויס גגאנגען פון פייער האט נמרוד מיט זיינע קנעכט געזעהן אז אברם איז ארויס גגאנגן אונ עס איז מער ניט פאר ברענט געווארן פון אברם גאר די שטריק וואס ער איז געוועזן גבונדן : ויאמר הט נמרוד גזאגט צו אברם פר וואס ביסטו ניט פר ברענט געווארן אין פייער זאגט אברם דער גאט וואס האט בשאפן הימל אונ ערד אונ אלדינג איז אין זיין האנד אונ איך האב מיך פאר זיכערט אין אים דער האט מיך מציל געוועזן אונ מיין ברודר הרן איז פר ברענט געווארן אין דעם פייאריגן אובן אונ מען האט אים גזוכט הט מען גפונען אז ער איז פאר ברענט אונ הרן איז אלט געוועזן צוויי אונ אכציג יאר בשעת אז מען הט אים אריין געווארפן אין קאלך אובן פון כשדים אונ נמרוד אונ אלע זיינע שררות אונ זיצרים אין לאנד האבן געזעהן אז אברם איז ניצול געווארן פון פייאר זענן זיי אלי גקומען אונ האבן זיך גבוקט צו אברם : ויאמר הט אברם גזאגט צו זיי בוקט אייך ניט צו מיר נייארט בוקט אייך צו דעם גאט וואס הט בשאפן די גאנצע וועלט אונ דינט אים אונ גייט אין זיין וועג דען ער הט מיך מציל געוועזן פון דעם דאזיגן פייער אונ גאט ב"ה בשאפט אלי לייבער אונ אויך זייערע זייל אונ ער בשירמט אלי די וואס פאר זיכרין זיך אויף אים פון אלע קרענק : אונ עס איז איין גרוס פר וואונדערונג געוועזן אז אברם איז ניצול געווארן אונ הרן איז פר ברענט געווארן :

ויתן אונ נמרוד גיט צו אברם פיל מתנות אונ גיט אים אויך צוויי קנעכט וואס זענן ביי אים געוועזן איינר הט געהייסן עוץ אונ איינר האט געהייסן אליעזר אויך אלי שררות האבן אים געגעבן גרוסע מתנות זילבר אונ גאלד אונ אבנים טובות אונ איז פון זיי אוועק גגאנגן לשלום אונ אז אברם איז אוועק גגאנגן זענן אים נאך גגאנגן פיל מענשן אונ אברם איז גגאנגן צו הויז פון פאטר אונ אלי וואס זענן געוועזן מיט אים אונ אברם דינט גאט ב"ה אלע זיינע לעב טעג אונ גייט אין וועג פון גאט ב"ה אונ אין זיין לערנן אונ אברם הט גלערנט מענשן אז זיי זאלן דינן גאט ב"ה פון דעם טאג אן אונ ווייטר :

בעת

תם וישר

בעת אין דר זעלביגר צייט הט אברם אונ זיין ברודר נחור גנומן ווייבר די טעכטר פון זייער ברודר הרן דס וויב פון נחור הט גהייסן מלכה אונ דס וויב פון אברם הט גהייסן שרי אונ שרי דס וויב פון אברם איז גוועזן איין אום טראכטירן: אין דער זעלביגר צייט אין סוף צוויי יאר ארום אז אברם איז ארוס גגאנגן פון פייאר איז אברם אלט גוועזן צוויי אונ פופציג יאר אונ נמרוד איז גזעסן אויף דר מלוכה שטול אין בבל. אונ אליעזר דר קנעכט פון אברם ווס נמרוד הט אים גשענקט איז גוועזן אין דר צייט ביי נמרוד הט ער געהערט ווי דר אנוקי הט איין עצה געגעבן אז מען זאל אברם טייטן. איז אליעזר גיך געגאנגן צו אברם אונ הט אים מודיע גוועזן אונ זאגט צו אים שטיי אויף אונ אנטלויף דען אזו אונ אזו הט זיך געהלמת דעם נמרוד אונ אזו הט אים דר אנוקי פותר גוועזן: אונ ווי אברם הט דר העט די רייד פון אליעזר הט ער זיך בעגעבן צו נח אונ זיין זון שם אונ איז ניצול געווארן: ויבא אונ תרח קומט צו נח צו זעהן זיך מיט זיין זון אברם. אונ תרח איז גוועזן זייער גרויס אונ חשוב אין די אויגן פון נמרוד. אונ אברם זאגט צו זיין פאטר תרח דו ווייסט וואול אז נמרודס יועצים ווילען מאכן פר לירען מיין נאמן פון דר וועלט. אצונד זאג איך דיר מיין פאטר אז מיר זאלן פון דאנן אוועק גיין צום לאנד כנען. ווארום טאטר וועסטו אויך גהרגת ווערן איבר מיר דען ניט מחמת ליבשאפט הט מען דיר גטאן אזו איין כבוד. אונ אויב מען וועט דיר נאך טאן פיל טובות איז דס אויך איין נארישקייט. ווארום דס גאנצע גוטס פון דר וועלט העלפט ניט אז עס קומט דר צארן פון גאט ב״ה אונ אצונד פר נעם מיינע רייד אונ לאזן מיר אויף שטיין אונ וועלן גיין צום לאנד כנען. אונ טוא בעסר דינן דעם גאט ווס הט דיך בשאפן אויף דר ערד. אונ פר לאז די נארישקייט ווס דו ביסט נאך דעם נאך גלאפן אונ ווי אברם הט אויף געהערט צו רייען הט נח אונ זיין זון שם גזאגט צוא תרח עס איז אמת ווס אברם הט צו דיר גזאגט בכן זאלסטו אים צו הערן ווס ער וועט דיר זאגן: וישמע אונ תרח האט צו געהערט די רייד פון זיין זון אברם אונ טוט ווי אברם הט צו אים גזאגט. ווארום דס איז גוועזן פון גאט ב״ה כדי נמרוד זאל ניט האר גנן אברם.

אונ תרח נעמט זיין זון אברם אונ לוט דם זון פון הרן אונ זיין שנור שרי דם וויב פון אברם אונ גאר זיין הויז גזונד אונ גייט מיט זיי ארוס פון לאנד כשדים צום לאנד כנען אונ אז זיי זענן גקומן קיין חרן האבן זיי זיך דארט בזעצט דען חרן איז גוועזן זייער איין גרוס לאנד צו אלע: אונ אז די מענשן פון חרן האבן גזעהן אז אברם איז רעכטפארטיג מיט גאט ב״ה אונ אויך מיט אלע מענשן אונ גאט ב״ה איז מיט אים זענן גקומן צו אים די מענשן פון חרן אונ האבן זיך בהעפט צו אברם אונ אברם לערנט זיי דעם וועג אונ דעם מוסר פון גאט ב״ה אונ אברם איז גזעסן אין חרן דריי יאר: אונ אז עס איז גוועזן דר סוף פון די דריי יאר הט זיך גאט צו אים בוויזן אונ הט צו אים אזו גזאגט איך בין דער גאט ווס הט דיך אוס גצוגן פון אור כשדים אונ איך האב דיך מציל גוועזן פון אלע שונאים אונ אצונד אוב דו וועסט צו הערן צו מיין גבאט אונ צו מיין גזעץ אונ אויך צו מיין תורה אזו וועל איך מאכן פאלן אלע דיינע פיינד פון פר דיר אונ איך וועל מערן דיינע קינדר אזו ווי די

שטערן

שטערין אין הומל אונ איך וועל שיקן איין ברכה אין אלע דיינע מעשים אונ עס וועט דיר ניט מינערן קיין שום זאך : אונ אצונד שטיי אוף אונ נעם דיין ווייב אונ אלרינג וואס דו האסט אונ גיי צום לאנד כנען אונ זאלסט דארטן זיצן אונ דארט וועל איך צו דיר זיין איין גאט אונ איך וועל דיך דארט בענשן אונ אברם איז אוף געשטאנן אונ האט גנומן זיין ווייב אונ אלדונג וואס ער האט גהאט אונ איז גגאנגן צום לאנד כנען אזו ווי גאט האט אים גזאגט אונ אברם איז אלט גוועזן פינף אונ פופציג יאר בשעת ער איז ארויס גגאנגן פון חרן אונ אברם איז גקומן צום לאנד כנען אונ האט זיך בזעצט אין איין שטאט אונ נייגט זיין גצעלט צווישן די קינדר פון כנען וואס זיי זענן גוועזן די זיצר פון לאנד :

וירא אונ גאט האט זיך בוויזן צו אברם בשעת ער האט זיך בזעצט אונ זאגט צו אים דם איז דם לאנד וואס איך האב גגעבן צו דיר אונ צו דיינע קונדר נאך דיר ביז אייביג אונ איך וועל טאן דיינע קונדר אזו ווי די שטערין אין הומל אונ איך וועל געבן צו דיינע קונדר אלע די דאזיגע לענדר וואס דוא זעהסט זיי אונ זיי וועלן דם ירשנן אונ אברם בויט איין מזבח אוף דעם אורט ווי גאט האט מיט אים גרעט אונ האט גרופן דארטן אין דעם נאמן גאט ב"ה. אונ אברם איז גזעסן אין לאנד כנען מיט זיין ווייב אונ אלץ וואס ער האט גהאט אונ אלע מענשן וואס האבן זיך בהעפט צו אים אין לאנד כנען נייערט נהור דר ברודר פון אברם אונ תרח זיין פאטר אונ לוט דר זון פון הרן זענן גזעסן אין חרן :

בשנת אין פינף יאר ארום אז אברם איז גזעסן אין לאנד כנען האבן מורד גוועזן די מענשן

פון סדום אונ עמורה אונ אלע שטעט פון לאנד כנען פון אונטר דר האנד כדרלעומר דר מלך פון עילם דען צוועלף יאר האבן גדינט אלע מלכים פון לאנד ככר אונ האבן אים גגעבן צינס אלע יאר אונ אצונד האבן זיי מורד גוועזן אן אים :

ובשנת אונ אז עס איז גוועזן דם צעהנטע יאר אז אברם איז גזעסן אין לאנד כנען איז

גוועזן א מלחמה צווישן נמרוד דר מלך פון שנער אונ צווישן כדרלעומר דעם מלך פון עילם. דען נמרוד האט גהערט אז די מענשן פון סדום האבן מורד גוועזן אין כדרלעומר איז נמרוד גקומן כלחמה האלטן מיט כדרלעומר כדי צו מאכן אים אונטר טעניג אונטר זיין האנד אונ נמרוד האט איין גזאמלט אלע זיינע הארן אונ קנעכט זיבן טויזנד מאן אונ גייט צוא כדרלעומר מלחמה האלטן אונ כדרלעומר איז ארוס גגאנגן אנטקיגן אים מיט פינף טויזנד מאן אונ זיי מאכן די מלחמה אין פעלד פון בבל דען בבל איז צווישן שנער אונ צווישן עילם איז פון נמרוד היל טויט גפאלן זעקס טויזנד מאן אונ מרדון דר זון פון נמרוד איז אויך מיט זיי גהרג גווארן. אונ נמרוד איז אנטלאפן גווארן צו זיין לאנד מיט גרויס בושה אונ איז גווארן אונטר טעניג צו כדרלעומר פול טעג אונ כדרלעומר האט זיך אומגקערט צו זיין לאנד אונ האט גשיקט זיינע הארין צו די מלכים וואס זענין ארום אים צו אריוך דר מלך פון אלסר אונ תדעל דר מלך פון גוים אונ מאכט מיט זייא איין זיכרהייט אונ אלע האבן אים צו גהערט :

ובשנת אונ אז עס איז גוועזן דם פופצטע יאר אז אברם איז גזעסן אין לאנד כנען אונ אברם איז דעמאלט אלט גוועזן זיבציג יאר אונ גאט האט

זיך

זיך בווייזן צו אים אין דעם זעלביגן יאר אונ זאגט צו אים איך בין דר גאט וואס איך האב דיך אויס גצוגן פון אור כשדים צו געבן דיר דאס דאזיגע לאנד אצונד גיי אין מיינע וועגן אונ האלט מיין היטונג דען צו דיר אונ צו דיינע קינדר וועל איך געבן דאס לאנד פון טייך מצרים ביז אן דעם טייך פרת : ואתה אונ דוא זאלסט קומן מיט פריד צו דיין פאטר אונ מיט גוט גרייזקייט אונ דיין פערדר דור זאל זיך ווידר קערן אין דעם דאזיגן לאנד אונ זיי זאלן דאס ארבן צו אייביג : ויבן אונ אברם בויט איין מזבח אונ רופט דעם אייבערשטן מיט דעם נאמן הקב"ה דר וואס האט זיך בווייזן צו אים אונ אברם

ברענגט אויף קרבנות אויפן מזבח צו גאט ב"ה :

בעת אין די זעלביגע צייט האט זיך אברם אונ זיין ווייב אומגקערט קיין חרן צו זיין פאטר אונ מוטר אונ האט זיך אין חרן בזעצט מיט דעם ווייב אונ אלדינג וואס איז גווען צו אים אונ איז גזעסן דאס אנדרע מאל אין חרן פינף יאר אונ עס האט זיך בהעפט צוויי אונ זיבציג מענשן פון דר שטאט חרן צו אברם אונ אברם האט זיי גלערנט דעם מוסר פון גאט ב"ה :

פרשת לך לך

אונ אין די זעלביגע טעג האט זיך גאט ב"ה בווייזן צו אברם אין דר שטאט חרן אונ זאגט צו אים פאר וואר איך האב גרעט צו דיר פר צוואנציג יאר אזו צו זאגן :

לך לך גיי ארויס פון דיין טובה וועגן פון דיין גבירד אונ פון דיין פאטערס הויז גזונד צו דעם לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן צו געבן דאס לאנד דיר אונ צו דיינע קינדר דען אין דעם דאזיגן לאנד וועל איך דיך בענטשן אונ דארט וועל איך דיך מאכן צו איין גרויס פאלק אונ איך וועל אכפרין דיין נאמן אונ עס זאל ווערן גבענטשט מיט דיר אלי משפחות וואס זענן אויף דער ערד אונ אצונד שטיי אוף אונ גיי ארויס פון דער שטאט דו אונ דיין ווייב אונ אלס וואס דיין איז אונ אויך אלי וואס זענין דיר גוואונן גווארן אין דיין הויז אונ אלי די לייבר וואס דו האסט דיר איין גזאמלט אין חרן אונ קער ווידר צום לאנד כנען : אונ אברם שטייט אויף אונ נעמט זיין ווייב שרי אונ אלץ דאס זייניגע

אונ

אונ אלי דיא וואס זענן גוועזן אין זיין הויז אונ אויך אלע וואס זיי האבן זיין אמונה אן גנומן אין חרן אונ זענן אר ס גגאנגן צו גיין צום לאנד כנען : ויבואו אונ זיי קומן קיין לאנד כנען אזו ווי גאט ב"ה האט צו זיי גזאגט

אונ ער גייגט זיין גצעלט אין פלון מורה אונ אויך לוט זיין ברודרס זון מיט אלץ דס זייניגע זענן אויך גוועזן מיט אים אונ גאט האט זיך ווייטר בווייזן צו אברם אונ זאגט צו אים צו דיינע קינדר ווער איך געבין דס דאזיגע לאנד אונ אברם האט גבויט א מזבח צו גאט ב"ה וואס האט זיך צו אים בווייזן אונ דער מזבח שטייט נאך אין פלון מורה ביז היינטיגן טאג אין דעם זעלבין יאר איז גוועזן א גרויסר הונגר אין לאנד כנען אונ אלע ויצערס פין כנען האבן ניט גקענט דער לידן דעם גרוסן הונגר : ויקם אונ אברם איז אויף גשטאנען מיט אלי זיינע לייט אונ האט גנידרט קיין מצרים אונ אז אברם איז גקומן צום טייך פון מצרים האט ער זיך גזעצט אביסל אפ רוען פון וועג ביי דעם בארטן פון טייך . האט אברם גקוקט אין טייך האט ער געזעהן אז זיין ווייב שרי איז זייער שיין . זאגט אברם צו שרי נאך דעם אז איך זעה אז גאט ב"ה האט דיך בשאפן מיט אשיין גשטאלט אזו האב איך מורא טאמער וועלן דיא מצרים מיך הרגנן כדי דיך צו נעמן פאר אווייב . דען זיי זענן ניט גאטס פארכטיג . דרום זאלסטו זאגן אז איך בין דיין ברודר וועט עס וועט דיך פרעגן כדי מיר זאלן לעבן בלייבן . אונ אברם האט גבאטן צו אלע זיינע לייט אונ אויך צו לוט זיין ברודרס זון צו זאגן אז ווער פון מצרים וועט פרעגן אויף מיר זאלט איר זאגן אז איך בין איר ברודר . אונ דאך האט זיך אברם אויף זיא ניט פר לאזט נייארט ער האט גנומען שרי אונ האט זיא גגעבן אין אקאסטן אריין :

ויבואו אונ אברם מיט זיינע לייט זענן גקומן קיין מצרים . האבן די קנעכט פון מלך גפרעגט צו אברם וואס האסטו אין דעם דאזיגן קאסטן . עפן אויף וועלן מיר זעהן וואס אין קאסטן איז דא . האט אברם גזאגט דעם קאסטן וועל איך ניט עפינן . אונ ווי פול איד וועט זיך הייסן געבן וועל איך געבן . ענטפרן די הארן פון פרעה צו אברם דיין קאסטן איז פול מיט איידל גשטיין גיב אונז דער פון איין צעהנטיל . האט אברם

תם וישר

צו זיי גזאגט ווי פול איר ווילט וועל איך אייך געבן נייערט איר זאלט דעם קאסטן ניט עפנן. אבר זיי האבן זיך געשטארקט מיט געוואלט אונ עפנן דעם קאסטן אונ זעהן אז עס ליגט איין אשה זייער אשיין געשטאלט. אונ האבן זיך זייער פר וואונדערט אוף דעם גרוסען שונהייט פון שרי. האבן זיך איין גזאמעלט אלע קנעכט פון פרעה אן צו קוקן דם שונהייט פון שרי אונ זענן גלאפן צו פרעה אונ האבן זי זייער גלובט פר פרעה. הט פרעה גשיקט נאך איר אונ ווי ער הט זי דר זעהן איז זי אים זייער געפעלן. אונ פרעה הט זיך זייער גפרייט אונ הט געגעבן גרוסע מתנות צו די דאזיגע וואס האבן אים די בשורה גזאגט אוף איר:

אונ שרי איז גנומן גווארן אין דר זעלביגער צייט צו פרעה. אונ אברם הט זייער באנג גטון דרוף. אונ אברם בעט גאט ב"ה אז ער זאל שרי בשירמען. אונ שרי הט אויך תפלה גטון צו גאט ב"ה. אונ גאט ב"ה הט דער הערט די תפלה פון שרי אונ האט גשיקט אמלאך מציל צו זיין שרי. אונ פרעה איז גקומן אונ הט זיך גזעצט נעבן שרי. אונ זאגט צו איר דער מענש וואס הט דיך גבראכט אהער וואס איז ער דיר. הט זיא גזאגט צו אים ער איז מיין ברודר. האט פרעה צו איר גזאגט אויף אונז איז מוטל מיר זאלן אים דער הייבן אונ טון צו אים אזו אכבוד וואס דו וועסט אונז זאגן:

וישלח אונ פרעה שיקט צו אברם אין דער זעלביגער צייט גאלד אונ זילבר אונ אבנים טובות זייער פול אונ אויך שאף אונ רינדר אונ קנעכט אונ שפחות אונ אז פרעה האט גוואלט גנעהן צו שרי איז גקומען אמלאך אונ הט אים מזהיר גוועזן אונ עס איז גוועזן איין גרוס גשריי אין דער זעלביגער נאכט אין הויז פון פרעה אונ פרעה הט זיך פון איר דר וויטערט אונ הט אן גהובן צו ריידן מיט איר גוטע רייד אונ פרעה זאגט צו שרי זאג מיר דאך ווער איז דער מענש וואס איז מיט דיר גקומן קיין מצרים הט אים שרי גענפרט ער איז מיין מאן אונ איך האב דיר גזאגט ער איז מיין ברודר דען איך האב מורא גהאט מאמר וועט מען אים הארגנן. אונ ווי עס איז גקומן אין דר פריה. הט פרעה גלאזט רופן אברם אונ זאגט צו אים וואס איז דס וואס דו האסט מיר

גטון

גטאן פאר וואס האסטו מיר גזאגט אז זיא איז דיין שוועסטער . אונ אצונד אז איך וויים וואל אז זיא איז דיין ווייב . נעם זיא אונ גייא דיר ארום פון מיין לאנד אונ פרעה נעמט איין יונג פרויא אונ גיט זיא צו שרי פאר איין דינסט . אונ אברם איז אויף גשטאנן אונ איז אוף גגאנגן פון מצרים אונ אלע דם זייניגע אונ פרעה האט גבאטן צו זייני קנעכט אז זיי זאלן גיין אים בלייטן . אונ אברם קערט ווידר צום לאנד כנען אין דער שטאט וואו ער הט גבויט דעם מזבח אונ אוך ווי זיין גצעלט איז גוועזן צום ערשטן :

וגם אונ אוך צו לוט זיין ברודרס זון פון הרן איז אוך גוועזן צו אים פול

שאף אונ רינדר אונ גצעלטן דען גאט ב״ה הט אים בגיטיגט אין דעם זכות פון אברם . אונ ווי זיי זענן גזעסן האבן זיך אן גהובן צו קריגן די פאסטעכר פון לוט מיט דיא פאסטעכר פון אברם . דען זייער גוטס איז גוועזן זייער פול אונ אוף דער ערד איז ניט גוועזן אזו פול פאשע צו ביידי : אונ אויך דיא פאסטעכר פון אברם זענין ניט גגאנגן פאשן אין פרעמדע פעלדר אבר די פאסטעכר פון לוט זענן יוא גגאנגן פאשן אין פרעמדע פעלדער אונ אז די איינוואונרס פון לאנד האבען דער זעהן אז לוטס פאסטעכר פאשן אין זייערע פעלדר זענן זיי גקומן צו אברם אונ האבן זיך מיט אים גקריגט . הט אברם גזאגט צו לוט פר וואס הייסט דוא דייגע פאסטעכר פאשן אין פרעמדע פעלדר . דו ווייסט דאך אז איך בין דא איין גר צווישן די קינדר פון כנען אונ וויא קאנסטו דאס טאן · אונ אברם הט זיך דריבר אלע טאג גקריגט מיט לוט . אונ לוט האט אים ניט צו גהערט . האט אברם גזאגט צו לוט ווי לאנג נאך וועט זיין איין קריג צווישן מיר אונ צווישן דיר . מיר זענן דאך פריינד . נייארט שייד דיך אפ פון מיר אונ גיי אונ קלויב דיר אויס איין אורט אז דו זאלסט דארט זיצן אונ איך זאג דיר אז דו זאלסט דיך ניט פארכטן פר קיין מענש . ווער עס וועט דיר וועלן שלעכץ טאן זאלסטו מיר מודיע זיין אזוי וועל איך מיך נוקם זיין אין זיי נייערט דוא זאלסט דיך דער ווייטערן פון מיר . אונ אז אברם הט אויס גרעד די רייד צו לוט איז לוט אוף גשטאנן אונ הט אויף גהויבן זייגע אויגן אקעגן לאנד פון ככר ביי דעם ירדן אונ הט גזעהן אז דם זעלביגע לאנד איז איין גוט גטרענקט

לאנד

תם וישר

לאנד . אונ גוט פר מענשן אונ עס איז אוך גוט פר פיך :

ויקח אונ לוט איז אוועק גגאנגן פון אברם אין דער זעלביגר שטאט אונ גייגט דארטען זיין גצעלט אונ לוט האט גוואונט אין סדום אונ אברם איז געזעסן אין פלון פון ממרא וואס דם איז אין חברון אונ הט גנייגט דארטין זיין גצעלט אונ אברם איז געזעסן אויף דעם ארט פול יאר :

בעת אין דער זעלביגער צייט שיקט כדרלעומר דער מלך פון עילם צו אלע מלכים וואס זענן ארום אים . צו נמרוד דער מלך פון שנער וואס ער איז גוואקסן מיט גוואלט אונטר זיין האנט . אונ צו תדעל דר מלך פון גוים . אונ צו אריוך דר מלך פון אלסר אזו צו זאגן גייט אויף צו מיר אונ איר וועט מיר העלפן דר שלאגן די שטעט פון סדום דען זיי האבען אן מיר מורד גוועזן שוין דרייצעהן יאר :

ויעלו דיא פיר מלכים זענן אויף גגאנגן מיט זייערי חיילות אזו ווי אכט הונדרט טויזנט מאן אונ האבן דר שלאגן אלע מענשן פון סדום אונ זיי האבן אויך גנומן לוט דעם ברודר זון פון אברם אונ גאר זיין גוטס מיט גאר דם גוטס סדומס :

אונ דר קנעכט פון אברם איז אוך גוועזן אין דר זעלביגר צייט אין שטאט איז ער גקומן אונ הט דר ציילט צו אברם וואס די אנשי עילם האבן גטון צו סדום אונ אוך אז זיי האבן גפאנגן לוט אונ ווי אברם הט דם דר הערט איז אברם אויף גשטאנן אונ אוך זיינע דריי הונדרט אונ אכצעהן מאן וואס זענן גוועזן מיט אים אונ האבין נאך גיאגט דיא לייט פון עילם אין דר זעלביגע נאכט אונ האבן פול דר שלאגן אונ אברם האט אום גקערט גאר דם גוטס פון סדום אונ אוך לוט מיט זיינע קינדער אונ מיט זיין גוטס הט אברם זיי אהיים גקערט אונ עס הט ניט גפעלט פון לוטס גוטס איין זאך אונ אז אברם הט זיך אום גקערט אהיים איז ברע דר מלך פון סדום אונ זייני מענשן וואס זענן גוועזן מיט אים וואס זענן ארום גגאנגן פון די לייים גריבר זענין גגאנגן אקעגין אברם מיט זיינע מענשן :

וגם אונ אוך מלכי צדק דר מלך פון ירושלים דר זעלביגר איז שם דר זון פון נח איז ארום גגאנגן מיט זיינע מענשין אקעגין אברם מיט זיינע מענשן מיט ברוט אונ וויין אונ זענן אין איינם געזעסן אין טאל פון מלך . אונ מלכי

צדק

צדק הָט גְּבֶּענְשְׁט אברם . אונ אברם גִיט אִים אַצֶענְטֶל פון גַאנְצֶן זַאק רוב . ווארום דֶר מלכי צדק אִיז גְוֶועזֶן אֵיין כֹּהֵן פַר גָאט ב״ה :
ויגשו אויך הָאבֶּן גְנֶענְט אַלֶע מלכים פון סדום צו אברם אונ הָאבֶּן צו אִים גְזָאגְט אַז עֶר זָאל זֵיי אום קֶערִין די מֶענְשֶׁן אונ דָס גוּטְס זָאל זַיין צו אברם אונ אברם הָט גֶענְפֶרְט צו זֵיי אַזוֹ צו זָאגֶן איך שְׁוֶוער בֵּיי גָאט ב״ה וָוס הָט בְּשַׁאפֶן הוּמֶל אונ עֶרְד . דָס וָוס אַייעֶרְס אִיז נֶעמְט אַייך אָפּ דֶען אִיךְ וֶועל נִיט נֶעמֶן פוּן אַייך פון אֵיין מֶענְשֶׁן בִּיז דָם רִימֶן פון שׁוּךְ . אִיךְ נֶעם בֵּיי דִיר נִיט מֶער נור וָוס מֵיינֶע מֶענְשֶׁן הָאבֶּן גְגֶעסֶן אונ אוּךְ דָס חֵלֶק פון עָנֵר אונ אֶשְׁכּוֹל אונ מַמְרֵא . אונ די מֶענְשֶׁן פון סדום הָאבֶּן גְגֶעבֶּן דֶעם חֵלֶק צו די מֶענְשֶׁן פון אברם אַזוֹ ווי אברם הָט גְזָאגְט :
בעת אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶר צֵייט הָט זִיךְ גָאט ב״ה וֵוייטֶר בַּוִויזֶן צו אברם אִין שְׁטָאט חברון אונ הָט צו אִים גְזָאגְט דו זָאלְסְט זִיךְ גָאר נִיט פָארְכְטֶען דַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר פוּל . דֶען אִיךְ וֶועל דִיךְ נִיט פַר לָאזֶן בִּיז אִיךְ וֶועל דִיךְ מֶערְן אונ בֶּענְשֶׁן אונ אִיךְ וֶועל טוּן דֵיינֶע קִינְדֶער אַזוֹ ווי די שְׁטֶערְן פון הִימֶל אונ אִיךְ וֶועל גֶעבֶּן צו דֵיינֶע קִינְדֶער די לֶענְדֶער וָוס דו זֶעהְסְט מִיט דֵיינֵי אוֹגֶן צו אֵיין יְרוּשָׁה . נֵייעֶרְט שְׁטַארְק זִיךְ אונ פָארְכְט זִיךְ נִיט פַר קֵיינֶם נָאר דו זָאלְסְט גֵיין אִין מֵיין וֶועג אונ זָאלְסְט זַיין גַאנְץ פַר מִיר . אונ אַז אברם אִיז אַלְט גְוָוארֶן אַכְט אונ זִיבֶּצִיג יָאר . אונ שׂרי אִיז נָאךְ גְוֶועזְן אֵיין עֲקָרָה אִין די דָאזִיגֶע טֶעג אונ זִי הָט נִיט גְוִוינֶן צו אברם קֵיין קִינְדֶער אונ אַז שׂרי הָט גְזֶעהֶן אַז זִי אִיז אֵיין אוּם טְרַאכְטֶרְן הָט זִי גְנוּמֶן אִיר דִינְסְט הגר אונ הָאט זִי גְגֶעבֶּן צוּא אברם אִיר מַאן פַאר אַוויַיבּ אונ אַז שׂרי הָאט גְזֶעהֶן אַז הגר אִיז מְעוּבֶּרֶת גְוָוארֶן . הָאט שׂרי גְטְרַאכְט אִין אִיר הַארְץ אַז הגר אִיז בֶּעסֶער פון אִיר . אונ שׂרי זָאגְט צו אברם מֵיין קְרָאג אִיז אַלְץ אוּף דִיר דֶען אִין דֶער צֵייט אַז דו הָאסְט גְבֶּעטְן גָאט ב״ה אַז עֶר זָאל דִיר גֶעבֶּן קִינְדֶר וָוארוּם הָאסְטוּ נִיט גְבֶּעטֶן אוּף מִיר אַז גָאט ב״ה זָאל דִיר גֶעבֶּן קִינְדֶר פון מִיר אונ וָוען אִיךְ טוּא עֶפֶּעס זָאגֶן צו הגר טוּט זִיא פַאר שֶׁעמֶן מֵיינֶע רֵייד פַאר דִיר אונ דו זָאגְסְט אִיר דֶר פַר גָאר נִיט . גָאט זָאל מִשְׁפְּטֶן צְווִישִׁין מִיר אונ צְווִישֶׁן דִיר אוּף דֶעם וָואס דוּא טוּסְט מִיר :

אונ

תם וישר

אונ אברם זאגט צו שרי דיין דינסט איז ביי דיר אין דר האנד טוא מיט איר וואס דיר וואול געפעלט אין דייני אויגן האט שרי זי געפייניגט איז הגר אנטלאפן גוואורן פר שרי אין דר מדבר אונ אמלאך פון גאט ב"ה האט געפינן צו הגר אין דר מדבר אונ זאגט צו איר פארכט דיך ניט דען גאט וועט מערן דייני קינדר דען דו וועסט גווינן א זון אונ זאלסט אים אנאמן געבן ישמעאל. אצונד קער ווידר צו דיין הארנטע שרי אונ זיי אינטר טעניג אונטער איר האנד. אונ הגר רופט דם זעלביגע אורט באר לחי רואי דם איז צווישן קדש אונ צווישן דר מדבר ברד אונ הגר קערט ווידר צו אברם אין הויז. אונ אז עס איז גקומן דער סוף פון איר טראגין אזו גווינט הגר איין זון צו אברם אונ אברם רופט זיין נאמן ישמעאל. אונ אברם איז דעמאלט אלט גוועזן זעקס אונ אכציג יאר: ואברם אונ אז אברם איז אלט גוואורן ניין אונ נייינציג יאר האט זיך גאט צו אים בוויזן אונ האט צו אים גזאגט איך וועל געבן מיין זיכרהייט צווישן מיר אונ צווישן דיר אונ איך וועל זייער מערן דייני קינדר: אונ דם איז די זיכרהייט וואס איך האב געגעבן צווישן מיר אונ צווישן דיר אז דו זאלסט לאזן בשניידן אלי זכרים דו אונ נאך דיר דייני קינדר אונ אז עס וועט געבארן ווערן איין זכר אז ער וועט אלט ווערן אכט טאג זאל מען אים בשניידן אונ דאס זאל זיין איין זיכערהייט אויף אייביג אונ דוא זאלסט מיין ניט ווערן גרופן אברם נייערט אברהם. אונ דיין ווייב שרי זאל מיין ניט ווערן גרופן שרי נייארט שרה דען איך וועל אייך בענשן אונ וועל מערן אייערע קינדר נאך אייך אונ איר וועט זיין צו איין גרוס פאלק אונ מלכים וועלן פון אייך ארוס גיין: ויקם אונ אברהם שטייט אויף אונ טוט ווי גאט ב"ה האט אים גבאטן. אונ ישמעאל איז דענסט מאל אלט גוועזן דרייצעהן יאר:

פרשת וירא

וירא אונ גאט ב"ה האט זיך בוויזן צו אברהם אין פלון ממרא אונ שיקט דריי מלאכים אז זיי זאלן אים בדינן. אונ אברהם איז גזעסן אין דר טיר פון גצעלט אונ הייבט אויף זייני אויגן אונ זעהט אז דריי מאנן קומן פון וייטן אונ אברהם שטייט אויף אונ לופט זיי אנטקעגן אונ בוקט זיך צו זיי אונ האט זיי גבראכט צו זיך אין שטוב אריין. אונ אברהם זאגט צו זיי איך בעט אייך גייט ניט אוועק פון מיר אוב איך האב גפונן חן אין אייערע אויגן קומט אונ עסט מיט מיר ברוט זענן זיי גגאנגן צו אים אין הויז אונ אברהם האט זיי גגעבן וואסר זיי זאלן אפ וואשן דעם שטוב פון די פוס. אונ ער זעצט זיי אונטר דעם בום נעבן דר טיר פון גצעלט: אונ אברהם איז גלאפן אונ האט גנומן איין גוטע יונגע רינד אונ קויפט אים אונ גיט עס צו זיין קנעכט אליעזר אז ער זאל דם צו רעכט מאכן אונ אברהם קומט צו שרה אין גצעלט אריין אונ זאגט צו איר אייל דיך אונ נעם דריי מאס זעמל אונ קנעט קוכנס. אונ אברהם איילט זיך אונ ברענגט פר זיי פוטר אונ מילך אונ גיט צו זיי אז זאלן דר ווייל עסן ביז דם פלייש וועט גקאכט ווערן אונ זיי האבן געגעסן אונ דר נאך האט אברהם גבראכט פר זיי דם קאלב פלייש אונ זיי עסן אונ אז זיי האבן אפ געגעסן האבן זיי צו אים גזאגט מיר וועלן זיך אום קערן צו דיר אין אזו אצייט ווי אצונד אונ מיר וועלן אלי לעבן אונ עס וועט

זיין

זיין צו שרה איין זון אונ נאך דעם זענן זיי געגאנגן זייער וועג ווי זיי זענן געשיקט געווארן :

אין די זעלביגע צייט זענן געוועזן די איינוואונער פון סדום ועמורה פון אלע פינף שטעט זייער שלעכט אונ זינדיגע לייט אונ זיי דר צערנן גאט ב"ה מיט זייערע אומווערדיקייט אונ אויך אז עס פלעגט קומען אפרעמדער מענש מיט סחורה צו פר קופן אין זייערע שטעט אדר אפרעמדר מענש איז געקומען קופן סחורה הט זיך די גאנצע שטאט איין גזאמילט מאנן אונ ווייבער קליין גזונד יונג אונ אלט גייען אלע צום פרעמדן מענש אונ נעמען צו מיט געוואלט פון אים גאר זיין סחורה איטליכר איין ביסל ביז עס הט זיך אויס גלאזט נאר די סחורה ביי דעם פרעמדען מענש אונ אז דער פרעמדער הט זיך אן געהובן מיט זיי צו קריגן אונ צו זאגן וואס הט איר מיר געטון האבן זיי גענעמט צו אים אונ האבן געזאגט איך האב נאר אביסל גנומען אונ אז דר סוחר הט דר הערט די דאזיגע רייד פון אלע מענשן איז ער אויף געשטאנען אונ איז אוועק געגאנגען פון זיי מיט אביטער הארץ זענן געגאנגען די שטאט לייט אונ טרייבן אים ארוס מיט אגרוס געשפעט אונ מיט איין גרוסע מהומה :

איין מאהל איז געגאנגען איין מענש פון לאנד עילם · וואס ער האט בעדארפט איבער גיין דיא שטאט סדום אונ מיט אים איז אויך געוועזן איין אייזעל אונ האט געטראגן אשיינע דעק פון אלערליי פארבן אונ די דעק איז געוועזן אן געקניפט אן דעם אייזל דער וייל איז נאכט געווארן אין דער שטאט סדום . האט דער מענש געוואלט אריין גיין אין איין שטוב אריין אובר נעכטיגן האט אים קיינר ניט געוואלט אריין לאזן : אין דער זעלביגער צייט איז געוועזן אין סדום אגרוסער רשע אונ ער האט געהייסן הידוד.

אונ דער הירוד איז געוועזן זייער קלוג אויף שלעכץ · האט דער הידוד געזעהן וויא דר פרעמדר מענש ליגט אויף דער גאס איז דר הידוד צו געגאנגן צו דעם אורח אונ הט אים געפרעגט פון וואנן קומסטו אונ ווי אהין גייסטו · האט דער אורח צו אים געענפערט איך גייא פון חברון קיין עילם אונ איך בין פון עילם אונ איך בין געפארן ביז אהער איז מיר דא נאכט געווארן אונ קיין שום מענש לאזט מיך ניט אין שטוב אריין אום אובר צו נעכטיגן · אונ איך וואסר אונ ברוט האב איך אונ אויך האבער אונ שטרויא פאר מיין אייזעל האב איך אויך . הט הירוד געזאגט צוא אים קום צוא מיר וועסטו בייא מיר געכטיגען נייערט אויף דיא גאס זאלסטו ניט ליגן . אונ הידוד ברענגט אים צוא זיך אין שטוב אריין אונ בינט אפ די דעק פון דעם אייזל אונ הידוד גיט שטרוי אונ האבער דעם אייזל· אונ דר אורח הט געגעסן אונ געטרונקן ביי הידוד אונ הט דארט גענעכטיגט

אונ

תם וישר

און אז עס איז גקומען אין דר פרי איז דר אורח אויף גשטאנען און האט גוואלט אוועק גיין. האט הידוד צו אים גזאגט עס פריער אשטיקל ברויט און דר נאך וועסטו אוועק גיין אין דיין וועג. און דער אורח האט אזוי גטון. און זעצן זיך ביידע מיט אננדר און האבן גגעסן און גטרונקן דעם זעלביגן טאג. נאך דעם האט דער אורח גוואלט אוועק גיין. האט הידוד צו אים גזאגט עס איז שון באלד נאכט וואו הין וועסטו גיין. אמער נעכטיג שון איבר ביי מיר און עס און טרונק בנייטיג דיר דיין הארץ. און הידוד האט אים אזוי לאנג מפציר גוועזן ביז ער איז גבליבן נעכטיגן. און ווי עס איז טאג גווארן איז ער אויף גשטאנען און הייבט אן צו זאטלן דעם אייזל. האט דס ווייב פון הידוד גזאגט צו הידוד נון דר מענש האט גגעסן און גטרונקן ביי אונז צווייא טעג היינט וויל ער אוועק גיין און האט אונז גאר ניט געגעבן דער פר. האט הידוד צו איר גזאגט שווייג שטיל. און דר אורח זאגט צו הידוד גיב מיר אפ דעם שטריק און די דעק צו צו קניפן צום אייזל. האט הידוד צו אים גזאגט וואס זאגסטו האט דר אורח צו אים גזאגט איך זאג אז דר הער זאל מיר געבן דעם שטריק און די דעק וואס דו האסט בהאלטן אין שטוב. האט הידוד נאך אמאל צו אים גזאגט דאס מוז זיין ביי דיר אחלום און איך וועל דיר פותר חלום זיין. דס וואס דו זאגסט דו האסט גהאט אשטריק בטייט אז דו וועסט לאנג לעבן אזוי ווי אשטריק איז לאנג און דס וואס דו האסט גהאט אדעק מיט אלערליי פארבן בטייט אז דו וועסט האבן איין וויין גארטן און דו וועסט פלאנצן אלערליי פירות. האט דר אורח צו אים גזאגט ניין עס האט זיך מיר גאר ניט גחלמת נאר איך האב דיר געגעבן דעם שטריק און די דעק וואכענדיגר הייט אז דו זאלסט בהאלטן. און הידוד ענפרט צום אורח פר וואר האב איך דיר שון גזאגט דס בשיידניש פון דיין חלום צום גוטן און אצונד בצאל מיר דר פר וואס איך האב דיר פותר גוועזן. ביי אנדרע מענשן נעם איך פר פותר חלום זיין פיר שטיק זילבר. און ביי דיר וועל איך גאר נעמן דריי שטיק זילבר:

און דר אורח שרייט אגרוס גשריי מיט איין ביטר קול. און דער אורח האט גבראכט דעם הידוד צום דיין וואס ער הייסט שרק און דר ציילט פר רעדן דיין די זאך. און הידוד זאגט ניין אזוי און אזוי איז גוועזן די זאך האט דר דיין גזאגט צום אורח די רייד פון הידוד איז אמת ווארום מיר ווייסן אז הידוד קען פותר חלום זיין. און דר אורח האט אן גהובן צו שרייאן צום דיין ניין נאר וואכענדיג האב איך אים געגעבן דיא דעק צוא בהאלטן בייא אים אין שטוב. און זייא ביידע האבן זיך גקריגט ביים בית דין דר אורח האט אזוי גזאגט און דר הידוד האט אזוי גזאגט. און האבן זיך ביידע גקריגט פר דען דיין האט דר דיין גבאטן אז מען זאל זייא ארויס טרייבן. און אז מען האט זיי ארויס גטריבן פון דעם בית דין האבן זיך ביידע גקריגט אויף דר גאס. דר וויל האבן דר הערט די אנשי סדום די קריג האבן זיי דעם אורח ארויס גטריבן פון שטאט: חלך איז דר אורח אוועק גגאנגן זיין וועג מיט אביטר הארץ און האט גוויינט אויף דעם וואס עס האט זיך אים גטראפן אין דר שטאט סדום:

ויהי אונ צוא דיא שטעט פון סדום איז געוועזן פיר דיינים . אונ אזו האבן געהייסען
די פיר דיינים . דער דיין פון סדום הט געהייסן שרק אונ דר דיין פון עמורה
הט געהייסן שרקר אונ דר דיין פון אדמה האט געהייסן זבנך אונ דער דיין פון צבוים
האט געהייסי מנון :

אונ אליעזר דר קנעכט פון אברהם הט די דיינים גרופן מיט אנדרע נעמן . צו שרק
האט ער גרופן שקרא . אונ צו שרקר הט ער גרופן שקרורא . אונ צו זבנך האט
ער גרופן כזבים . אונ צוא מנון הט ער גרופי מצלי דין . אונ דיא מענשן פון סדום
ועמורה האבן גמאכט דורך זייערע דיינים בעטלך אין אלע גאסן פון דר שטאט . אונ
אז עס איז גקומן אפרעמדר מענש צו זייא האבן זיי אים גנומן אונ האבן אים גלייגט
מיט גוואלט אוף איין בעטל . איז דר מענש געוועזן איין לאנגר . האבן זיך דריי מענשן
גשטעלט צו קאפינס אונ דריי מענשן צו פוסן אונ האבן אים צו גקוועטשט אזו לאנג
ביז דער מענש איז שיעור גשטארבן . אונ אוב דער מענש איז געוועזן אקירצער האבען
אים די זעקס מענשן אום גצויגן . אונ אז דער מענש האט גשריגן הט קיינר אים ניט
גענפרט נאר די זעקס מענשן האבן צו אים גזאגט אזו איז ביי אונז דר מנהג . האט
זיך איטליכר מענש פר מייד פון צו פארן איבר דר שטאט . אונ אז עס פלעגט קומן
איין ארום מאן צו זיי האבן זיי אים געגעבן געלד אינ האבן אום גרופן אין שטאט אז
קיינר זאל אים ניט געבן איין שטיקל ברוט . אונ אז דער ארום מאן איז גזעסין אין
שטאט איז ער גשטארבן פר הונגר . אונ נאך דעם אז דר ארום מאן איז גישטארבען
זענן גגאנגן די שטאט לייט אונ האבן זיך צו גנומן זייער געלד אונ האבן אים אפ
געצויגן דיא קליידר אונ האבן אים בגראבן נאקיט אין דער מדבר . אזו האבן זיי גטון
אלע זייערע טעג . אונ שרה דם ווייב פון אברהם הט גשיקט אליעזר קיין סדום צו
לוט . אונ בשעת אליעזר איז גקומן קיין סדום הט ער גזעהן אז איין מענש פון סדום
האלט מלחמה מיט איין ארום מאן אונ ציהט אפ דעם ארום מאן די קליידער אונ איז
אוועק גגאנגן אונ דר ארום מאן הט זייער גוויינט אונ גשריגן אוף דר זאך וואס דער
מענש פון סדום הט אים גטון . אונ הט גבעטן אליעזר אז ער זאל אים העלפן אפ
נעמן דיא קליידר . איז אליעזר גגאנגן צוא דעם מענש פון סדום אונ הט אים גזאגט
פר וואס האסטו אזו גטון צו דעם ארום מאן וואס ער איז גקומן צו אייך . הט דער
מענש גענפרט צו אליעזר איז ער דען דיין ברודער צו . ביסטו דען געווארן איבר אונז
איין דיין . הט אליעזר זיך גקריגט מיט דעם מענש פון סדום פאר דעם וואס ער האט
אזו גטון צום ארום מאן . האט דער מענש פון סדום גנומען אשטיין אין שטערן פון
אליעזר איז פון שטערן אפ גגאנגען זייער פול בלוט . אונ אז דער מענש פון סדום הט
גזעהן אז עס גייט בלוט פון אליעזרס שטערן הט ער אן גכאפט אליעזר אונ זאגט צוא
אים בצאל מיר דר פר וואס איך האב דיר גלאזט בלוט דען אזו איז ביי אונז איין חק . הט
אליעזר צו אים גזאגט . ניט גנוג דו האסט מיך גבייזרט ווילסטו נאך ביי מיר דר פר שכר
הט דר מענש אן גנומן אליעזר אונ פירט אים צום דיין וואס ער הייסט שקרא צו משפט .

האט

תם וישר

האט דר מענש גזאגט פארן דיין אזו האב איך גטון צו דעם מענש אונ ער וויל מיר ניט בצאלן. האט דר דיין גזאגט צו אליעזר דר מענש זאגט אמת פר וואס ווילסטו אים ניט בצאלן דען אזו איז ביי אונז דר חק. ווי אליעזר האט דר הערט די רייד פון דיין האט אליעזר אוף גהובן איין שטיין אונ האט גשלאגן דעם דיין אין שטערן איז פון דיין אויך גגאנגן בלוט פון שטערן. אונ אליעזר זאגט צום דיין אז עס איז יוא ביי אייך אזו דר משפט אזו בצאלט איר דעם מענש פארן בלוט וואס מען האט אייך גלאזט. אונ אליעזר האט גלאזט שטיין דעם מענש ביים דיין אונ גייט זיין וועג:

אין דר זעלביגר צייט האט לוטס ווייב גווינן איין טאכטר אונ מען האט איר איין נאמן גגעבן פלטית. דען ער האט גזאגט נאט האט אים אנטרונן אונ אויך זיין הויז גזונד פון דיא מלכים פון עילם:

אונ די פלטית איז דר וואקסן גווארן האט איינר פון סדום זי גנומן פר איין ווייב. דר ווייל איז גקומן איין ארום מאן קיין סדום. כדי ער זאל גפינן איין דר נערונג אונ דר ארום מאן פר זומט זיך אין שטאט עטליכע טעג. אינ די מענשן פון סדום האבן אוס גרופן אז מען זאל ניט געבן אשטיקל ברוט צום ארום מאן כדי ער זאל שטארבן. האבן די מענשן פון סדום אזו גטון. אונ ווי פלטית די טאכטר פון לוט האט גזעהן אז דר ארום מאן ליגט אוף דר גאס אונ קיינר גיט אים ניט אשטיקל ברוט. האט זי זיך דר בארמט איבר אים אונ האט אים גגעבן עסן אונ טרונקן אז קיינר זאל ניט וויסן אונ אזו האט זיא גטון פיל טעג. בשעת זי איז גגאנגן מיט דער קרוג נאך וואסר האט זי אריין גלייגט דם ברוט אין קרוג אונ בשעת זי איז דורך גגאנגן לעבן ארום מאן האט זי אים גגעבן דם ברוט. אונ די מענשן פון סדום האבן זיך פאר וואונדרט אוף דעם ארום מאן ווי אזו לעבט ער אן ברוט. זענן גגאנגן דריי מענשן אונ האבן זיך בהאלטן וואו דר ארומאן איז גזעסן כדי זיי זאלן וויסן וועלכר מענש גיט אים צו עסן. דר ווייל איז גגאנגן פלטית נאך וואסר האט פלטית גגעבן אשטיקל ברוט צום ארום מאן. אינ די דריי מענשן האבן גזעהן וואס פלטית טוט צום ארומאן האבן זיי גנומן פלטית אונ פירן זי צו זייער בית דין אונ פר ציילן פר דעם בית דין אזו אונ אזו האט זי גטון צו דעם ארום מאן איבר דעם איז ער ניט גשטארבן אצונד זאגט אונז וואס מיר זאלן טון צו פלטית. האבן זיך איין גזאמלט די מענשן פון סדום אונ פון עמורה אונ האבן אן גצונדן אפייער אוף דר גאס אונ האבן זי אריין גווארפן אין פייער איז זי פר ברענט גווארן אוף אש:

אונ אויך אין שטאט ארמה איז גוועזן איין יונגע פרוי זיא איז גוועזן איין טאכטר פון איין עושר. האבן איר די שטאט לייט אויך אזו גטון. אינ די מעשה איז אזו גוועזן איין מענש איז אן גקומן קיין ארמה איז דארט נאכט גווארן אונ דר מענש האט זיך גזעצט לעבן דר טיר פון דר יונג פרוים פאטער. אונ דר מענש האט גזעהן איין יונג פרוי זיצט אין דר טיר האט דר מענש צו איר גזאגט גיב מיר איין שטיקל ברוט אונ אויך גיב מיר אביסל וואסר. האט די יונג פרוי אים גגעבן. זענן די שטאט לייט דר פון

געוואר געווארן אונ האבן איין גזאמלט אונ האבן דיא יונג פרויא גבראכט צום בית דין אונ האבן דר ציילט פר די דיינים די זאך. הט דם בית דין צו זיי גזאגט אז מען זאל זיא אום ברענגן האבן זיך איין גזאמלט אלע שטאט לייט אונ האבן זיא אום גשמירט מיט האניק. אונ האבן גשטעלט די יונג פרוי דארט וואו די בינן זיצן. זענן גקומן צו איר אלע בינן אונ האבן זי צו שטאכן אונ זי ווערט גשוואלן אונ זי הט זייער געשריגן אונ קיינר הט איר ניט גיענפרט אונ אוך ניט דער בארמט איבר איר. איז אוף גגאנגן איר גשרייא צום הימל:

וירא אונ גאט ב"ה זעהט אלע זייערי שלעכטע מחשבות. אונ אלדונג ווס זיי טואן איז נאר איבר דעם ווייל זיי האבן גנוג ברוט אונ אוך האבן זיי גרוס שלוה. אונ זייער זינד איז גווארן זייער גרוס פר גאט ב"ה:

וישלה אונ גאט ב"ה שיקט צוויי מלאכים די מלאכים ווס זענן גקומן צו אברהם דיא דאזיגע מלאכים האבן איבר גקערט סדום:

ויקומו אונ די מלאכים זענן אוף גשטאנן פון אברהמס שטוב נאך דעם אז זיי האבן אפ גגעסן אונ זענן גקומן קיין סדום צו אבנט אונ לוט איז גזעסן אין דר זעלביגר צייט אין דעם טויער פון סדום. אונ ווי לוט הט זיי דר זעהן הט ער זיך גבוקט צו זייא אונ הט זיי זייער גבעטן אז זיי זאלן גיין צו אים אין שטוב אריין עסן. זענן זיי גגאנגען צו אים אונ האבן ביי אים גגעסן אונ האבן גנעכטיגט. האבן די מלאכים גזאגט צו לוט. שטיי אוף אונ גיי ארוס פון דער שטאט מיט אלע דיא ווס ביי דיר זענן אין שטוב אונ אלץ ווס צו דיר גיהער. דען טאמר וועסטו ווערן אוך גשטראפט דורך דיא זינד פון דער שטאט. דען גאט ב"ה וועט פר דארבן דיא שטאט. אונ די מלאכים האבן גנומן לוט מיט זיין ווייב אונ מיט זיינע קינדר אונ אלע דם זייניגע אונ ציהן אים ארוס פון דער שטאט אונ זאגן צו לוט האב חס אוף דיין לייב אונ אנטלויף אונ לוט איז אויף גשטאנען אונ איז אנטלאפן גווארן מיט אלע דם זייניגע:

בעת אין דר זעלביגר צייט הט גאט ב"ה גלאזט רעגענן אוף סדום אונ אוף עמורה אונ אוף אלע די פינף שטעט שוועבל אונ פעך אונ הט איבר גקערט די דאזיגע שטעט אונ אלע איין וואונערם אונ אלע שפראצונג פון דר ערד. אונ דם ווייב פון לוט הט אקוק גטאן אוף דעם איבר קערונג פון דר שטאט. ווארום זיא הט זיך זייער דר בארמט אוף אירע טעכטר ווס זענן איבר גבליבן אין סדום ווס האבן מיט איר ניט גוואלט ארויס גיין פון סדום. אונ ווי זיא הט אקוק גטאן הינטר זיך. איז פון איר גווארן אשטיק זאלץ. אונ לוט איז אנטלאפן גווארן מיט זיינע צוויי טעכטר ווס זענן איבר גבליבן אין דר הייל פון עדולם אונ זענן דארט גזעסן עטליכע טעג. אונ אברהם הט זיך גפעדרט אין דר פרי צו זעהן ווס עס איז גווארן מיט די שטעט פון סדום. זעהט ער איין רויך גייט אוף פון זיי אזו ווי איין רויך פון איין קאלך אויבן: אונ דער נאך הט לוט מיט זיינע צוויי טעכטר אוועק גצוגן פון דר הייל אונ האבן זיך בזעצט ביי דעם ירדן. אונ די צוויי קינדר פון די טעכטר ווס זיי האבן גהאט מיט לוט זענן דר

וואקסן

תם וישר

וואקסן גוואָרן גייען זיי אונ האָבן זיך גנומן ווייבר פון לאַנד . כנען אונ האָבן גוואונן קינדר אונ האָבן זיך גפרוכפרט אונ גמערט :

בעת אין דער זעלביגר צייט איז אברהם גגאנגן פון פלון ממרא צום לאַנד פלשתים אונ בזעצט זיך אין גרר . אונ אברהם איז דעמאָלט אַלט גוועזן הונדערט יאָר אונ עס איז אויך גוועזן דאָס פינף אונ צוואַנציגסטע יאָר אַז אברהם איז געזעסן אין לאַנד כנען . אונ בשעת אַז אברהם איז גקומען קיין גרר האָט אברהם גזאָגט צו זיין ווייב שרה דו זאָלסט זאָגן אויף מיר אַז איך בין דיין ברודר אונ דו בוסט מיין שוועסטער אונ ווער עס וועט דיך פרעגן זאָלסטו אַזוי ענטפערן כדי מיר זאָלן ניצול ווערן פון דיא אייגוואונרס פון דעם לאַנד : אונ אַז אברהם האָט זיך שוין בזעצט אין לאַנד פלשתים . האָבן אבימלך זיינע קנעכט גזעהן שרה אַז זיא איז זייער שיין האָבן זיי זי גפרעגט וואָס גהערסטו צו אברהם האָט זי געענטפערט איך בין זיין שוועסטער זענען די קנעכט גקומען צו אבימלך אונ האָבן אים גזאָגט עס איז גקומען איין מענש פון לאַנד כנען אונ האָט אויך זייער אַשיינע שוועסטער . אונ אבימלך האָט גשוקט אַז מען זאָל זיא ברענגען צו אים . אונ מען האָט זיא גבראַכט צו אים . אונ ווי ער האָט זיא דר זעהן איז זיא זייער גפעלן . האָט אבימלך זיא גפרעגט וואָס גהער דיר דר מענש וואָס איז מיט דיר גקומען אין דעם דאָזיגן לאַנד . האָט שרה געענפערט ער איז מיין ברודר אונ מיר זענען גקומען פון לאַנד כנען דאַ צו וואונן . האָט אבימלך צו איר גזאָגט מיין לאַנד איז פאַר דיר אונ ווי עס געפעלט דיר דאָרטן זאָלכטו בזעצן דיין ברודר אונ מיר וועלן אים דר הייבן איבר דעם גאַנצן לאַנד ווייל ער איז דיין ברודר :

אונ אבימלך לאָזט רופן צו אברהם אונ אברהם איז גקומען פאַר אים . אונ אבימלך זאָגט צו אברהם איך האָב גבעטן אַז מען זאָל דיר גרויס כבוד אָן טאָן וואָס נאָר דו ווילסט אַרין פון דיין שוועסטערס וועגן . אונ אַז אברהם איז אַוועק גגאַנגען פון אבימלך האָט מען אים נאָך גטראָגן די מתנות . אונ ווי עס איז נאַכט גוואָרן אונ אבימלך איז געזעסן אויף דער שטול . איז גפאַלן אויף אים אַשלאָף איז ער אַנטשלאָפן גוואָרן אויף דער שטול . אונ איז גשלאָפן ביז אין דר פרי אונ בשעת אַז ער איז גשלאָפן

האָט

האט זיך אים גחלמת אז איין מלאך פון הימל איז גקומן צו אים אונ האלט איין גרוסי שווערד אין דר האנט הט ער זיך זייער דר שראקן אונ זאגט צום מלאך ווס האב איך דען גזונדיגט . הט דר מלאך געענפרט אונ זאגט צו אים פר ווס דו האסט גנומן שרה צו זיך אין שטוב ארייין דען זי איז דם ווייב פון אברהם , אצונד זאג איך דיר אן אז דו זאלסט שרה אום קערן צו אברהם . אונ עס איז גווארן אין דער זעלביגר נאכט איין גרוסע פר טומלונג דארט אין הויז . אונ אז עס איז גקומן אין דר פרי איז אבימלך אוף גשטאנן מיט שרעק אונ הט גרופן שרה איז זיא גקומן פר אים . אונ אברהם איז אוך גקומן פר אים. אונ אבימלך זאגט צו זיי ווס איז דם וואס איר הט גטון צו אונז אונ איר הט גזאגט אז זיא איז דיין שוועסטר אונ איך האב גמיינט אז דאס איז דר אמת אזו האב איך דיא אשה גוואלט נעמן פר אווייב . הט אברהם אים געענפרט איך האב מורא גהאט צו זאגן אז איך בין איר מאן איבר דעם האב איך גזאגט אז איך בין איר ברודר . אונ אבימלך הט גנומן שאף אונ רינדר אונ קנעכט אונ דינסט מיידן אונ טויזנט שטיק זילבר אונ הט געגעבן צו אברהם אונ הט אים אפ געגעבן שרה: אונ אבימלך שיקט צו אברהם אזו צו זאגן . בעט צו גאט ב"ה אז ער זאל אפ טאן פון אונז די שטראף . אונ אברהם טוט תפלה צו גאט ב"ה אוף אבימלך מיט זיינע קנעכט אונ אלע דם זייניגע . אונ גאט ב"ה האט צו גהערט די תפלה פון אברהם אונ הט זיי גשיקט איין רפואה:

בעת אין דר זעלביגר צייט אז אברהם איז גזעסן פיר חדשים אין גרר .

הט גאט ב"ה גדענקט שרה צום גוטן אונ זיא הט גוואונן אזון צוא אברהם אונ אברהם הט אים אנאמן גגעבן יצחק . אונ ווי יצחק איז אלט גווארן אכט טאג הט אברהם אים בשניטן אזו ווי גאט הט אים גבאטן אז ער זאל אוך טון צו זייני קינדר . אונ אברהם איז אלט גוועזן הונדרט יאר אונ שרה איז אלט גוועזן ניינציג יאר בשעת יצחק איז גבארן גווארן צו זיי . אונ אז ער איז דר וואקסן גווארן הט מען אים אנטווינט . אונ אברהם הט גמאכט איין גרוסי סעודה בשעת אז מען הט אים אנטווינט. אונ אוף דר סעודה איז גקומן שם ועבר אונ אוך גרוסע שררות אונ אוך אבימלך אונ פיכול האבן גגעסן אונ גטרונקן אונ האבן זיך זייער גפרייט

אין

תם וישר

אין דעם טאג וואס מען האט אנטוויינט יצחק . אונ אויך תרח דר פאטר פון אברהם אונ אויך זיין ברודר נחור זענן גקומן פון חרן מיט אלי דס זייעריגי חוץ וואס זיי האבן זיך גפרייט בשעת זיי האבן גיהערט אז עס איז גבארן איין זון צו אברהם פון זיין ווייב שרה . זענן זיי אצונד גקומן צו אברהם אונ האבן גגעסן אונ גטרונקן אויף דר סעודה וואס אברהם האט גמאכט:

בעת אין דר צייט אז יצחק איז אלט גוועזן איין יאר איז גשטארבן שרוג דר זון פון רעו. אונ ישמעאל איז אין דער זעלביגר צייט אלט גוועזן פערצן יאר . אונ ישמעאל לערינט זיך ארום גיין מיט פייל אונ בויגן . אונ אז יצחק איז אלט גוועזן פינף יאר איז ער גזעסין אין דר טיר פון גצעלט איז גקומן ישמעאל אונ האט זיך גזעצט לעבן יצחק אונ האט גנומן דעם בויגן מיט דר פייל אונ האט גוואלט שיסן יצחק. אונ וויא שרה האט דס דר זעהן האט זיא גשיקט רופן אברהם אונ זאגט צו איהם פר טרייב די דינסט מיט איר זון כדי ער זאל ניט ירשנן מיט אונזר זון דען אזו אונ אזו האט ער גוואלט טאן צו אונזר זון . אונ אברהם האט צו גהערט די רייד פון שרה . אונ תיכף ווי אברהם איז אויף געשטאנן אין דר פריא האט ער גנומן צוועלף לייבן ברוט אונ איין לאגיל וואסר אונ גיט דס צו הגר אונ שיקט זיא אוועק מיט ישמעאל. אונ הגר איז אוועק גגאנגן מיט ישמעאל אין דער מדבר אריין אונ האט זיך בזעצט אין מדבר פארן. אונ דער נאך איז גנאנגן הגר מיט ישמעאל קיין מצרים אונ האבן זיך דארטן בזעצט. אונ הגר האט גנומן צוא איר זון ישמעאל אווייב זיא האט גהייסן מריבה . אונ די מריבה גווינט צו אים פיר זון אונ איין טאכטר . אונ נאך דעם איז גגאנגן ישמעאל מיט זיין מוטר אונ מיט זיין ווייב אונ קונדר אונ אלע דס זייניגי אין דער מדבר אריין אונ האבן זיך דארט גמאכט גצעלטן. אונ זענן דארטן גזעסן איין לאנגע צייט. אונ גאט ב"ה האט גהאלפן צו ישמעאל אונ ער האט גיהאט פיל שאף אונ רינדר אין דעם זכות פון זיין פאטר אברהם . אונ פיל טעג ארום האט אברהם גזאגט צו זיין ווייב ש"ה איך וועל גיין זיך זעהן מיט מיין זון ישמעאל. דען איך האב אים שוין פיל טעג ניט גזעהן . אונ אברהם זאטעלט אן איין קעמל אונ גייט אין דר מדבר צו

זוכן זיין זון ישמעאל . אונ אברהם איז גפארן אונ איז גקומן צום גצעלט פון ישמעאל אום האלבן טאג . אונ ישמעאל מיט זיין מוטר הגר זענן ניט גוועזן אין דר היים . נאר ישמעאלס ווייב מיט דיא קינדר זענן יוא גוועזן אין דר היים . הט אברהם זי גפרעגט ווי איז ישמעאל גגאנגען . הט זי גענפרט ער איז גגאנגן אין פעלד אריין שיסן חיות . אונ אברהם איז גזעסן אוף דעם קעמל דען ער הט גשוואורין צו זיין ווייב שרה אז ער זאל ניט אראפ גיין פון קעמל . אונ אברהם הט גזאגט צו ישמעאלס ווייב גיב מיר אביסל וואסר צו טרונקן דען איך בין זייער מיד פון וועג . הט זי גענפרט צו אברהם איך האב ניט קיין וואסר אונ אוך קיין ברוט . אונ זי הט גאר ניט גקוקט אוף אברהם אונ פרעגט אים גאר ניט ווער ער איז נייארט זיא שלאגט אונ פלוכט די קינדר אונ פלוכט אוך איר מאן ישמעאל . אונ אברהם הערט אוס אלע רייד פון ישמעאלס ווייב אונ עס טוט אים זייער באנק דרוף אונ זי ווערט איבל ביא אברהם אין די אוגן . אונ אברהם הט זיא ארוס גרופן פון גצעלט איז זיא צו אים ארוס גגאנגן . אונ אברהם זאגט צו איר אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן זאלסטו אים אזו זאגן עס איז גקומן אהער איין אלטער מאן פון לאנד פלשתים אונ הט דיך גזוכט אונ אזו איז זיין גשטאלט אונ איך הב אים ניט גפרעגט ווער ער איז נאר ער הט מיר גזאגט אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן פון פעלד זאלסטו אים אזו זאגן אז דו זאלסט אפ טאן דעם אונטערלעהן פון דעם גצעלט אונ מאך איין אנדערן נאגל צום גצעלט . אונ אברהם איז אוועק גפארן צו זיין וועג :

אונ נאך דעם אז אברהם איז אוועק גפארן . איז ישמעאל מיט זיין מוטר גקומן אהיים . הט דם ווייב צו אים גזאגט עס איז גקומן אהער איין אלטר מאן פון לאנד פלשתים אונ האט דיך גזוכט אונ אזו איז זיין גשטאלט אונ איך הב אים ניט גפרעגט ווער ער איז נאר ער הט מיר גזאגט אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן זאלסטו אים אזו זאגן . טוא אפ דעם אונטערלעהן פון דעם גצעלט אונ זאלסט מאכן איין אנדרן נאגל צום גצעלט . אונ ווי ישמעאל הט אוס גהערט די רייד פון זיין ווייב הט ער פר שטאנען אז דר איז גוועזן זיין פאטר אברהם אונ זי הט קיין כבוד

ניט

ניט אן גטאן . הט ישמעאל צו געהערט די רייד פון זיין פאטר און הט אוועק גטריבן דם ווייב איז זי אוועק געגאנגען :

און ישמעאל איז געגאנגען צום לאנד כנען און הט גנומען איין אנדער ווייב

און ברענגט זי צום געצעלט ווי ער איז געוועזן פריער . און עס איז גקומן אין דריי יאר ארום הט אברהם גזאגט איך וועל ווידר גיין זעהן ווס מיין זון ישמעאל טוט . און אברהם איז גפארן אין דר מדבר און איז גקומן צום געצעלט פון ישמעאל . און אברהם הט גפרעגט אויף ישמעאל . איז ארום געגאנגען דם ווייב פון ישמעאל און הט אים גזאגט מיין האר מיין מאן ישמעאל איז געגאנגען אין פעלד מיין האר קומט אריין אין שטוב און עסט איין שטוקל ברוט ווארום איר זענט מיד פון וועג . הט אברהם צו איר גזאגט איך וועל ניט אריין אין שטוב ווארום איך אייל מיך צו גיין מיין וועג . נייארט גיב מיר אביסל וואסר וועל איך טרונקן דען איך בין זייער דארשטיג . און זי איילט און לופט אין געצעלט אריין און ברענגט אים וואסר און ברוט און בעט אים זייער אז ער זאל עסן און טרונקן . הט אברהם גגעסן און גטרונקן און הט גבענשט ישמעאל . און ווי אברהם הט אפ גגעסן הט ער גבענשט גאט ב״ה . און הט גזאגט צום ווייב פון ישמעאל אז דיין מאן וועט קומן פון פעלד זאלסטו אים אזו זאגן . עס איז גקומן איין אלטר מאן פון לאנד פלשתים . אזו און אזו הט ער איין גשטאלט . און הט צו מיר גזאגט אז דיין מאן ישמעאל וועט קומן זאלסטו אים זאגן אז דר אונטערלעהן פון געצעלט איז אגוטר . און דו זאלסט אים ניט אפ טאן פון געצעלט . און ווי אברהם הט אוס גרעט די דאזיגי רייד איז ער אהעק גפארן אהיים . און דר ווייל איז גקימן ישמעאל פון וועג איז דם ווייב אים אקייגן געגאנגען מיט אשמחה און הט אים דר ציילט אז עס איז גקומן אהער איין אלטר מאן פון לאנד פלשתים און הט גפרעגט אוף דיר . און איך האב אים געגעבען ברוט און וואסר הט ער געגעסן און גטרונקן און הט צו מיר גזאגט אז דיין מאן וועט קומן זאלסטו אים זאגן אז דר אונטערלעהן פון געצעלט איז גוט און דו זאלסט אים ניט אפ טאן פון געצעלט . הט ישמעאל גוואוסט אז זיין פאטר איז געוועזן און זיין ווייב הט אים כבוד אן גטאן . און ער הט דרוף גלובט גאט ב״ה :

און

אונ אברהם איז געזעסן אין לאנד פלשתים זעקס אונ צוואנציג יאר. אונ די קנעכט פון אברהם האבן דארטן געגראבן פרושי ברונעס. אונ די קנעכט פון אבימלך האבן זיך מיט זיי געקריגט אונ גזלנען ביי זיי דעם גרויסן וואסער ברונן וואס די קנעכט פון אברהם האבן געגראבן. אונ אבימלך האט דאס געהערט איז ער געקומען מיט פיכול אונ צוואנציג מענשן צו אברהם. אונ אברהם האט געשטראפט אבימלך וואס זיינע קנעכט האבן ביי אים געגזלט דאס ברונן. האט אבימלך צו אים געזאגט איך שווער ביי גאט ב"ה וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט אז איך האב ניט געהערט פון דער זאך ביז היינט דעם היינטיגן טאג. אונ אברהם האט גענומען זיבן שאף אונ גיט זיי צו אבימלך אונ זאגט צו אים נעם די זיבן שאף פון מיין האנט כדי דאס זאל זיין איין עדות אז איך האב געגראבן די ברונע:

אונ אבימלך נעמט די זיבן שאף ביי אברהם אונ אברהם גיט אים נאך פיל שאף אונ רינדער אונ אבימלך שווערט צו אברהם אז דיא ברונען קערן צו אברהם. דריבער האט מען גערופן די ברונע באר שבע ווייל דארטן האבן זיי געשווארן אונ כורת ברית געווען:

אונ אברהם האט געפלאנצט איין ווייןגארטן אונ האט אויף געבויאט א גרויס הויז איז געווען פיר טורן כדי פון וועלכי זייט מען וועט קומען פון דארטן זאל מען קאנען צו אים אריין גיין אונ ווער עס איז געקומען צו אברהם האט זיך אן געגעסן אונ אן געטרונקען אונ האט מיט גענומען אלדעס גוטס אונ איז זיך אוועק געגאנגען. דען אזו איז געווען דער מנהג פון אברהם וועלכער מענש עס איז אריין געקומען אין זיין שטוב הונגעריג האט אים אברהם געגעבן עסן אונ טרונקען ביז ער איז זאט געווארן אונ ווער עס איז געקומען צו אים אן קליידער האט ער אים אן געקליידט נאך זיין ווילן. אונ האט געמאכט וויסן איטליכן מענש אז עס איז פאר האנדן איין גאט ב"ה וואס האט באשאפן הימל אונ ערד אונ אויך אלע מענשן. אזו האט געטאן אברהם אלי זייני לעב טאג:

ויצחק אונ יצחק דער זון פון אברהם איז דער וואקסן געווארן אין דער זעלביגער צייט אונ אברהם האט אים געלערנט די וועג פון גאט ב"ה כדי ער זאל וויסן וואס גאט איז אונ גאט ב"ה איז געווען מיט אים:

אונ אז יצחק איז אלט געווען זיבן אונ דרייסיג יאר איז ישמעאל געקומען צו

יצחק

יצחק אונ הט זיך ברימט אונ זאגט צו יצחק איך בין אלט געוועזן דרייצעהן יאר אז גאט ב"ה הט גזאגט אונזר פאטר אברהם אז ער זאל זיך בשניידן אונ זאל מיך בשניידן אונ איך האב גטון אזוי וויא גאט ב"ה הט גזאגט צו אונזער פאטר. אונ יצחק ענפערט צו ישמעאל וואס ברימסטו זיך מיט אזו אקליינע זאך. איך שווער ביי גאט ב"ה ווס ער איז דר גאט פון מיין פאטער אברהם. אז אוב גאט ב"ה זאל זאגן צו מיין פאטר. נעם דיין זון יצחק אונ ברענג אים אוף פר אקרבן צו מיר וואלט איך ניט פר מיידן צו טון דס. נייארט איך וואלט גטון מיט גרוס שמחה: אונ גאט ב"ה הערט וואול די דאזיגי רייד וואס יצחק הט גרעט צו ישמעאל. איז די זאך וואול גפעלן גאט ב"ה צו פריבן אברהם מיט דר זאך: ויהי היום אונ עס איז געוועזן דר טאג וואס אלע מלאכים שטעלן זיך נעבן כסא הכבוד פר גאט ב"ה. איז גקומן צווישען זיי דער שטן מקטרג צו זיין אוף די מענטשן. אונ גאט ב"ה זאגט צו אים פון וואנן קומסטו אן. ענפערט דר שטן צו גאט ב"ה אונ זאגט איך האב גשוועבט אוף דער וועלט. זאגט גאט ב"ה צום שטן וואס זאגסטו מיר אויף די מענשן וואס זענן אוף דר ערד. ענפערט דר שטן אונ זאגט צו גאט ב"ה איך האב גזעהן אלע מענשן דינען דיך אונ גדענקן דיך נאר אין דר צייט אז זיי בדארפן האבן פון דיר איין זאך. אבר נאך דם אז דו האסט זיי שון גגעבן די זאך. זיצן זיי אפ פון דיר אונ פר לאזן דיך אונ גדענקן דיך גאר שון ניט: הראית האסטו דען ניט גזעהן אברהם דער זון פון תרח. איידר ער הט גהאט קינדער הט ער גבועט מזבחות אונ הט מקריב געוועזן קרבנות. אונ הט תמיד גמאכט רופן דיין נאמן צו אלע מענשן וואס זענן אוף דר ערד:

ועתה אבר אצונד אז עס איז אים שון גבורין גווארן איין זון יצחק. אזו הט ער דיך גאר פר לאזט. אונ הט גמאכט אגרוסע סעודה צו אלע זיצערס פון לאנד. אונ אן גאט ב"ה הט ער גאר פר געסן. און פון אלע זאכן וואס ער הט גמאכט בשעת ער הט אנטווינט יצחק הט ער פר דיר ניט מקריב געוועזן קיין שום קרבן. אונ אוך היינט איז יצחק שוין אלט זיבן אונ דרייסיג יאר. אונ הט ניט גבואט קיין מזבח אונ

אוך

אוך ניט מקריב געווען קיין קרבן צו פר דיר. דען דו האסט אים געגעבן וואס ער האט בגערט פון דיר. נון היינט האט ער דיך פר לאזט:

זאגט גאט ב"ה צום שטן אזו ווי אברהם מיין קנעכט איז. איז זיין גלייכן ניט דא אויף דער וועלט. ער איז איין רעכט פארטיגער פר מיר און איז איין ירא שמים און ער קערט אפ פון אלעם בייזן. און איך ווייס אוב איך זאל אים זאגן אז ער זאל מקריב זיין זון יצחק פר מיר וועט ער ניט פר מיידען צו טון דאס דאזיגע:

ויען האט דר שטן געענפערט צו גאט ב"ה און זאגט צו אים רבונו של עולם טוא צו אברהם די רייד וואס דו האסט גערעט. וועלן מיר זעהן צו ער וועט דיך פאלגן אויב ניט:

בעת אין דר זעלביגר צייט איז געווען די רייד פון גאט ב"ה צו אברהם און זאגט צו אים. נעם דיין איינציגן זון דעם וואס דו האסט ליב דען יצחק. און גיי צום לאנד מוריה און ברענג אים אוף פר איין קרבן עולה אוף איינעם פון די בערג. און אברהם האט גטראכט ביי זיך אין הארצן ווי אזו ער זאל אוועק נעמן יצחק פון זיין מוטר שרה און אויף ברענגען אים פר אקרבן עולה פר גאט ב"ה:

ויבא און אברהם איז גקומן אין געצעלט ווי זיין ווייב שרה איז געזעסן און זעצט זיך אנידר פר איר. און זאגט צו איר. אונזער זון יצחק איז שוין גרויס און ווייסט גאר ניט ווי אזו מען דינט גאט ב"ה. דרום וויל איך אי"ה מארגן אים נעמן און וויל אים פירן צו שם ועבר. און דארטן וועט ער זיך אויס לערנן די וועג פון גאט ב"ה. דען זיי וועלן אים לערנן גאטס תורה און מצות. און ווי אזו ער זאל תפלה טון פר גאט ב"ה אז גאט ב"ה זאל אים ענפערן: און שרה זאגט צו אים דו זאגסט גוט מיין הער. גיי און טוא אזו ווי דו זאגסט. נייארט דו זאלסט אים ניט דר ווייטרן און אוך זאל ער דארטן ניט פול טעג זיצן. דען מיין לייב איז זער אן גקניפט אן אים. און אברהם זאגט צו זיין ווייב שרה טוא בעטן צו גאט ב"ה ער זאל טון מיט אים גוטס. און שרה נעמט איר זון יצחק און נעכטיגט אים אובער די דאזיגע נאכט און האלזט אים און קישט אים. און זאגט צו אים מיין זון ווי אזו וועל איך קענען אפ שיידן דיך און מיך.

תם וישר

אונ זאגט צו אברהם איך בעט דיך מיין האר אז דו זאלסט אים אפ הוטן אונ דו זאלסט ניט אפ טון דיין אוג פון אים. דען איך האב ניט קיין אנדערן זון אונ אוך קיין טאכטער נאר אין אים אליין. אונ שרה וויינט אין דר זעלביגר נאכט אונ זאגט אים אלץ אן ביז אין דר פריה אונ ווי עס איז טאג גוואָרן האט שרה גנומן א שיין קלייד אונ האט אן גטון איר זון יצחק אונ האט זיי מיט גגעבן שפייז אוף דעם וועג: וילכו אונ אברהם מיט יצחק זענן אוועק גגאנגן אונ שרה האט זיי בלייט אונ אברהם מיט יצחק האבן גזאגט צו איר אז זי זאל אום קערן אהיים. אונ ווי שרה האט דר הערט די רייד פון יצחק האט זי אן גהובן צו וויינן אגרוס גוויין. אונ אברהם אונ יצחק אונ אלי מענשן וואס זענן גגאנגן האבן אוך זייער גוויינט: אונ שרה האט אן גנומן איר זון יצחק מיט ביידע הענד אונ האלזט אים אונ קושט אים אונ וויינט נאך מער. אונ זאגט צו אים ווער ווייס אוב איך וועל דיך נאך זעהן פון היינט אן אונ ווייטר. אונ אלע האבן זייער גוויינט אונ נאך דעם האט זיך שרה אום גקערט אהיים מיט גוויין אונ אברהם איז גגאנגן מיט זיין זון יצחק ער זאל אים אויף ברענגן פר אקרבן עולה אזו ווי גאט ב״ה האט אים גבאטן. אונ אברהם נעמט אוך מיט זיך זיינע צווי יונגען. איינר האט גהייסן ישמעאל דר זון פון הגר אונ דר אנדרר האט גהייסן אליעזר. אונ ישמעאל זאגט צו אליעזר אוף דעם וועג נון מיין פאטער אברהם גייט אוף ברענגן יצחק פר איין קרבן עולה אונ אז מיין פאטער וועט זיך אום קערן וועט ער געבן זיין עשירות צו מיר וואָרום איך בין זיין בכור. אונ אליעזר האט געענפערט צו ישמעאל פר וואר דיין פאטער אברהם האט דיך מיט דיין מוטער אוועק גטריבן פון צו ירשענן. אונ ווער זאל אים ירשענן מער אלס זיין גטרייאר קנעכט וואס האט אים גדינט טאג מיט נאכט וועט ער גווים צו מיר געבן זיין פארמעגן. אונ ווי אברהם איז גגאנגן מיט זיין זון יצחק אוף דעם וועג. איז גקומן דר שטן אין גשטאלט פון איין אלטן מאן מיט אנידריג גמיט אונ זאגט צו אברהם. צו ביסטו איין נאר אדר איין גלערטר מענש וואס דו גייסט אום ברענגן דיין איינציגן זון וואס גאט ב״ה האט אים דיר גגעבן אוף דר עלטר אונ היינט ווילסטו מאכן פר לורן דם לייב פון דיין איינציגן זון פון דער ערד פר וואר דו ווייסט וואול אז די זאך איז ניט פון גאט ב״ה דען גאט ב״ה וועט ניט זאגן דאס דאזיגע אז דו זאלסט אומברענגן דיין זון. אונ אברהם הערט די דאזיגי רייד אונ פר שטייט וואול אז דס איז דר שטן אונ ער וויל אים אראפ פירן פון גאטס וועג. אונ אברהם האט ניט גוואלט צו הערן די רייד פון שטן אונ נאך דעם איז דר שטן גקומען צו יצחק אונ דר שטן האט זיך גמאכט אפנים ווי איין יונגר מאן. אונ זאגט צו יצחק פר וואר ווייסטו דען ניט אדר האסטו דען ניט גהערט אז דיין פאטער איז אגרוסר נאר וואס ער פירט דיך היינט אומברענגן גאר אום זונסט אצונד מיין זון זאלסטו אים ניט צו הערן אונ זאלסט אים ניט פאלגן אונ זאלסט ניט מאכן פר לירן דיין טייער לייב פון דער וועלט. אונ יצחק הערט ריא רייד אונ זאגט ניט. האט אברהם געענפערט צו יצחק מיין קינד זייא גהיט פאר אים אונ הער ניט צו זיינע רייד דען ער איז א שטן אונ וויל אונז מאכן איבר פארן גאטס באט. אונ אברהם שרייאט אן דעם שטן איז ער פון זייא אוועק גגאנגן. אונ אז

דער

דר שטן הט געזעהן אז ער קען זיי ניט ביי קומן איז ער גנאנגן אונ הט גמאכט אוף דעם וועג אגרויסן טייך מיט וואסר. אונ ווי אברהם מיט יצחק זענן גקומן צום וואסר הט אברהם גזאגט צו יצחק האב נאר קיין מורא ניט פארן טייך דען דר שטן הט דס גמאכט אונ וויל אונז מאכן איבר פארין אוף גאטס גבאט. אונ אברהם הט אן גשריגן אן שטן אונ דס אורט איז גווארען טרוקן אזו ווי פריער. אונ אברהם מיט זיין זון יצחק זענען גנאנגן צו דעם ארט ווי גאט ב"ה הט אים גזאגט. אונ ווי עס איז גקומן דר דריטר טאג הט אברהם אוף גהובן זייני אויגן הט ער דר זעהן פון ווייטינס דס אורט וואס גאט הט אים גזאגט אונ אוך הט ער גזעהן שטיין אוף דעם אורט איין פייערדיגי זייל פון דער ערד ביז אן הומל. אונ אברהם זאגט צו יצחק מיין קינד זעהסטו עפיס פון ווייטינס וואס איך זעה. הט יצחק געענפערט איך זעה איין פייערדיגי זייל אונ אוך אוואלקן. הט אברהם שוין גוויסט אז יצחק איז בווילגט פר אקרבן עולה צוא גאט ב"ה: אונ אברהם זאגט צו ישמעאל אונ צו אלעזר. זעהט איר עפיס וואס איך מיט יצחק זעהן האבן זיי געענפערט ניין מיר זעהן גאר ניט הט אברהם שוין גוויסט אז ישמעאל אונ אליעזר בדארפן ניט גיין מיט זיי הט אברהם צו זיי גזאגט זיצט איר דא מיטן אייזל אונ איך מיט יצחק וועלן גיין ביז אין דעם זעלבגן בארג אונ וועלן זיך דארט בוקן צו גאט ב"ה אונ מיר וועלן זיך אום קערן צוא אייך:

אונ אברהם האט גנומן האלץ אונ לייגט דס ארוף אויף יצחק אונ האבן גנומן פייער

אונ אוך דאס שעכט מעסר אונ גייען ביידע צו דעם דאזיגן ארט אונ בשעת אז זיי זענן ביידי גנאנגן הט יצחק גזאגט צום פאטר. נון דס האלץ אונ דס פייער זעה איך. אונ ווי איז דס לעמלי וואס עס זאל זיין פר איין קרבן. הט אברהם געענפערט צו יצחק אין דיר הט גאט ב"ה אויס דר ווילט צו זיין צו אים פר איין קרבן עולה.

הט יצחק גזאגט צו זיין פאטר אלץ וואס גאט ב"ה הט צו דיר גזאגט וועל איך דס טון בשמחה. אונ אברהם זאגט צו יצחק מיין קינד זאג מיר אויב עס איז פר האנדין ביי דיר אין הארצן איין עצה אודר איין מחשבה וואס זי איז ניט רעכטפארטיג זאלסטו פר מיר דס ניט פר מייחן. ענפערט יצחק צו אים מיין פאטר דא שווער איך אזו ווי גאט ב"ה לעבט אונ אזו ווי דו לעבסט אויב עס איז פר האנדין אין מיינם הארצן איין שלעכטי מחשבה אוף דר זאך וואס דו האסט צו מיר גרעט נייערט איך בין דרוף זייער פרייליך אונ איך זאג גלובט איז גאט ב"ה וואס ער הט היינט אויס דר ווילט אין מיר איך זאל זיין אקרבן עולה צו פר אים: אונ אברהם הט זיך זייער גפרייט אוף די רייד פון זון יצחק אונ זענן גנאנגן אונ זענן נקומן צו דעם אורט ווי גאט ב"ה הט גזאגט: אונ ער אברהם הייבט אן צו בויאן איין מזבח אוף דעם דאזיגן אורט: אונ יצחק הט אים גגעבן שטיינר אין לייס אונ אברהם הט גנומן דס האלץ אונ הט דס גלייגט אופן מזבח אונ הט גנומן זיין זון יצחק אונ וויל אים בינדן אונ לייגן אופן האלץ זאגט יצחק צום פאטר בינד מיך גוט אונ קניפ מיך צו גוט ווארום אז איך וועל ניט זיין גוט גבונדן טאטר וועל איך זיך דער שרעקן פארן מעסר וועל איך פר שוועכן דאס קרבן אונ אברהם הט אזו גטאן

אונ

תם וישר

און יצחק הט ווייטר גזאגט צום פאטר מיין פאטר אין דער צייט אז דו וועסט מיך מקריב זיין זאלסטו נעמן איין ביסיל אש און זאלסט דאס ברענגן צו מיין מוטר שרה פר איין גשמאק און זאלסט איר זאגן אז אונזר זון איז איין גשמאק צו גאט ב"ה נייארט דו זאלסט איר ניט זאגן בשעת אז זי וועט זיין ביי איין ברונן אדער זי וועט זיין אויף איין הויך ארט. טאמר וועט זי אראפ פאלן און וועט שטארבן אובר מיר: און אברהם הט געהערט די רייד פון יצחק. און הט אוף גהובן זיין קול און הט אן גהובן צו וויינן מחמת גרוס שמחה. און יצחק הט זייער גוויינט און הט גזאגט צום פאטר מיין פאטר אייל און טוא דעם רצון פון גאט ב"ה אזוי וויא ער האט דיר גזאגט. און דאס הארץ פון אברהם און פון יצחק זענן גוועזן פרייליך און נאר דיא אויגן האבן גוויינט און אברהם האט גבינדן זיין זון יצחק און האט אים ארויף גלייגט אופן האלץ וואס עס איז גלעגן אופן מזבח. און יצחק הט אום גשטרעקט זיין האלץ פארן פאטר אופן מזבח. און אברהם הט אום גשטרעקט זיין האנד צו נעמן דאס מעסר צוא שעכטן זיין זון יצחק. אין דער דאזיגער צייט זענן גקומן בארעם הארציגע מלאכים פר גאט ב"ה און האבן גזאגט צו גאט ב"ה מיר בעטן דיך גאט וואס דוא ביסט בארעם הארציג און איין רייט זעליגער פון אלע בשעפניש וואס דוא האסט בשאפן אוף דעם הימל און אויף דער ערד. און דוא מאכסט אלע לעבן. גיב דאך איין פר געבונג און איין אום לייזונג פאר דיין קנעכט יצחק. און דער בארעם דיך אוף אברהם און אויך אוף זיין זון יצחק וואס זיי האבן היינט גטון דיינע רייד: גאט ב"ה דוא זעהסט דאך אז יצחק איז גבינדן און גקניפט אז מען זאל אים שעכטין אזויא וויא איין בהמה אצונד בעטן מיר דיך לאז דיין דער בארימקייט אוף זיי זיין:

בעת אין דער זעלביגר צייט הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו אברהם און רופט אים פון דעם הימל און זאגט צו אים דו זאלסט ניט אום שטרעקן דיין האנד צו דעם יונג און זאלסט אים גאר ניט טאן. אצונד וויים איך וואול אז דו ביסט איין גאטס פארכטיגר וייל דו האסט ניט פר מיטן דיין איינציגן זון פון מיר. און אברהם הט אוף גהובן זיינע אויגען

הט

האט ער גזעהן אז איין איל שטייט ביי איין בוים דס איז דער איל וואס גאט ב"ה האט אים בשאפן בשעת ער האט בשאפן הימל אונ ערד. אונ גאט ב"ה הט אן גבֿרייט דעם דאזיגען איל כדי ער זאל זיין פאר איין קרבן פאר יצחק האט אברהם גנומעז דעם איל אונ האט מקריב גיוועזען פאר איין קרבן עולה פאר זיין זון יצחק. אונ אברהם האט גשפרענגט פון דעם בלוט אופן מזבח אונ זאגט אזו דאס בלוט וואס איך שפרענג פונם איל זאל זיין חשוב ביא גאט ב"ה וויא איך וואלט גשפרענגט דאס בלוט פון מיין זון יצחק. אונ אוף אלע זאכן וואס אברהם האט גטאן ביי דעם מזבח האט ער אליץ אזו גזאגט אז עס זאל זיין גלייך וויא איך וואלט מקריב זיין מיין זון. אונ עס איז גוועזן חשוב ביא גאט ב"ה גלייך וויא אברהם האט מקריב גיוועזן זיין זון יצחק אונ גאט ב"ה האט גבענטשט אברהם מיט זיינע קינדר דעם זעלביגן טאג: אונ דער שטן איז גגאנגן צו שרה אונ הט זיך גמאכט איין גשטאלט וויא איין אלטער מאן זייער נידריג אונ זאגט צו איר פאר וואר דוא ווייסט גאר ניט פון די דאזיגי זאכן וואס אברהם האט היינט גטאן צו דיין זון יצחק. אברהם הט גבויט איין מזבח אינ האט גיליינט האליץ אופן מזבח אונ הט דער נאך גיליינט יצחק אופן האליץ אונ הט אים מקריב גוועזן: אונ שרה הט אוס גהערט די רייד פון שטן אונ שרה הט גמיינט אז דס איז אמת. אונ שרה הט אוף גהובן איר קול אונ הט גוויינט אונ גישריגן איין גרויס ביטר גשריי אוף איר זון אונ פאלט אוף דר ערד אונווארפט ערד אוף איר קאפ אונ זאגט מיין זון יצחק איך וואלט גוואלט בעסר שטארבן איידר דו איך האב דיך דער צויגען ביז דו ביסט גרויס גווארן אונ אצונד איז דאס גווארן פרקערט מיין פרייד צו טרויארקייט דען עס איז גוועזן מיין לושטיקייט צו דיר איך האב זייער פול גערופען אונ גבעטען צו גאט ב"ה אז ער זאל מיר געבן איין זון אונ גאט ב"ה האט מיך צו גהערט אונ האט מיר גגעבין איין זון צו נייצניג יאר. אונ אצונד ביסטו גווארן מיין זון צו איין שעכט מעסר אונ אויך צו פייאר. נייארט איך טרייסט מיך מיט די רייד פון גאט ב"ה. דען גאט ב"ה הט דס גבאטן אונ דוא מיין קינד האסט מקיים גוועזן די רייד פון גאט ב"ה ווארום ווער קען דען

איבר

תם וישר

אובר פארן די רייד פון גאט ב"ה. דען עס איז אלדונג אין זיין האנד. אונ שרה זאגט צו גאט ב"ה. רבונו של עולם דוא ביסט גרעכט אונ אלע דיינע מעשים זענען גרעכט. דען איך פריי זיך מיט דיינע רייד וואס דו האסט גבאטן. נייארט מיינע אויגן וויינן ביטערליך אבר מיין הארץ איז פריילך אין מיר. אונ דר נאך איז זיא אויף געשטאנען אונ געגאנגן ביז חברון אונ אויף דעם וועג וועטן זי האט בגעגינט האט זי גפרעגט ווייסט איר ניט וואס מען האט גטון צו מיין זון יצחק האט קיינער ניט גוויסט. אונ שרה קומט מיט אירע דינסטען אונ קענעכט צו דער שטאט חברון. אונ שרה פרעגט זיך נאך אויף איר זון אונ האט זיך דארטן בזעצט אונ שרה האט גשיקט אירע קנעכט צו זוכן אברהם מיט יצחק. אונ די קנעכט זענען אוועק געגאנגן זוכן צו שם ועבר צו זענען זיי דארטן ניט גוועזן. אונ האבן גזוכט אין גאנצן לאנד האבן זיי אוך ניט גפינען. דר ווייל איז גקומן דר שטן צו שרה אונם גשטאלט פון איין מענש אונ האט זיך גשטעלט פאר איר אונ זאגט צו איר דם וואס איך האב דיר פריער גזאגט אז אברהם הט מקריב גוועזן יצחק איז דאס איין ליגינט ער האט אים ניט מקריב גוועזן אונ איז ניט גשטארבן. אונ ווי שרה האט דם דר הערט הט זי זיך זייער גפרייט אויף איר זון אונ ווי שרה הט זיך זייער גפרייט איז זי גשטארבן מחמת גדוים פרייד: אונ ווי אברהם האט פאר ענד פון זיין דינסט האט ער זיך אום גקערט מיט זיין זון צו די צוויי יונגן אונ זענען אלע געגאנגן קיין באר שבע. אונ ווי זיי זענען גקומן קיין באר שבע האבן זיי ניט דר וויסט שרה אין דער היים האבן זיי גפרעגט ווי איז שרה. הט מען צו זייא גזאגט אז זי איז אוועק געגאנגן קיין חברון אייך זוכן ווארום מען הט איר אזו אונ אזו גזאגט. אונ זענען אויף גשטאנען אונ זענען געגאנגן קיין חברון ווי זיי זענען גקומן קיין חברון האבן זיי דער זעהן אז שרה איז גשטארבן. האבן זיי אלע אויף גהויבן זייער קול אונ האבן גוויינט זייער איין גרוס גוויין. אונ יצחק איז גפאלן אויף דער מוטערס פנים אונ הט גוויינט אונ האט גזאגט מיין מוטר ווי אזו האסטו מיך פר לאזט אונ ביזט אוועק געגאנגן אונ אברהם אונ יצחק האבן גוויינט איין גרוס גוויין אונ אלע קנעכט וויינן מיט זיי אויף שרה אונ קלאגן אויף שרה איין גרוסע קלאג:

ויהי

פרשת חיי שרה

ויהי אונ עס איז גוועזן די לעב טאג פון שרה הונדערט יאר אונ צוואנציג יאר אונ זיבן יאר אונ דר נאך איז שרה גישטארבן · אונ אברהם איז אוף גשטאנן פון דעם מת צו זוכן איין קבר אז מען זאל דארטן בהאלטן דעם מת · אונ אברהם איז גינאנגן צו די קינדר פון חת אונ הט צו זיי אזו גזאגט איך בין איין גר אונ איין אלט געזעסנר ביי אייך אין אייער לאנד גיט מיר איין אורט ווי איך זאל בהאלטן מיין מת האבן גזאגט די קינדר פון חת צו אברהם דס גאנצע לאנד איז פר דיר ווי עס געפעלט דיר איין אורט דארטן מאגשטו בהאלטן דעם מת · אונ אברהם הט צו זיי גזאגט · אוב אייער ווילן איז אין דר זאך · זאלט איר גיין אצונד צו עפרון דער זון פון צוחר אונ איר זאלט אים בעטן פון מיינט וועגן אז ער זאל מיר פר קופן די גטאפלטי הייל וואס זיא איז ביי אים אין עק פעלט אונ איך וועל אים געבן דר פר וויפיל ער וועט וועלן אונ עפרון איז געזעסן אונטר די קינדר פון חת · אונ עפרון הט גזאגט צו אברהם איילדונג וואס דו בגערסט וועט דיין קנעכט טון · הט אברהם גזאגט צו עפרון איך וויל אזו ניט · נייארט איך וועל ביי דיר אפ קופן דם פעלד מיט דר הייל פר איין בייטל מיט געלט אוף אייביג הט עפרון גזאגט צו אברהם נון דם פעלד מיט דר הייל איז פר דיר אונ וויפיל געלט דוא ווילסט וועלן געבן אזו פיל וועל איך בייא דיר נעמן · האט אברהם צו עפרון גזאגט ניט אזו נייארט מיט פיל געלט וויל איך קופן ביי דיר אונ פון די שטאט לייט אונ פון דיינע קינדר ביז אייביג · אונ עפרון אונ אלי ברודר האבן צו געהערט צו דר דאזיגר זאך אונ אברהם האט גוואגן פיר הונדרט גוויכט זילבר אונ גיט דם געלד צו עפרון אונ צו זייני אלי ברודר : אונ אברהם האט דם אוף גשריבן די זאכן אין איין בוך אונ הט גחתמת פיר עדות אונ אזו איז גשטאנן גשריבן אין דם קוף בוך די הייל אונ דם פעלד הט אברהם גקופט פון עפרון החתי אונ פון זייני קינדרס קינדר ביז אייביג געהער דם צו אברהם אונ אברהמס קינדר אונ אוך צו זיינע קינדרס קינדר וואס וועלן גבוירין ווערן זאל די הייל זיין צו איין בגרעבניש . אונ דרוף האבן זיך גיחתמת די עדות אונ נאך דעם אז אברהם הט גקופט דם אורט הט ער בהאלטן זיין ווייב שרה אוף דעם זעלביגן אורט · אונ דם בהאלטן פון שרה איז גוועזן מיט גרוס כבוד · אזו ווי מען בגראבט גרוסע שרים אונ ביי דר מטה פון שרה איז גוועזן שם דר זון פון נח אונ אוך עבר דר זון פון שם אונ אויך אבימלך אונ ענר אונ אשכול אונ ממרא אונ אלע שררות זענן נאך גנאנגן נאך דר מטה · אונ אברהם הט גמאכט איין גרוסן הספד אוף זיין ווייב אונ מרוען זיבן טעג · אונ אלע איין זיצערס פון דעם לאנד זענן גקומן מנחם זיין אברהם מיט זיין זון יצחק פון וועגן שרה · אונ ווי עס איז אום גנאנגן די קלאג טעג פון שרה הט אברהם אוועק גשיקט זיין זון יצחק צו שם ועבר צו לערנן דם וועג פון גאט ב"ה אונ אוך די שפראך פון גאט ב"ה אונ יצחק איז דארטן געזעסן דרייא יאר · אונ דער זעלביגר צייט איז אברהם אוף גשטאנן מיט זיינע קנעכט אונ זענן גנאנגן אהיים קיין באר שבע : אונ אברהם האט גרופן זיין קנעכט אליעזר וואס ער איז גוועזן געזעצט איבער זיין גאנץ הויז אונ זאגט צוא אים נון איך בין

שון

תם וישר

שוין אלט און איך ווייס ניט דעם טאג ווען איך וועל שטארבן . זאג איך דיר אצונד אז דו זאלסט גיין נעמין איין ווייב צו מיין זון יצחק פון מיין פאטערס משפחה וואס זיי זענען אין חרן און איך וועל דיך בשווערין ביי גאט ב"ה וואס ער איז אין הימל אז דוא זאלסט ניט נעמין צו מיין זון איין ווייב פון די טעכטער כנען נייערט דו זאלסט גיין צו מיין משפחה און פון דארטן זאלסטו נעמין צו מיין זון איין ווייב . און דר גאט וואס הט מיך גפירט פון מיין לאנד און פון מיין פאטערס הויז גזונד צו דעם דאזיגן אורט און גאט הט צו מיר גזאגט צו דיינע קינדר וועל איך געבן דם דאזיגע לאנד צו איין ארב אויף אייביג . דר דאזיגר גאט וועט שיקן זיין מלאך פר דיר און וועט בגליקן דיין וועג אז דו זאלסט נעמן אווייב צו מיין זון פון פאטערס משפחה :

און אליעזר ענפערט צו אברהם . נון איך וועל גיין צו דיין פאטערס משפחה און נעמען איין ווייב צו דיין זון יצחק . און טאמער וועט זיא ניט וועלן נאך גיין נאך מיר צוא דעם דאזיגן לאנד צו וועל איך זיין ריין פון דר שבועה . הט אברהם צו אים גזאגט זוא דו וועסט זיין ריין פון דער שבועה . נייערט גאט ב"ה וועט שיקן זיין מלאך פאר דיר און וועט בגליקן דיין וועג . און אליעזר טוט ווי אברהם הט אים גזאגט . און אליעזר הט גשווארן צו זיין האר אברהם אויף דר דאזיגר זאך : און אליעזר איז אויף גשטאנן און הט גנומן צעהן קעמלן פון אברהמס קעמלין און צעהן קנעכט פון אברהמס קנעכט : און זענען גגאנגן קיין חרן די שטאט פון נחור און תרח צו נעמן איין ווייב צו יצחק .

און ווי אליעזר איז אוועק גגאנגן הט אברהם גשוקט צו שם ועבר אז זיין זון יצחק זאל קומן אהיים . און יצחק איז גקומן צו זיין פאטער אברהם קיין באר שבע . און אליעזר מיט די צעהן מענשן זענן גקומן צו דעם הויז וואס דארטן איז איין וואסר און עס איז פר דר שטאט חרן און אליעזר הט גמאכט קניען די קעמלן ביי דעם וואסר און האט זיך גזעצט אפ רוען . און אליעזר טוט תפילה און זאגט דר גאט פון מיין הער אברהם טוא שיקן און מאך גשעהן גוטס פר מיר . און טוא חסד מיט מיינם הארן אז דו זאלסט צו שיקן איין ווייב צו דעם זון פון מיין הארן פון זיין משפחה . און גאט ב"ה הט דר הערט די רייד פון אליעזר פון וועגן אברהם . און אליעזר איז אריין גגאנגן אין שטאט אריין און איז גגאנגן גלייך צו דעם הויז פון בתואל דר זון פון מלכה דם ווייב פון נחור דר זון פון תרח . און אליעזר דר ציילט פר זיי וואס עס הט זיך עם גטראפן . און ער איז איין קנעכט ביי אברהם . און זיי פרייען זיך זייער מיט עם . און אלי האבן גלובט גאט ב"ה אויף דר דאזיגר זאך . און זיי געבן רבקה וואס זיא איז די טאכטער פון בתואל פר איין ווייב צו יצחק און רבקה איז גוועזן זייער שיין גשטאלט און זיא איז גוועזן איין בתולה . און לבן און נחור האבן גמאכט אין דר זעלביגר נאכט איין סעודה . איז גקומן אליעזר מיט זיינע צעהן מענשן אויף דר סעודה און האבן גגעסן און גטרונקן און האבן זיך גפרייט איין גאנצי נאכט :

און ווי עס איז גקומן אין דר פריא איז אליעזר מיט זיינע מענשן אויף גשטאנן . און הט גזאגט צום הויז גזונד פון בתואל שיקט אונז אוועק צו אונז הארין . און זיי האבן

גשוקט

גשיקט רבקה מיט אים אונ אוך דבורה איר זייגערן אונ געבן איר זילבר אונ גאלד אונ קנעכט אונ דינסט מיידן אונ האבן זי געבענשט אונ זיי האבן בלייט אליעזר מיט זייני מענשן אונ אליעזר הט גנומן רבקה אונ איז גגאנגן מיט איר צום לאנד כנען צו זיין האר אברהם. אונ ווי רבקה איז גקומן קיין כנען הט יצחק זיא גנומן פר אווייב אונ יצחק הט זיא זייער ליב גהאט אונ האט זיא גבראכט צום געצעלט פון זיין מוטר שרה אונ יצחק איז אלט געוועזן פערציג יאר בשעת ער הט גנומן רבקה פר אווייב. אונ אוך דר זעלבגר צייט הט אברהם גמערט אונ הט גנומן איין אנדר ווייב אוף דער עלטר. אונ דם ווייב הט גהייסן קטורה אונ זי הט אים גוויגן זעקס זין. אונ דם זענן דיא נעמן פון די קינדר ישמעאל וום ער הט גהאט פון דעם ערשטן ווייב נביות אונ קדר: אונ אדבאל אונ מבשם. אונ זייער שוועסטר הט גהייסן בשמת. אונ ישמעאל הט פר טריבן דם ערשטי ווייב איז דם ווייב פון אים אוועק גגאנגן אונ הט זיך אום גקערט קיין מצרים צו איר פאטר. הט ישמעאל גנומן איין אנדר ווייב פון לאנד כנען אונ זי הט גהייסן מלכות. אונ זיא הט גוויגן קינדער צו ישמעאל אונ די קינדר האבן גהייסן משמע אונ דומה אונ משא אונ הדר אונ תימא אונ יטור אונ נפיש אונ קדמה. אונ דם זענן די צוועלף נשיאים פון ישמעאל: אונ רבקה דם ווייב פון יצחק איז גוועזן איין אומטראכטרן אין דר זעלבגר צייט. אונ יצחק איז גזעסן ביי זיין פאטר אברהם אין לאנד כנען אונ גאט ב״ה איז מיט זיי געוועזן. אונ ארפכשד דר זון פון שם איז גשטארבן אין דער זעלבגר צייט אונ יצחק איז דעמאלט אלט געוועזן אכט אונ פערציג יאר אונ אלע לעב טאג פון ארפכשד איז געוועזן פיר הונדרט אונ אכט אונ דרייסיג יאר:

פרשת תולדות

אונ אז יצחק איז אלט געוועזן ניין אונ פופציג יאר איז זיין ווייב רבקה נאך געוועזן איין אומטראכטרן אין די זעלביגע טעג. אונ רבקה הט גזאגט צו איר מאן יצחק. פר וואר איך האב געהערט אז דיין מוטר שרה איז אוך געוועזן איין אומטראכטרן. הט דיין פאטר אברהם תפלה גטאן צו גאט ב״ה זי זאל קינדר האבן. אונ אצונד שטיי אוף אונ טו תפלה אוף מיר אונ גאט ב״ה וועט בוודאי צו הערן דיין תפלה אונ יצחק הט צו געהערט דיא רייד פון זיין ווייב רבקה. אונ זענן ביידע אוף גשטאנן אונ זענן גגאנגן צום בארג מוריה דארטן תפלה טאן. הט יצחק גבעטן צו גאט ב״ה אקעגן זיין ווייב רבקה אונ יצחק הט תפלה גטאן. אונ גאט ב״ה הט דר הערט דם גבעט פון יצחק דר זון פון אברהם איז רבקה דם ווייב פון יצחק מעוברת געווארן. אונ וויא עס איז גקומן דער זובעטר חודש האבן די קינדר זיך גשטויסן אין איר אונ עס האט איר זייער וויא גטאן. הט רבקה גזאגט צו די ווייבר וואס זענן געוועזן אונ דעם דאזיגן לאנד. אונ הט זייא גפרעגט אוב עס האט זיך צו זיי אזו גטראפן האבן די ווייבר איר גיענטפערט ניין. אונ רבקה הט צו זייא גזאגט פר וואס האט זיך מיר אזו גטראפן מיין פון אלי ווייבר וואס איז אין דאזיגן לאנד. אונ רבקה איז גגאנגן צו דעם לאנד מוריה צו בעטן אונ צו פארשטן אוף דער דאזיגער זאך. אונ זי האט גבעטן איר שווער

אברהם

תם וישר

אברהם ער זאל אוך בעטן גאט ב״ה אוף דער זאך וואס עס הט זיך איר גטראפן .
אונ מען הט איר געענפרט אונ מען הט איר גזאגט · אז צווייא קונדר איז ביי איר דא
אונ צוויי מלכים וועט פון זיי אוף שטיין · אונ ווי עס איז גקומן די צייט צו גווינען
הט זי גווינן איין צווילונג · אזו ווי גאט ב״ה הט צו איר גזאגט דר ערשטר איז ארוס
גגאנגן גאנץ רויט · אונ אוך ווי איין העריקר קאץ האבן אים אלי גרופן עשו . און דר
נאך איז ארוס גגאנגן דר אנדרר אין הט אן גהאלטן מיט זיין האנד ביי דעם פוס פון
ערשטן · דרום הט מען אים איין נאמן גגעבן יעקב · אונ בשעת אז די קונדער זענן
גבורין גווארן · איז יצחק אלט גוועזן זעכציג יאר · אונ די קונדר זענן גוואקסן ביז
פופצעהן יאר . אונ ווי זיי זענן אלט גווארן פופצעהן יאר · פלעגט עשו גיין אין פעלד
צו תאפן חיות און יעקב פלעגט לערנן אין די געצעלטן און פלייגט איין מאל גיין וויידען
די שאף אונ לערינט גאטס שטראף . אונ פלעגט פאלגן פאטר און מוטר וואס זייא
פלעגן אים זאגן · און יצחק מיט זיין וייב אונ קונדר זענן גזעסן מיט זיין פאטר אברהם
אין לאנד כנען אזו ווי גאט ב״ה הט זיי גבאטן · אונ אברהם הט גגעבן צוא זיין זון
יצחק גאר זיין גוטס · אונ זאגט צו אים פר וואר דו ווייסט וואול אז גאט ב״ה וואס
איז אין הימל איז איין רעכטר גאט · אונ עס איז מיין ניט פאר האנדן קיין גאט חוץ
אים · אונ אצונד מיין ליב קונד הער צו מייני רייד און זאלסט זעהן אפ היטן דיא
גבאט פון גאט ב״ה ווס איך זאג דיר אן · אונ זאלסט ניט אפ קערן פון דם גוטן וועג
ניט אין דר רעכטר זייט אונ · אוך ניט אין דר לינקער זייט · כדי עס זאל זיין גיט צו
דיר אונ אוך צו דיינו קונדר ווס וועלן זיין נאך דיר ביז אייביג אונ גדענק די וואונדר
פון גאט ב״ה אונ זיין גנאד ווס ער הט גטון מיט אונס · אונ הט אונז מציל גוועזן פון
אונזרי פיינד · אונ אצונד מיין קונד דוא זאלסט גיט אפ היטן וואס איך האב דיר
גזאגט · אונ אוך פון גאטס גבאט זאלסטו ניט אפ טון · אונ זאלסט דינן גאט כדי עס
זאל זיין גוט צו דיר אונ אויך צו דייני קונדר · אונ זאלסט לערנן דייני קונדער דיא
שטראף פון גאט ב״ה אונ אוך זיין גבאט · אונ זאלסט זיי לערנן דם רעכט פארטיגן
וועג וואס זי זאלן אין דעם וועג גיין · כדי עס זאל זיי זיין גוט ביז אייביג · אונ
יצחק הט געענפרט צו זיין פאטר אברהם אונ הט צו אים גזאגט ווס דוא האסט מיר
גבאטן וועל איך טון אונ פון גאטס מצות וועל איך ניט אפ טון · אונ אברהם הט
גבענשט זיין זון יצחק · אונ איך יצחקס קונדר . אונ אברהם הט גלערנט מיט יעקב
די שטראף פון גאט ב״ה אונ אוך זיין וועג · אין דר זעלביגר צייט איז אברהם גשטארבן
אונ יעקב אונ עשו זענן דעמאלט אלט גוועזן פופצעהן יאר · אונ אלע לעב טאג איז
גוועזן פון אברהם הונדרט אונ פינף אונ זיבציג יאר :

אונ אברהם איז גשטארבן מיט איין גוט גרייזקייט אונ איז גוועזן אלט מיט זאטע טעג

אונ יצחק מיט ישמעאל בגראבן אים אונ אז די איין וואונרס פון לאנד כנען האבן
דר הערט אז אברהם איז גשטארבן זענן זיי אונ אלע זייערי שררות גקומן צו בגראבן
אברהם · אונ נאך דעם אז אברהם איז גשטארבן הט גאט ב״ה גבענשט יצחק אונ אוך

די

דיא קונדר פון יצחק אונ גאט ב"ה איז געווען מיט יצחק אזו וויא ער איז געוועזן מיט אברהם דען יצחק הט אפ געהיט אלי געבאט פון גאט ב"ה אזו זיין פאטר אברהם הט אים געבאטן . אונ יצחק הט ניט אפ גקערט פון גוטן וועג ניט אין דר רעכטר אונ ניט אין דר לינקר זייט . אונ עשו איז גגאנגן אין דר זעלביגר צייט נאך דם אז אברהם איז גשטארבן צו יאגן געיעג אין פעלד צו ברענגן אהיים אונ נמרוד דר שליט וואס ער הייסט אמרפל פלעגט ער אוך גיין אלע מאל אין פעלד ארייין חאפן חיות . אונ עס איז געווארן אשנאה צווישן נמרוד אונ עשו אונ אמאל איז גגאנגען עשו צום געיעג אין פעלד . הט עשו גפינן אז נמרוד איז גגאנגן מיט צוויי מענשן אין דר מדבר אונ די גבורים פון נמרוד זענן אוך געוועזן אין דער מדבר נאר זיי זענן געוועזן ווייט פון נמרוד דען זיי זענן אוועק גגאנגען פריער פון נמרוד אין דער מדבר כדי זיי זאלן חאפין חיות . דענצמאל איז נמרוד אום גקומן אונ עשו הט אפ גצוגן דיא גליסטיגי קליידר פון נמרוד אונ איז אנטלאפן געווארן אהיים אונ הט זיך בהאלטן . אונ בשעת עשו איז גקומן אהיים איז געוועזן זייער מיד אונ שלאף פארין פחד אונ הט זייער מורא גהאט טאמר וועט ער שטארבן הט ער גנעהנט צו יעקב אונ הט זיך פר אים געזעצט אונ זאגט צו יעקב נון איך וועל מוזן שטארבן דעם זעלביגן טאג ווס טויג מיר די בכורה אונ עשו פר קופט די בכורה צו יעקב אונ דם איז אלס געוועזן פון גאט ב"ה אונ עשו הט אוך פר קופט צו יעקב דעם חלק ווס ער הט גהאט אין דר מערת המכפלה פאר פיל געלד . אונ יעקב הט גשריבן דרויף איין שטר מכירה אונ האט גיחתמת דרויף עדות אונ דר שטר מכירה איז געוועזן ביי יעקב . אונ נמרוד דר זון פון כוש אז ער איז מת געווארן אין דער מדבר האבן אים זיינע מענשן געבראכט אין שטאט אריין אונ האבן אים בגראבן . אונ נמרוד האט געלעבט צוויי הונדרט אונ פופצעהן יאר. . אונ אז נמרוד איז מת געווארן הט זיך די ממשלה צו טיילט אויף פיר חלקים . אונ נאך דעם אז אברהם איז גשטארבן הט גאט געבראכט אין דר דאזיגר צייט אגרוסן הונגר אין לאנד כנען אונ יצחק איז אויף גשטאנן אונ הט געוואלט גיין קיין מצרים אזו ווי זיין פאטר אברהם הט גטאן הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו אים אין דער

זעלביגר

תם וישר

זעלביגר נאכט . אונ האט צו אים גזאגט דו זאלסט ניט גיין קיין מצרים נייארט דו זאלסט גיין צום לאנד גרר צו אבימלך דר מלך פלשתים און זאלסט דארטן זיצן ביז דר הונגר וועט זיך אום לאזן . אונ יצחק איז אוף גשטאנן אונ איז גגאנגן קיין גרר אזו ווי גאט הט אים גזאגט אונ יצחק איז דארטן גוועסן איין גאנץ יאר :

אונ אבימלך גיט צו יצחק פעלדר אונ אוך ווייין גערטנר . אונ דם בעסטי לאנד אוף צו זייען אונ צו שניידן אונ צו עסן די פרוכט ביז עס וועט זיך אום לאזן דר הונגר . אונ יצחק הט גזייעט אין דעם זעלביגן לאנד הט ער גפונן אין דעם זעלביגן יאר הונדרט מאל אזו פיל ווי ער הט גהאט . אונ גאט ב"ה הט גבענשט יצחק אונ ער איז גרוס מיט אלי זאכן ער הט גהאט זייער פיל בהמות אונ פיל שאף אונ פיל דינסטן . אונ וויא דער הונגר הט זיך אום גלאזט הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו יצחק אונ זאגט צו אים שטיי אוף אונ גייא ארוס פון דעם דאזיגן לאנד אונ גיי צו דיין לאנד כנען . אונ יצחק איז אוף גשטאנן מיט אלי דם זייניגע אונ זענן גגאנגן קיין חברון ווס עס איז אין לאנד כנען אזו ווי גאט ב"ה האט אים גבאטן . אונ נאך דעם אז יצחק איז גקומן קיין חברון איז גשטארבן שלח דר זון פון ארפכשד . אונ אלע לעב טאג פון שלח איז גוועזן פיר הונדרט אונ דריי אונ דרייסיג יאר . אונ יעקב מיט עשו זענן דעמאלט אלט גוועזן אכצעהן יאר :

בעת אין דר זעלביגר צייט הט יצחק אוועק גשיקט זיין זון יעקב צו שם ועבר . אונ הט דארטן גלערנט גאטס שטראף אונ יעקב איז גוועסן ביי שם ועבר צוויי אונ דרייסיג יאר אבר זיין ברודר עשו איז גוועזן אין דר היים אונ פלעגט גיין אלע טאג אין פעלד אריין צו חאפן חיות אונ עופות . אונ עשו איז גוועזן איין גרוסר גבור אין פעלד . אונ עטליכי טעג ארום איז עשו גגאנגן צום לאנד שעיר חאפן חיות אונ עופות . איז ער גוועסן אין שעיר פיר חדשים אונ עשו הט דר זעהן אין לאנד שעיר איין טאכטר פון איין כנעני אונ זיא הט גהייסן יהודית די טאכטר פון בארי דר זון פון עפרון פון דר משפחה פון חת דער זון פון כנען האט עשו זיא גנומן פר איין ווייב אונ בשעת עשו הט גנומן דם ווייב איז

ער

ער אלט געוועזן פערציג יאר . אונ עשו האט געבראכט דס ווייב קיין חברון ווי זיין פאטער איז געוועסן אונ הט זיך דארט בזעצט . אונ אז יצחק איז אלט געווארן הונדרט אונ צוואנציג יאר איז יעקב דעמאלט אלט געוועזן פופציג יאר . אין דר זעלביגר צייט איז שם דר זון פון נח געשטארבן אונ שם הט געלעבט זעקס הונדרט יאר . אונ ווי שם איז געשטארבן הט זיך יעקב אום געקערט צום פאטער קיין חברון צום לאנד כנען . אונ ווי יעקב איז אלט געווארן זעקס אונ פופציג יאר זענן געקומן מענשן פון חרן אונ האבן איין בשורה געזאגט צו רבקה אז איר ברודרס ווייב וואס זי הייסט עדינה הט געהאט איין צווילונג צוויי טעכטר דען זיא איז געוועזן איין אום טראכטערן אונ אלע ברודרס דינסטן זענן אויך געוועזן אום טראכטרן . אונ לבן הט זיי נעמן געגעבן . די ערשטי הט ער גרופן לאה אונ דיא יונגסטע האט ער גרופן רחל . אונ רבקה הט זיך דרוף זייער געפרייט מיט דעם וואס גאט ב"ה געדענקט אין איר ברודער אונ האט געהאט קינדר . אונ יצחק איז אלט געווארן דיא אויגן זענן געווארן אים שווער פון דר עלטר . אונ עס איז געווארן טונקל די אויגן אונ קען מיין ניט זעהן: בעת אין דר זעלביגר צייט הט יצחק גרופן זיין זון עשו אזו צו זאגן .

נעם דיין שווערד אונ דיין בויגן אונ גיי אין פעלד אריין אונ יאג איין געיעג אונ קאך מיר דר פון איין גוט עסין אונ זאלסט מיר ברענגן אזו וועל איך דס עסין אונ נאכן עסין וועל איך דיך בענשן . אונ ווי רבקה הט דס דר הערט די דאזיגע רייד וואס יצחק הט גרעט צו עשו . הט רבקה געאיילט אונ הט גרופן איר זון יעקב אונ הט אים געזאגט אזו אונ אזו הט דיין פאטער יצחק גרעט צו דיין ברודר עשו אונ אזו האב איך גהערט . אצונד אייל אונ טוא דס וואס איך וועל דיר זאגן גיי צו די שאף אונ זאלסט מיר נעמן צוויי גוטי ציקלך אונ איך וועל דיר מאכן גוטי געקעכטס ווי דיין פאטער יצחק הט ליב אונ דו זאלסט ברענגן דס געקעכטס צו דיין פאטער אונ ער וועט דס עסן איידר דיין ברודר וועט קומען פון זיין געיעג כדי דיין פאטער זאל דיך בענשן . אונ יעקב הט געאיילט אונ הט גטון אזו ווי זיין מוטר הט אים געהייסן . אונ הט געבראכט דס עסין פר דעם פאטער איידר עשו איז געקומן פון געיעג . אונ יצחק פרעגט צו יעקב מיין קינד

ווער

תם וישר

ווער ביסטו הט יעקב גזאגט צום פאטר איך בין דר בכור עשו איך הב
גטאן אזו ווי דו האסט מיר גזאגט. אצונד מיין פאטר שטיי אוף און
זעץ זיך אנידר וועסטו עסין פון מיין גיעג כדי דו זאלסט מיך בענשן. און
יצחק איז אוף גשטאנן און הט געגעסן און גטרונקן און בגיטיגט דם הארץ
און הט עם גבענשט. און תיכף ווי יעקב איז ארוס גגאנגן פון פאטר
יצחק איז עשו אן גקומן מיטן גיעג פין פעלד און הט אוך גמאכט גוטע
עסין שפייז און הט גבראכט פר דעם פאטר. און יצחק הט גזאגט צוא
עשו ווער איז דר מענש ווס הט מיר גבראכט עסין און איך האב אים
גבענשט איידר דו ביסט גקומן צו גיין צו מיר. און עשו הט שון גמערקט
אז יעקב הט דאס גטאן. און עשו צערינט און גרימט אוף זיין ברודער
יעקב ווס יעקב הט אים דם גטאן די דאזיגע זאך. און עשו זאגט דרום
הייסט ער יעקב וויל ער הט מיך צוויי מאל במריבט איין מאל הט
ער די בכורה ביי מיר אפ גקופט און דאס אנדרי מאל הט ער ביי מיר
די ברכה צו גנומן. און עשו ווינט איין גרוס גוויין. און יצחק הט דר
הערט אז עשו ווינט. זאגט יצחק צו עשו ווס זאל איך טון אז דיין
ברודר הט די ברכה מיט איין ליגן צו גנומן. און דר נאך הט יצחק
אוך גגעבן איין ברכה צו עשו און עשו הט פיינד גהאט יעקב דר פר
ווס ער הט די ברכה צו גנומן און דר צארן פון עשו הט זייער גגרימט
אוף זיין ברודר יעקב. און יעקב הט זיך זייער גפארכטן פר עשו. איז
יעקב אוף גשטאנן און איז אנטלאפן גווארן צו עבר דר זון פון שם און
הט זיך דארטן בהאלטן. און יעקב איז דעמאלט אלט גוועזן דריי און
זעכציג יאר און יעקב איז גזעסן אין הוז פון עבר פערצן יאר. און לערנט
נאך מיין גאטס וועג. און עשו איז אוף גשטאנן און הט גנומן זיין ווייב
איז גגאנגן צום לאנד שעיר און הט זיך דארטן בזעצט און הט גנומען
איין ווייב פון די טעכטר פון חת און זי הט גהייסן בשמת די טאכטר פון
אלון החתי און עשו הט זי גרופן עדה און עשו איז גזעסין אין לאנד שעיר
זעקס חדשים. און זיין פאטר און מוטרס פנים האט ער ניט גזעהן און
דר נאך הט עשו גנומן די ווייבר און איז אוף גשטאנן און איז גגאנגן
צום לאנד כנען. און עשו הט בזעצט די ווייבר אין לאנד חברון ביי

זיין

זַיין פָאטֶר אִין הוֹז אוּנ דִי וַוייבֶּר פוּן עֵשׂו פְלֶעגְן אַלֶע צַייט מַאכֶן דֶר צֶערְנִין יצחק מִיט רבקה מִיט זֵייעֶרִי מַעֲשִׂים . דֶען זֵיי זֶענֶען נִיט גְגַאנְגֶן אִין גָאטְס וֶועג . אוּנ הָאבֶּן גְדִינְט אָפּ גֶעטֶר אַזוֹ וִוי זֵייעֶרִי פָאטֶרְס הָאבֶּן זֵיי גְלֶערְנְט . אוּנ יצחק מִיט רבקה הָאבֶּן עֵשָׂוס וַוייבֶּר זֵייעֶר פַיינְט גְהַאט הָט רבקה גְזָאגְט צוּ יצחק אוֹיבּ יעקב וֶועט אוֹךְ נֶעמֶן אֵיין וַוייבּ פוּן דִי כְּנַעֲנִים ווָס טוֹג אוּנְז דָם לֶעבֶּן . אוּנ דִי דָאזִיגֶע טֶעג הָט עָדָה דָם וַוייבּ פוּן עֵשׂו אֵיין זוּן . אוּנ עֵשׂו הָט אִים גְרוּפֶען אליפז . אוּנ עֵשׂו אִיז דָעמָאלְט אַלְט גְוֶוען פִינְף אוּנ זֶעכְצִיג יָאר אוּנ ישמעאל דֶר זוּן פוּן אברהם אִיז גְשְׁטָארְבֶּן אִין דֶר דָאזִיגֶר צַייט . אוּנ ישמעאל הָט גֶלֶעבְּט הוּנְדֶערְט אוּנ זִיבֶּן אוּנ דְרַייסִיג יָאר אוּנ אַז יצחק הָט גְהֶערְט אַז זַיין בְּרוּדֶר ישמעאל אִיז גְשְׁטָארְבֶּן הָט עֶר גְמַאכְט אֵיין הֶסְפֵּד אוּנ הָט גְטְרָארְט אוֹף אִים פִיל טֶעג . אוּנ אַז עֶס אִיז גְוֶוען דֶער סוֹף פוּן דִי פֶערְצֶן יָאר ווָס יעקב אִיז גְזֶעסֶן אִין הוֹז פוּן עֵבֶר . הָט יעקב גְגְלוּסְט צוּ זֶעהֶן זַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶר . אִיז יעקב גְקוּמֶן קֵיין חברון צוּם פָאטֶר אוּנ מוּטֶר . אוּנ ווִי עֵשׂו הָט דֶר זֶעהֶן זַיין בְּרוּדֶר יעקב אִיז גְקוּמֶן צוּם פָאטֶר אוּנ מוּטֶר הָט עֵשׂו זִיךְ דֶער מַאנְט ווָאס יעקב הָט אִים גִיטָאן הָט דֶר צָארְן פוּן עֵשׂו זֵייעֶר גְגְרִימְט אוֹף יעקב אוּנ הָט אִים גְוָואלְט הַרְגְנֶן . אוּנ יצחק אִיז גְוֶוען אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶר צַייט זֵייעֶר אַלְט . הָט עֵשׂו גְזָאגְט אַצוּנְד מַיין פָאטֶר אִיז שׁוֹן אַלְט . אוּנ אַז עֶר וֶועט שְׁטַארְבֶּן וֶועל אִיךְ הַרְגֶענֶן מַיין בְּרוּדֶר יעקב . אוּנ דִי זַאךְ אִיז גְזָאגְט גְוָוארֶן צוּ רבקה הָט רבקה גְאַיילְט אוּנ הָאט גְרוּפֶן אִיר זוּן יעקב אוּנ הָט אִים גְזָאגְט שְׁטֵיי אוֹף אוּנ אַנְטְלוֹף צוּ מַיין בְּרוּדֶר לָבָן קֵיין חָרָן אוּנ זָאלְסְט דָארְטֶן זוּצֶן עֶטְלִיכֶע טֶעג בִּיז דֶער צָארְן וֶועט גְשְׁטִילְט וֶוערְן פוּן דַיין בְּרוּדֶר עֵשׂו . אוּנ דֶר נָאךְ וֶועסְטוּ וַוייטֶער אַהֵיים קוּמֶן . אוּנ יצחק לָאזְט רוּפֶן יעקב אוּנ זָאגְט צוּ אִים דוּא זָאלְסְט נִיט נֶעמֶן קֵיין וַוייבּ פוּן דִי טֶעכְטֶער כְּנַעַן . אוּנ שְׁטֵיי אוֹף אוּנ גֵיי צוּם הוֹז פוּן בְּתוּאֵל דֶר פָאטֶר פוּן דַיין מוּטֶר קֵיין חָרָן אוּנ נֶעם דִיר דָארְטֶען אֵיין וַוייבּ פוּן דִי טֶעכְטֶער פוּן לָבָן ווָס עֶר אִיז דַיין מוּטֶרְס בְּרוּדֶר . אוּנ אוֹךְ זָאג אִיךְ דִיר אָן אַז דוּ זָאלְסְט זֶעהֶן אַז דוּ זָאלְסְט נִיט פַר גֶעסֶן אִין גָאט ב"ה . אוּנ גָאט ב"ה וֶועט דִיךְ אוּם קֶערִין צוּ דֶעם לַאנְד וִוי דַיינֶע

עלטרן

תם וישר

עלטרן זענן גוועז מיט פיל קינדר . אונ מיט פיל גוטס . אונ מיט פיל
עשירות אונ מיט פרייד אונ יצחק פר לענד פון צו גיבאטן צו זיין זון יעקב
אונ פון צו בענשן . אונ הט אים גגעבן פיל מתנות אונ זילבר אונ גאלד
אונ הט אים אוועק גשיקט . אונ יעקב הט צו גיהערט די רייד פון זיין
פאטר יצחק אונ פון זיין מוטר רבקה אונ זיי האבן אים גקושט אונ ער הט
זיי גקושט . אונ איז אוף גשטאנן אונ איז גגאנגן קיין פדן ארם אונ יעקב
איז אלט גוועזן בשעת ער איז ארום גגאנגן פון באר שבע קיין חרן זובן
אונ זובציג יאר . אונ ווי יעקב איז ארום גגאנגן פון באר שבע צו גיין
קיין חרן . האט עשו גרופן זיין זון אליפז אונ האט צו אים גזאגט אז
קיינר זאל ניט הערן . אצונד אייל אונ נעם די שווערד אין די האנד
אונ יאג נאך מיין ברודר יעקב . אונ לוף עם איבר דעם וועג אונ זאלסט
עם הארגנן מיט די שווערד . אונ זאלסט קומן צו מיר . אונ אליפז איז
גוועזן אגשווינדר מענש . אונ הט גוויסט ווי אזו משיסט מיט אפייל אונ
מיט אבוגן אזו ווי זיין פאטר עשו הט עם גלערנט . אונ הט אוך גקענט
חאפן חיות אונ עופות אין פעלד . אונ אליפז איז דעמאלט אלט גוועזן
דרייצעהן יאר . אונ אליפז איז אוף גשטאנן אונ הט גנומן צעהן מענשן
פון זיין מוטרס ברודר אונ איז נאך גלאפן נאך יעקב . אונ ווי יעקב הט
דר זעהן אז אליפז יאגט אים נאך מיט צעהן מענשן . איז יעקב גבליבן
שטיין אוף דעם אורט ווי ער איז גשטאנן כדי ער זאל וויסן ווס דאס
בטייט דען ער הט גאר ניט גוויסט פון קיין שום זאך . אונ אליפז הט
אום גצוגן די שווערד אונ איז גגאנגן מיט זיינע מענשן אקעגן יעקב .
אונ יעקב האט צו זיי גזאגט . ווס בטייט דס ווס איר זענט גקומן אהער
צו מיר מיט אייערי שווערדן הט אליפז צו אים גנעהנט אונ זאגט צו
אים אזו אונ אזו הט מיר מיין פאטר אן גזאגט . אונ אצונד וועל איך
מקיים זיין מיין פאטרס גבאט ווס ער הט מיר גבאטן . אונ ווי יעקב הט
דר זעהן אז די רייד פון עשו איז שטארק ביי זיין זון אליפז . הט יעקב
צו אים גנענט אונ הט אים גבעטן אונ אוך צו זייני מענשן אזו צו זאגן
נון אלדונג ווס איך האב אונ אוך ווס מיין פאטר אונ מוטר האבן מיר
גגעבן נעמט דאס אייך צו אבי איר זאלט מיך ניט הרגנן אונ איר וועט
טאן

טאן מיט מיר צדקה . אונ גאט ב"ה הט געגעבן חן צו יעקב אין די אויגן פון אליפז אונ הט אים ניט געהרגת אונ אליפז הט צו גנומן גאר דם גוטס וואס יעקב הט געהאט אונ אליפז מיט זייני מענשן האבן זיך אום גקערט קיין באר שבע צו זיין פאטר עשו . אונ זיי האבן אים דר ציילט ווי אזו עס הט זיך גפירט מיט יעקב אופן וועג אונ זיי האבן אפ געגעבן צו עשו אלדונג וואס זיי האבן אוועק גנומן פון יעקב . אונ עשו הט געצערינט אוף אליפז אונ אויף די צעהן מענשן וואס זענען גוועזן מיט אים אונ זייא האבן צו עשו געענפרט אונ גזאגט . דען יעקב הט אונז זייער געבעטין אז מיזאל אים ניט הארגענן האבן מיר זיך דר בארימט איבר אים נאר דם גוטס וואס ער הט געהאט האבן מיר ביי אים צו גנומן אונ מיר זענען אהיים גגאנגען . אונ עשו הט גנומן ביי זיי דאס גאלד אונ זילבר וואס זיי האבן גנומן בייא זיין ברודר יעקב אונ האט דם געגעבן אין זיינע אוצרות . אין דער זעלביגר צייט אז עשו הט גזעהן אז זיין פאטר יצחק הט געבענשט צו זיין ברודר יעקב אונ הט אים גזאגט אז ער זאל ניט נעמען קיין ווייב פון די קינדר פון כנען . איז עשו גגאנגען צו זיין פעטר ישמעאל . אונ הט גנומן זיין טאכטער מחלת דו שוועסטר פון נביות פר איין ווייב חוץ וואס ער הט געהאט די ערשטע ווייבער :

פרשת ויצא

ויצא אונ יעקב איז ארוס גגאנגן פון באר שבע אונ איז גגאנגן צו זיין וועג קיין חרן . אונ איז גקומן ביז אין דעם בארג מוריה אונ האט גנעכטיגט לעבן דער שטאט לוז אונ גאט הט זיך בוויזן צו אים אין זעלביגר נאכט אונ הט צו אים גזאגט איך בין דיין גאט אונ אוך דר גאט פון אברהם אונ דר גאט פון דיין פאטער יצחק דם לאנד וואס דו ליגסט דרויף וועל איך עס געבן דיר אונ דייני קינדר . אונ איך בין מיט דיר אונ זאלסט גאר קיין מורא ניט האבן . אונ איך וועל דיך היטן ווי אהין דו וועסט גיין . אונ וועל מערן דיינע קינדר אזו ווי שטערן פון הומל אונ איך וועל מאכן פאלן דיינע פיינט פר דיר אונ וועל דיך ווידר קערן צו דעם דאזיגן לאנד מיט פרייד אונ מיט פול קינדר אונ מיט פול עשירות .

אונ

תם וישר

אונ יעקב הט זיך אויף גהאפט פון שלאף אונ הט זיך זייער גפרייט אויף דעם חלום וואס ער הט גזעהן. אונ יעקב הט גרופן דס דאזיגע ארט בית אל. אונ איז פון דארטן אוועק גגאנגן צום לאנד קדם אונ איז גקומן קיין חרן. אונ הט זיך גזעצט ביי דעם ברונן וויא די פאסטיכר טרינקן אן די שאף. אונ יעקב הט דארטן דר זעהן אז מענשן גייען פון חרן צו פאשן די שאף. הט יעקב זיי גפרעגט פון וואנען זענט איר פיליכט קענט איר לבן דר זון פון נחור. האבן זיי צו אים גזאגט מיר קענן אים. אונ באלד וועט קומן זיין טאכטר רחל מיט זיינע שאף דען רחל איז גוועזן לבנס איין פאסטיך. אונ ווי יעקב הט דער זעהן רחל די טאכטר פון לבן וואס ער איז זיין מוטערס ברודר. איז יעקב גלאפן צו איר אונ האט זיא גקושט אונ הט אויף גהובן זיין קול אונ הט גוויינט. אונ יעקב זאגט צו רחל דס ער איז דר זון פון רבקה אונ דס רבקה איז איר פאטערס שוועסטר. איז רחל גלאפן צום פאטר אונ הט אים גזאגט אז יעקב דר זון פון רבקה איז גקומען. אונ יעקב הט נאך מער גוויינט בחמת ער הט ניט עפיס צו ברענגן צו לבן אין שטוב אריין. אונ ווי לבן הט דר הערט אז יעקב דר זון פון רבקה קומט אן. איז לבן גלאפן צו אים אונ הט אים גהאלזט אונ גקושט אונ ברינגט אים צו זיך אין שטוב אריין. אונ הט אים גגעבן עסין ברויט. אונ יעקב דר ציילט צו לבן וואס עם הט זיך אים גטראפן אונ וואס זיין ברודר עשו הט אים גטאן אונ אויך וואס אליפז דר זון פון עשו הט אים גטאן אופן וועג. אונ יעקב איז גזעסן ביי לבן אין הויז איין חודש טעג אונ הט גגעסן אונ גטרונקן אונ גפאשעט די שאף. אונ נאך דעם הט לבן גזאגט צו יעקב זאג מיר וואס זאל זיין דיין שכר דר פר וואס דוא דינסט מיך. אונ פאר וואס זאלסטו זיין ביי מיר אום זונסט. אונ לבן הט ניט גהאט קיין זון נור צווי טעכטר איינע הט גהייסן לאה אונ די אנדרי הט גהייסן רחל אונ די אוגן פון לאה זענן גוועזן טונקל אונ רהל איז גוועזן זייער איין שיינע. אונ יעקב הט זייער ליב גהאט רחל. אונ יעקב ענפערט צו לבן איך וועל דינן ביי דיר זובן יאר פר דיין קלענצטי טאכטר וואס זי הייסט רחל. אונ לבן איז דרוף באשטאנן. אונ יעקב הט אן גהויבן אים צו דינן אונ ווי עם איז גקומן דם אנדרי יאר וום יעקב איז גזעסן איז גשטארבן עבר דר זון פון שלח. אונ עבר איז אלט גוועזן פור הונדערט אונ פור אונ זעכציג יאר. אונ ווי יעקב הט דם דער הערט הט יעקב דרויף זייער גטרויערט אונ הט גמאכט אויף אים איין הספד אונ הט אויף אים גקלאגט פור טעג:

אונ ווי עם איז שון דם זיבטע יאר פון זיין דינסט וום ער הט גדינט צו לבן האט יעקב גזאגט צו לבן. גיב מיר מיין ווייב דאס איך האב פאר איר דיך גדינט. אונ לבן האט אזו גטאן אונ האט איין גזאמלט דיא שטעט לייט אונ האט גמאכט איין מאל צייט אונ וויא עם איז נאכט גווארין איז לבן אריין גגאנגען אין שטוב אריין אונ יעקב איז אוך נאך גגאנגן מיט דיא התונה לייט צו לבן איז לבן גגאנגן אונ האט פר לאשן אלע ליכט וום זענן גוועזן אין שטוב אונ יעקב זאגט צו לבן נאך וואס פאר לעשטו די ליכט האט לבן אים געענפערט אונ גזאגט אזו איז ביי אונז דער מנהג אונ נאך דעם האט

לבן

לבן גנומן זיין טאכטער לאה אונ הט זיא גבראכט צו יעקב. אונ יעקב הט גאר ניט גוויסט אויב עס איז לאה. אונ לבן הט געגעבן זיין דינסט מויד זלפה צו זיין טאכטער לאה פר איין דינסט מויד. אונ אלע חתונה לייט האבן גוויסט וואס לבן הט גטאן צו יעקב נייערט זייא האבן צו יעקב ניט גזאגט. אונ אלע חתונה לייט זענן גקומן אין דר דאזיגר נאכט אין דעם הויז ווי יעקב איז גוועזן אונ האבן גגעסין אונ גטרונקן אונ האבן זיך גפרייט אונ גטאנצט מיט פויקן אונ מיט פייפלין אונ האבן גזינגן אונ האבן גזאגט הילא הילא אז יעקב זאל הערין. אונ יעקב הט אבר ניט פר שטאנין וואס זיי שרייאן אונ וואס זיי זאגן. אונ יעקב הט גמיינט אז דר מנהג איז אזו צו זאגן. אונ די חתונה לייט האבן אזו גזאגט איין גאנצי נאכט פר יעקב. אונ וויא עס איז טאג גווארין הט יעקב זיך גקערט צום ווייב הט ער דר זעהן אז דם איז לאה. הט יעקב גזאגט אצונד פר שטיי איך ווס די חתונה לייט האבן גזאגט הילאה דם מיינט מען הירא איז טייטש דם איז לאה. אונ איך האב גאר דר פון ניט גוויסט: אונ יעקב הט צו גרופן צו לבן אונ הט צו אים גזאגט וועם האסטו מיר גטאן. פר וואר איך האב דיך גדינט פר רחל. אונ נאך וואס האסטו מיך אפ גנארט אויף אזאלכער ארט אונ דוא האכט מיר גגעבן לאה. אונ לבן הט געענפערט צו יעקב מען טוט ניט אזו בייא אונז אז מען זאל חתונה מאכן פריער די יונגסטו איידר די עלצטי. אונ אצונד אויב דו ווילסט נאך נעמן איר שוועסטר רחל זאלסטו מיר נאך דינן זיבן יאר. אונ יעקב הט אזו גטון. אונ האט גנומן אוך רחל פר איין ווייב אונ יעקב הט ליבר גהאט רחל איידר לאה: אונ לבן האט געגעבן צו זיין טאכטער רחל איין דינסט מוד אונ זי הט געהייסן בלהה:

אונ ווי גאט ב"ה הט דר זעהן אז יעקב הט פיינט לאה. הט גאט ב"ה זיא בווילגט אונ הט גווינן פור זון צו איר מאן יעקב. אונ אזו האבן זיי געהייסן ראובן שמעון לוי יהודה אונ לאה הט אויף געהערט צו גווינן. אונ רחל איז גוועזן איין אום טראכטערן אין די טעג אונ רחל הט מקנא גוועזן איר שוועסטר לאה אונ ווי רחל הט גזעהן אז זי גווינט ניט קיין קינד הט רחל גנומן איר דינסט מוד בלהה אונ הט זי געגעבן צו יעקב פר איין ווייב אונ די הט גווינן צוויי זון נאך אננדר אונ זיי האבן געהייסן דן אונ נפתלי אונ ווי לאה הט גזעהן אז זיא הט אויף געהערט קונדר צו האבן הט זי אוך גנומן איר דינסט מויד זלפה אונ הט זי געגעבן צו יעקב פר איין ווייב אונ הט אוך גווינן צוויי זון נאך אננדר אונ זיי האבן געהייסן גד אונ אשר אונ לאה האט נאך גמערט אונ הט גווינן צווייא זון אונ איין טאכטער נאך אננדר אונ אזו האבן זיי געהייסן יששכר אונ זבולון אונ דינה זייער שוועכטר. אונ רחל איז נאך גוועזן איין אום טראכטערן אין די דאזיגע טעג אונ רחל האט תפלה גטאן צו גאט ב"ה אין דר זעלביגער צייט. אונ גאט ב"ה הט צו געהערט איר תפלה אונ רחל האט גווינן איין זון. אונ הט גזאגט גאט ב"ה האט איין גטון מיין שאנד אונ רחל הט גרופן איר זון מיטן נאמן יוסף צו זאגן אז גאט ב"ה זאל מערן צו מיר נאך איין זון. אונ יעקב איז דענסטמאלט אלט גוועזן איין אונ ניינציג יאר:

תם וישר

בעת אין דער זעלביגער צייט הט רבקה די מוטר פון יעקב גשיקט צו
יעקב פון לאנד כנען איר זייגערן דבורה וואס זי איז די טאכטער פון
עוץ אונ אוך צוויי מענשן פון יצחקס קנעכט אונ זיי זענן אנגקומן קיין
חרן אונ זיי האבן גזאגט צו יעקב דיין מוטר רבקה הט אונז גשיקט דיר
צוא זאגן אז דוא זאלסט דיך אום קערן צו דיין פאטערס הויז גזונד אין
לאנד כנען אונ יעקב הט צו גהערט די דאזיגע רייד אונ אוך אין דער
זעלביגער צייט הט זיך אום גלאזט די אנדערע זיבן יאר וואס ער האט
גדינט פר זיין ווייב רחל אונ ווי עס איז גקומן דר סוף פון פערצן יאר
האט יעקב גזאגט צוא לבן גיב מיר מיינע ווייבער אונ שיק מיך אוועק
דען מיין מוטער האט גשיקט צוא מיר פון לאנד כנען אז איך זאל זיך
אום קערן צו מיין פאטערס הויז. אונ לבן הט גזאגט צו יעקב ניט אזוי
אויב איך האב גפונן לייט זעליגקייט אין דיינע אוגן בעט איך דיך אז
דו זאלסט מיך ניט פר לאזן אונ זאג מיר ווי פול דו ווילסט פאר דיין
טירחא וועל איך דיר בצאלן אונ זיין מיט מיר אונ יעקב זאגט צו לבן
די דאזיגע זאך זאלסטו מיר געבען פר מיין טירחא איך וועל היינט
אובר צייכן אלע דיינע שאף אונ וועל דר פון אפ טון איטליכי שאף וואס
זיא איז גשטופלט אדר גפלעקילט אדער גריימילט אדער גהיצט אונטער
די שאף אדער ציגן אז דיינע קונדער זאלן דאס דאזיגע ויידן אונ איך
וועל ווידען די פראסטע שאף אונ אז די פראסטע שאף וועלן אויך
האבן גשטופילטע אודר גפלעקילטע אודר גריימילטע זאל דס זיין פר
מיין טירחא אונ אז דו ביסט מסכים דרויף וועל איך ווייטר ווידען די
שאף ווי איך האב גטון פריער ביי דיר:

און לבן האט אזוי גיטון אונ טוט אפ דיא שאף גשטופילטע אונ דיא
גפלעקילטע אונ די גריימילטע אונ גיט דס צו זייני קינדער צו ווידן
אונ די פראסטע שאף גיט ער ווידן צו יעקב אזוי ווי יעקב הט גזאגט
אונ יעקב האט נאך גדינט ביי לבן זעקס יאר חוץ וואס ער האט אים
גדינט פערצן יאר פר דיא ווייבער. אונ וויא עס איז גקומן דיא צייט
אז שאף זאלן גווינן האט יעקב אפ גיטון פון זייא דיא גשטופעלטי
אונ דיא גריימילטע אזויא וויא ער האט גרעט מיט לבן אונ יעקב

תאם

הט אזו גטון אלע זעקס יאר. אין מיטן די זעקס יאר האבן גזאגט די קנעכט פון יצחק וואס זענן געשיקט געווארן צו יעקב אז ער זאל זיך אום קערין צו זיין פאטער צום לאנד כנען האבן זיי געזעהן אז ער וויל זיך ניט אום קערן זענן זיי אוועק גגאנגן פון אים צום לאנד כנען אונ יעקב הט זיך זייער געשטארקט אונ הט געהאט פול שאף אונ דינסט מיידן אונ אייזלן אונ עס איז גוועזן צו יעקב צוויי הונדרט טויזנט זער גרוסי אונ שייני שאף אונ זיי האבן זיך גפרוכפערט. אונ די זון פון לבן האבן זיך מתקנא גוועזן אין יעקב פון וועגן דעם עשירות וואס יעקב האט געהאט. אין איין צייט ארום הט יעקב געהערט אז די זון פון לבן ריידן צווישן זיך יעקב הט צו גנומן וואס וואר ביי אונז אונ דורך דם הט ער אזו אכבוד. אונ יעקב זעהט אז לבן מיט זיינע זון זענן ניט גאנץ מיט אים אזו ווי פרוער. אין דר זעלביגר צייט איז גוועזן דר סוף פון די זעקס יאר הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו אים אונ הט אים גזאגט שטיי אויף אונ גיי ארוס פון דעם דאזיגן לאנד אונ קער זיך אום צו דיין פאטערס הויז גזונד אונ איך וועל זיין מיט דיר:

אונ יעקב איז אויף גשטאנען אין דר זעלביגער צייט. אונ הט גנומן זיינע ווייבר אונ אויך זיינע קונדר אונ אויך אלדונג וואס ער הט געהאט אונ הט עס ארויף גלייגט אויף די קעמלין אונ איז אוועק גגאנגן צום פאטר יצחק צום לאנד כנען. אונ לבן הט גאר דר פון ניט גוויסט אז יעקב איז פון אים אוועק גגאנגן. דען לבן איז גוועזן אין דר זעלביגר צייט צו שערין זיינע שאף. אונ רחל הט אוועק גנומן די בילדער וואס לבן הט געהאט. אונ רחל הט זייא בהאלטן אונטרין זאטל וואס איז אופן קעמל אונ הט זיך דרויף ארויף גזעצט אונ איז אוועק גריטן. אונ ווי לבן איז אהיים גקימן האט ער גפרעגט ווי איז יעקב אונ וויא זענן די קינדר פון יעקב. הט קיינער ניט גוויסט ווי זיי זענן. איז לבן גגאנגן צו זיינע בילדער פרעגן ווי אהין איז יעקב אוועק הט ער זיי ניט גפונען. דער נאך הט ער ערפארן אז יעקב איז אנטלאפן גווארן צום פאטר. אונ לבן איז אויף גשטאנן אין דר זעלבינר צייט אונ הט גנומן זיינע ברודער אונ אויך זיינע קנעכט זענן אלע נאך גלאפן נאך יעקב. אונ האבן בגעגינט יעקב מיט זיינע קינדער אופן בארג גלעד.

תם וישר

אונ לבן הט גזאגט צו יעקב וואס האסטו גטון צו מיר · נאך וואס ביסטו אנטלאפן וואָרן פון מיר אונ אויך האסטו אוועק גנגבת מייני בילדר · אונ פירסט מייני טעכטער אונ אויך זייערע קינדר אזו ווי מען פירט שביה מענשן · אונ האסט מיינע קינדר ניט גלאזט אז איך זאל זיי קושן אונ איך וואלט זיי בגלייט מיט שמחה הט יעקב געענפערט צו לבן הען איך האב גהאט מורא גהאט טאמער וועסטו צו נעמען ביי מיר מיינע ווייבר · און אויך ביי וועמען דו וועסט געפינען דיינע בילדר דר זאל ווערן גהרגת אונ לבן הט גזאגט צו יעקב לאזן מיר כורת ברית זיין אונ דס זאל זיין איין עדות צווישן מיר אונ צווישן דיר אז דו זאלסט ניט פייניגן מיינע טעכטער · אונ אויך זאלסטו ניט נעמען מער קיין ווייבר · אונ גאט ב"ה זאל זיין איין עדות אויף די דאזיגע זאכן אונ זיי האבן גנומען שטיינר אונ האבן גמאכט עדות צווישן מיר אונ צווישן דיר · דרום הט מען דם אורט גרופן גלעד · אונ יעקב מיט לבן האבן גשאכטן איין שעכטונג אויף דעם בארג · און האבן געגעסן אונ האבן גענעכטיגט אופן בארג · אונ לבן איז אויף גשטאנן גאנץ פרי אונ הט גוויינט אונ די טעכטער האבן אויך גוויינט · אונ לבן הט זיי גקושט איז לבן אוועק גגאנגן צו זיין אורט · אונ יעקב איז אויך אוועק גגאנגן אין זיין וועג · אונ וויא לבן איז אהיים גקומן הט לבן גאיילט אונ הט גשיקט זיין זון בעור · אונ בעור איז אלט זיבצן יאר · אונ הט גשוקט מיט זיין זון בעור דעם עוץ אונ עוץ איז גוועזן דר זון פון נחור אונ שוקט אויך מיט זיי צעהן מענשן · אונ לבן זאגט זיי אן אז זיי זאלן איילן אונ גיין צו עשו · אונ זאלן עשו אזו זאגן פעטער וואָרין האסטו דען ניט גהערט וואס דיין ברודר יעקב הט גטון צו דיין פעטער לבן · דיין ברודר יעקב איז גגאנגן צו אים גאר נאקעט אונ ליידיג · אונ דיין פעטער לבן איז ארוס גגאנגן אקיגן אים · אונ הט אים אריין גבראכט צו זיך אין שטוב אריין מיט גרוס כבוד אונ האט אים זייער ערליך גהאלטן · אונ הט אים גגעבן זיינע צוויי טעכטער פר ווייבר · אונ הט אים אויך גגעבן צוויי דינסטן · אונ גאט הט אים גבענשט בייא אים אין הויז · אונ יעקב האט זיך גשטארקט זייער און הט זון · אונ אויך טעכטער אונ דינסטן · אונ הט אויך שאף אונ רונדר אונ קעמלן אונ אייזלן אזו פיל וואס הט גאר ניט קיין צאל · אונ אויך הט ער פיל גאלד אונ זילבר אונ דם איז אלץ דורך לבן · אונ ווי יעקב הט דר זעהן אז ער הט שון פיל גוטס האט ער זיך אוועק גנגבת פון לבן אונ לבן איז גאר ניט גוועזן אין דר היים דען לבן איז גגאנגן שערין די שאף הט יעקב גנומן די ווייבר אונ אויך די קינדר אונ גאר זיין גוטס · אונ איז אוועק גגאנגן צום פאטר קיין לאנד כנען אונ הט אויך אוועק גנגבת ביי אים די בילדר · אונ אצונד איז ער מיט גאר זיין גוטס ביי דעם טייך יבוק · אונ אוב דו ווילסט גיין צו אים זאלסטו תיכף גיין צו אים אונ וועסט אים דארטן געפינען וועסטו אים טאן וואס דו וועסט וועלן · אונ די שלוחים פון לבן זענן גגאנגן צו עשו אונ האבן אים דר צײלט אזו ווי לבן הט זיי אן גזאגט · אונ וויא עשו האט דער הערט דיא דאזיגע רייד האט דער צארן פון עשו זייער גבריסט אויף יעקב אונ הט זיך דר מאנט דם פיינד שאפט וואס ער הט גהאט אויף יעקב ·

אן

און הט גאיילט און גנומן זיינע זון און אוך זיינע קנעכט און אלע קונדר פון חורי • פיר הונדרט מענשן און אלי האבן גהאט בלוסי שווערדן און זענן גגאנגן יעקב דר שלאגן : און די שלוחים וואס זענן גגאנגן פון לבן צו עשו • זענן זיי אוועק גגאנגן פון עשו און זענן גגאנגן צום לאנד כנען • און זענן גקומן צו רבקה די מוטר פון יעקב און עשו • און האבן איר דר ציילט אז דיין זון עשו גייט מיט פיר הונדרט מענשן אקיגן יעקב מלחמה האלטן מיט אים • און זאל אים הרגנן און זאל צו נעמן ביי אים וואס ער הט : און רבקה הט גאיילט און גשוקט צו יעקב צוויי און זיבציג מענשן פון יצחק זיינע

טרייע קנעכט און די צוויי און זיבציג מענשן האבן אים בגעגנט ביי דעם טייך יבוק • און יעקב הט גזאגט נלובט איז נאך ברוך הוא וואס ער האט מיר גשוקט איין מחנה מיט מענשן אז זיי זאלן מיר העלפן • און יעקב הט גרופן דאס זעלביגע אורט מחנים : און די צוויי און זיבציג מענשן האב גזאגט צו יעקב דיין מוטר רבקה הט אונז גשוקט צו דיר אזו צו זאגן • מיין קונד איך האב גהערט אז דיין ברודער עשו גייט אקיגן דיר מיט פיר הונדרט מענשן • און אצונד מיין ליב קונד זאלסטו צו הערין מייני רייד און זאלסט אזו טון אז דיין ברודר עשו וועט קומן צו דיר זאלסטו אים בעטן מיט ווייכע רייד און זאלסט נית ריידן אקעגן אים מיט הארטע רייד • און זאלסט אים געבן איין מתנה פון אלעם וואס דו האסט וואס גאט ב״ה האט דיך גבייט זעליגט • און וואס ער וועט דיך פרעגן זאלסטו דו אים זאגן דעם אמת טאמער וועט זיך אפ טון פון אים דר צארין וועסטו וועין בשערמט און אוך דיין הויז גזונד • דען דו בדארפסט אים אפ געבן כבוד • ווארום ער איז עלטר פון דיר און ווי יעקב הט אזוס גהערט די רייד פון זיין מוטר הט יעקב אוף גהובן זיין קול און האט גוויינט פר פרייד און הט גטון ווי די מוטר הט אים גבאטן אין די זעלביגע צייט :

פרשת וישלח

וישלח און יעקב הט גשוקט שלוחים אקעגן זיין ברודר עשו צום לאנד שעיר מיט ווייכע רייד : ויצו און האט גבאטן די שלוחים אזו צו זאגן איר זאלט צוא מיין הער עשו זאגן אזו הט גזאגט דיין קנעכט יעקב אז מיין הער עשו זאל נית טראכטן אז מיין פאטערס ברכה וואס ער הט מיך גבענשט איז אין מיר מקוים גווארן • ביוארט איך בין גוועזן ביי לבן און האב אים גדינט צוואנציג יאר און לבן הט מיך אלי מאל אפ גינארט • און הט פר ביטן מיין שכר צעהן מאל און איך האב גדינט ביא אים זייער שווערע ארבייט • און גאט ב״ה הט גזעהן מיין פיין און מיין מדיקייט וואס איך האב גהאט ביי לבן הט ער מיר גהאלפן און היינט האב איך אוקסן און איזלען און שאף און קנעכט און דינסט מיידן און דס איז גוועזן דורך דעם דער בארמונג פון דם אייברשטן און דורך זיין גרוס חסד און אצונד טו איך ווידר קערן צו מיין לאנד כנען • און שיק דם צו מיין הער דר ציילן כדי איך זאל גפונן גייט זעליקייט אין דייני אויגן כדי דר הער זאל נית מיינן אז די ברכה פון מיין פאטער איז אן מיר מקוים גווארן :

און

תם וישר

אונ דיא שלוחים זענן גגאנגן צו עשו אונ האבן אים גטראפן אין סוף פעלד פון אדום אונ עשו גייט מיט פיר הונדרט מענשן אונ איטליכר גייט מיט אשווערד אונ די שלוחים פון יעקב האבן גזאגט די רייד פון יעקב צו זיין ברודר עשו. אונ עשו הט גיענטפערט צו די שלוחים פון יעקב מיט כעס אונ הט גזאגט צו זיי פר וואר איך האב גהערט וואס מיין ברודר יעקב הט גטאן צו אונזר פעטר לבן אונ ניט צו לבן אליין הט ער אזעלכם גטאן ווי דען ער הט מיר דס אויך גטאן. אונ הט מיך באטריבט צווייא מאל אונ האב דרוף גאר גשוויגען:

ועתה אונ אצונד גייא איך אקעגן אים אונ וועל אים טאן ווי אזו מיין הארץ וויל. אונ די שלוחים האבן זיך אום גיקערט אונ זענן גקומן צו יעקב אונ האבן אים דער צײלט אז מיר זענן גקומן צו דיין ברודר אונ האבן אים גיזאגט אלי רייד וואס דו האסט אונז אן גזאגט אונ עשו הט אונז אזו אונ אזו גענטפערט אונ ער גייט מיט פיר הונדרט מענטשן אקעגין דיר:

ועתה אונ אצונד זיי וויסן דר פון אונ זעה וואס דו זאלסט טון. אונ טוא תפלה צו גאט ב״ה אז ער זאל דיך מציל זיין פון אים: ויתפלל אונ יעקב הט תפלה גטאן צו גאט ב״ה אונ הט גזאגט איך בעט דיך גאט ב״ה הער פון דר וועלט וואס דו ביסט דר גאט פון מיין פאטר אברהם. אונ דר גאט פון מיין פאטר יצחק. דו אליין האסט מיר גזאגט בשעת אז איך בין ארוס גגאנגן פון מיין פאטרס הויז אזו צו זאגן איך וועל דיר געבן דס דאזיגע לאנד אונ צו דיינע קינדר נאך דיר אונ איך וועל מערן דייני קינדער אזו ווי שטערן אין הימל. אונ אין דיר וועלן זיך בענשן אלי משפחות פון דר ערד אונ אויך אין דיינע קינדר אונ דו גאט ב״ה האסט מקיים גוועזן דיינע רייד אונ האסט מיר גגעבן קינדר אונ אויך פיל עשירות אונ פיל פיך אזו ווי מיין הארץ האט בגערט. אונ וואס איך הב גבעטן פון דיר האסטו מיר גגעבן. אונ עס איז מיר גמינרט ניט גווארן קיין שום זאך. אונ נאך דעם האסטו מיר גזאגט אז איך זאל זיך אום קערן צו מיין פאטר אונ וועסט טאן צו מיר זייער פיל גוטס: ועתה אונ אצונד או דו האסט מיך מציל גוועזן פון לבנן זאל איך הס ושלום ניט פאלן אין די הענד פון מיין ברודר עשו ועתה אונ אצונד גאט ב״ה זיי מיך מציל פון מיין ברודר עשו ווארום איך האב זייער מורא. אונ אוב איך בין ניט ווערט אין מיין זכות אז איך זאל ניצול ווערן זייא מיך מציל אין דעם זכות פון מיין עלטר פאטר אברהם אונ מיין פאטר יצחק. ווארום איך וויים וואול אז מיט דיין גנאד און מיט דיין דר בארעמקייט האב איך דס גוטס בקומן. אונ אצונד זייא מיך היינט מציל פון וועגן דיין חסד אונ דיין דער בארעמקייט אונ ענפר מיר דרוף:

ויכל אונ ווי יעקב הט אום גילאזט די תפלה הט יעקב צו טייטט וואס ער הט גהאט אויף צוויי מחנות איין מחנה הט ער אפ גטייטט צו דמשק דר זון פון אליעזר וואס ער איז גוועזן דר קנעכט פון אברהם אונ די אנדרי האלבי האט ער געגבן צו אלינוס אליעזרס ברודר: ויצו אונ הט זיי גבאטן אזו צו זאגן איר זאלט זיך דר ווייטרן איינער.

פון דעם אנדרן גאנץ ווייט אונ אוב עשו וועט קומן אונ וועט איין מחנה דער שלאגן וועט די אנדרי מחנה ניצול ווערין: וילן אונ יעקב הט איבר גנעכטיגט די זעלביגע נאכט אונ יעקב הט אזו אן גזאגט איין גאנצע נאכט צו זיינע קנעכט. אונ גאט ב״ה הט צו גהערט דיא תפלה פון יעקב אין דעם זעלביגן טאג אונ גאט ב״ה האט אים מציל גוועזן פון זיין ברודער:

וישלח אונ גאט ב״ה הט גשוקט דריי מלאכים פון הימל צו עשו אונ די מלאכים זענין גגאנגן צו עשו אונ די מלאכים זענן גקומן צו אים. אונ די מלאכים האבן זיך אום גוויזן פר עשו גלייך ווי עס גייאן פיל טויזנד מענשן אקעגן אים אונ רייטן אוף פערד אונ האבן כלי זיין אונ טיילן זיך אוף פיר טייל אונ אזו הט זיך אום גוויזן ביי אלי מענשן ווס זענן גוועזן מיט עשו. אונ ווי עשו הט גזעהן ווס עס הט זיך אים גטראפן. האט עשו זייער מורא גהאט פר יעקב. איז שון עשו גגאנגן אקעגן זיין ברודר יעקב מיט פריד. אונ עשו בדעקט די שנאה ווס ער הט גהאט פר יעקב:

אונ יעקב איז אוף גשטאנן פריא אונ הט אום גקליבן פון דר פיך איין מנחה צו עשו.

אונ דס איז די צאל פון דר מנחה ווס יעקב הט גשוקט צו זיין ברודר עשו. פון די שאף הט ער אים גשוקט פיר הונדרט אונ פערציג. אונ קעמלן האט ער אים גשיקט דרייסיג. אונ אייזלן האט ער עם אויך גשוקט דרייסיג. אונ פון אלערליי רינדר הט ער גנומן פופציג. אונ הט דס געבן צו זייני הירטן אונ הט דס צו טיילט אוף צעהן חלקים: ויצום אונ יעקב הט זיי גבאטן אז זיי זאלן זיך דר ווייטרן איינר פון דעם אנדרן. אונ אז עשו מיט זייני מענשן וועלן אייך בגעגנן אונ וועלן אייך פרעגן וועמס איז דאס אונ ווי גייט איר. זאלט איר אים ענפרן מיר זענן יעקב קנעכט אונ מיר גייאן אקעגן זיין ברודר עשו צו געבן דס עם איין מתנה אונ יעקב קומט אויך אן אונ ער איז אונטר אונז. אונ אז עשו וועט אייך פרעגן נאך ווס גייט יעקב אופן סוף זאלט איר עם זאגן אז ער גייט אונטר אונז מיט פרייד און שמחה אקעגן זיין ברודר עשו דען ער הט גזאגט כדי דר הער עשו זאל אפ וואשן דעם צארין מיט דר מתנה ווס גייט פריער פר עם אונ דר נאך וועט יעקב אליין קומן צו זעהן זיך מיט דעם הער עשו. דען דער הער וועט פר טראגן דעם צארן מיט דער מנחה. אונ די מנחה פון דיא פיך איז איבר גגאנגן פאר עשו איין גאנצן טאג:

אונ יעקב הט גנעכטיגט די זעלביגע נאכט מיט זיינע מחנות בייא דעם טייך יבוק.

אונ יעקב איז אוף גשטאנן האלבע נאכט אונ הט גנומן די ווייבר אונ די דינסטן אונ הט זיי איבר גפירט דעם טייך. אונ ווי יעקב הט שון איבר גפירט אלדונג איבערן טייך איז יעקב אליין איבר גבליבן הט אים בגעגנט איין מענש אונ הט זיך מיט אים גראנגלט ביז דר מארגן שטערן איז אוף גגאנגן אונ בשעת זיי האבן זיך גראנגלט הט דר מענש פר רוקט יעקבן די זייט פון דיך. אונ ווי עס איז אוף גגאנגן דר מארגן שטערן הט דר מענש פר לאזט יעקבן אונ הט אים גבענשט אונ איז אוועק גגאנגן. אונ יעקב איז איבר גפארן דעם טייך. אונ הט אוף גהובן זיינע אויגן הט ער דר זעהן אז

עשו

תם וישר

עשו גייט פון ווייטן מיט פיל מענשן אונ יעקב הט זייער מורא פר עם. אונ יעקב הט גאיילט אונ צו טיילט זיינע קינדר אונ אוך זיינע ווייבר אונ אוך זיינע דינסטן אונ זיין טאכטר דינה הט ער בהאלטן אין איין קאסטן אונ הט דס אלס אפ גגעבן צו זייני קנעכט אין דיא הענד. אונ יעקב איז גגאנגן פריער פר זיינע קונדר אונ אוך פר די ווייבר. אונ ווי יעקב איז גקומן אקעגן זיין ברודר עשו האט יעקב זיך גבוקט פאר עשו זיבן מאל ביז ער הט גנעהנט צו עשו. אונ גאט ב״ה הט חן גגעבן אין דיא אוגן פון עשו אונ אוך ביי זיינע מענשן אויף יעקב. אונ עשו איז גלאפן אקיגן יעקב. אונ עשו הט עם גהאלזט אונ גקושט אונ האבן ביידי אן גהובן צו וויינן. אונ אוך אליפז דר זון פון עשו אונ זיינע ברודר האבן אוך גוויינט מיט יעקב אונ האבן עם גקושט אונ גהאלזט דען די פארכט פון גאט איז גפאלן אוף זיי. אונ עשו הט אוף גהובן זיינע אוגן אונ הט דר זעהן יעקבס ווייבר אונ אוך זיינע קינדר זאגט צו יעקב מיין ברודר ווער זענן די מענשן וואס גייען נאך דיר. אונ יעקב הט גענפרט צו עם עס זענן מייני קינדר וואס גאט ב״ה הט גלייט זעליגט מיר דיין קנעכט יעקב. הט עשו גזאגט צו יעקב ווי קומט דס אהער וואס איך האב געכטן ביי געגינט. הט יעקב גענפרט צו עשו אונ הט עם גזאגט כדי דר קנעכט יעקב זאל גפונן לייט זעליקייט אין די אוגן פון דעם הער עשו הט דר קנעכט גגעבן איין מתנה צום הער אונ יעקב הט גבעטן עשו אז ער זאל נעמן ביי עם די מתנה. אונ עשו האט ניט גוואלט נעמן ביי עם דיא מתנה. אונ יעקב הט נאך איין מאל צו עם גזאגט איך בעט דיך מיין הער אוב איך האב גפונן לייט זעליקייט אין דיינע אוגן זאלסטו נעמן ביי מיר די מתנה. ווארום ביי מיר איז זייער חשוב וואס איך האב דיר גזעהן דיין פנים גלייך ווי איך וואלט גזעהן איין מלאך פון גאט ב״ה דרום זאלסטו בווילגן צו מיר אונ עשו נעמט ביי עם די זעלביגע מתנה פון דר פיך. אונ אוך הט יעקב גגעבן צו עם גאלד אונ זילבר אונ איידל גשטיין. אונ עשו הט צו טיילט די מתנה האלב הט ער גגעבן צו דיא מענשן וואס זענן גוועזן מיט עם. דען ער הט גדונגן די מענשן פר שכר. אונ די אנדרי האלבע הט ער גגעבן צו זיינע קונדר. אונ דס גאלד אונ

דם

דָם זִילְבֶּר אוּנ דָם אֵיידֶל גִשְׁטֵיין הָט עֶר גְגֶעבֶּן צוּ זַיין זוּן אליפז וָואס עֶר אִיז גְוֶוען בַּיי אִים דֶר בְּכוֹר :

ויאמר אוּנ עֵשָׂו הָט גְזָאגְט צוּ זַיין בְּרוּדֶר יעקב אִיךְ וֶועל זַיין אַבִּיסֶל מִיט דִיר אוּנ נָאךְ דֶעם וֶועלֶן מִיר גֵיין צוּ מַיין אוֹרְט אוּנ מִיר וֶועלֶן זִיצֶן אִין אֵיינֶם : ויען אוּנ יעקב הָט גֶענְפֶרְט צוּ זַיין בְּרוּדֶר עֵשָׂו מַיין הַאר דוּ וֵוייסְט וואול אַז מַיינִי קִינְדֶר זֶענֶן יוּנג . אוּנ דִי שָׁאף אוּנ דִי רִינְדֶר זֶענֶן מִיד . אוּנ אַז אִיךְ וֶועל גֵיין אִין דֶער גֶעךְ וֶועלֶן זֵיי אַלֶע אוּם שְׁטַארְבֶּן . דְרוּם זָאל דֶר הַאר אַוֶועק פָארִין פְרִייעֶר . אוּנ אִיךְ וֶועל פַּמֶעלֶךְ גֵיין מִיט דִי קִינְדֶר אוּנ אוֹךְ מִיט דִי שָׁאף בִּיז אִיךְ וֶועל קוּמֶן צוּם הַאר קֵיין שֵׂעִיר : וישמע אוּנ עֵשָׂו הָט גְהֶערְט דִי רֵייד פוּן זַיין בְּרוּדֶער יעקב אוּנ עֵשָׂו מִיט זַיינִי מֶענְשֶׁן הָאבֶּן זִיךְ אוּם גֶקֶערְט צוּם לַאנְד שֵׂעִיר אוּנ יעקב אִיז גְגַאנְגֶען צוּם לַאנְד שְׁכֶם וָואס עֶס אִיז אִין לַאנְד כְּנַעַן . אוּנ יעקב הָט גְקוּפְט אֵיין שְׁטִיק פֶעלְד בַּיי דִי קִינְדֶר פוּן חֲמוֹר פַר פִינְף שְׁטִיק זִילְבֶּר אוּנ יעקב הָט זִיךְ גְבוֹאֵט אֵיין הויז אוּנ הָט זִיךְ גְמַאכְט גְצֶעלְטֶן אוּנ צוּ זַיינֶע פִיךְ הָט עֶר גְמַאכְט בַּיידְלֶךְ אִיבֶּר דֶעם הָט מֶען גְרוּפֶן דָם אוֹרְט סוּכּוֹת . דֶען סוּכּוֹת אִיז טַייטְשׁ בַּרֶעקְט :

בעת אִין דֶר זֶעלְבִּיגֶר צַייט אִיז אַרוּם גְגַאנְגֶען דִי וַוייבֶּר פוּן דִי אֵיינְוואוֹנֶרְס פוּן דִי שְׁטָאט צוּ טַאנְצֶן אוּנ צוּ פְרֵייעֶן זִיךְ אִיז רָחֵל אוּנ לֵאָה אוּנ זֵייעֶרֶע דִינְסְטֶן אוּנ אוֹךְ דִינָה דִי טָאכְטֶר פוּן יעקב אַרוּם גְגַאנְגֶען צוּ זֶעהֶן דִי פְרֵייד וָוס דִי וַוייבֶּר פְרֵייעֶן זִיךְ :

וכל אוּנ אַלֶע מַאנֶזְבִּלִין פוּן דֶר שְׁטָאט זֶענֶן אוֹךְ גְשְׁטַאנֶען אַקֶעגִין דִיא וַוייבֶּר אוּנ הָאבֶּן אָן גְקוּקְט דִי שִׂמְחָה . אוּנ אַלֶע שָׂרָרוֹת אוּנ אַלִי גְרוֹסִי לַייט זֶענְן אוֹךְ גְוֶוען דָארְטֶן . אוּנ שְׁכֶם דֶר זוּן פוּן חֲמוֹר אִיז אוֹךְ גְוֶוען דָארְטֶן דֶער וַוייל הָט שכם דֶר זוּן פוּן חמור דֶר זֶעהֶן דינה דִיא טָאכְטֶר פוּן יעקב זִיצְט לֶעבֶּן אִיר מוּטֶר לאה אִיז אִים דינה זֵייעֶר גְפֶעלִין :

וישאל אוּנ שכם הָט גְפְרֶעגְט זַיינֶע פְרֵיינְד אוּנ אוֹךְ דִי מֶענְטְשֶׁן וָואס זֶענְן גִישְׁטַאנֶען לֶעבֶּן אִים וֶועמֶס אִיז דִי יוּנְגֶע פְרוֹא וָוס זִי זִיצְט דָא לֶעבֶּן דִי וַוייבֶּר וָוס אִיךְ קֶען זֵיי גָאר נִיט : ויאמרו הָאבֶּען זֵיי צוּ אִים גְזָאגְט פַר וָואר זִי אִיז דִי טָאכְטֶר פוּן יעקב דֶר זוּן פוּן יצחק הָעִבְרִי

תם וישר

וום ער זיצט דא אין דר דאזיגר שטאט פון עטליכע טעג . אונ ווי זיי האבן דר הערט אז די ווייבר פון דר שטאט זענן ארוס גגאנגן צו פרייען זיך איז די יונגע פרוא אוך ארוס גגאנגן : וירא אונ ווי שכם דר זון פון חמור הט דר זעהן דינה די טאכטר פון יעקב הט ער זייער גגלוסט אין דינה אונ שכם הט גשיקט מענשן אז מען זאל ברענגן דינה צו אים מיט גוואלד : ותבא אונ מען הט דינה גבראכט צו שכם אין הוז אריין אונ שכם הט זי גנומן אונ הט זי ביי זיך ווי איין ווייב גהאלטן :

ויבאו אונ מען איז גקומן צו יעקב אונ מען הט עם דער ציילט די זאך פון זיין טאכטר דינה : וישמע אונ ווי יעקב הט דר הערט ווס שכם הט גטאן הט יעקב גשיקט צוויי קנעכט אז זיי זאלן גיין ברענגען זיין טאכטר דינה פון שכעמס הויז . איז שכם ארוס גגאנגן אקעגן זיי אונ הט זיי פר טריבן פון דעם הוז אונ ניט גוואלט אפ געבן דינה צו זיי :

וישלח אונ יעקב הט גשיקט צוויי יונג פרואן ווס זיי זענן דיא טעכטר פון זיינע קנעכט צום הוז פון שכם זייא זאלן זיצן ביי דינה כדי זיי זאלן זיא אפ היטן : וישלח אונ שכם הט גשוקט דרייא מענשן פון זיינע פריינד צו זיינן פאטר חמור אזו צו זאגן . דו זאלסט מיר נעמן דיא דאזיגע פרוא פר איין ווייב :

וילך אונ חמור איז גגאנגן צו יעקב ער זאל מיט אים ריידן פון דר דאזיגר זאך . אונ ווי חמור איז ארוס גגאנגן פון שכמס הוז צו גיין צו יעקב . איז דר וייל אן גקומן די קונדר פון יעקב פון פעלד . אונ ווי זיי האבן דאס דר הערט די מעשה פון זייער שוועסטר דינה . האבן זייא דרוף זייער גיטרוערט אונ עס הט זיי דרוף זייער באנק גטאן : ויבאו אונ זייא זענן גקומן פר זייער פאטר אונ האבן צו אים גרעט מיט גרוס צארן אונ האבן גזאגט פר וואר דער משפט איז אז מען זאל דם בעשטראפן . דען גאט ב״ה ווס ער איז דר גאט פון דר גאנצר וועלט הט ער גבאטן צו נח אוך צו זיינע זון אז מען זאל ניט גזלנן איינר ביי דעם אנדערן . אונ קיין שום מענש זאל ניט אין כעס זיין . אונ נון שכם הט גיגזעלט אונזר שוועסטר . אונ קיין שום מענש פון דר דאזיגר שטאט הט אים ניט גרעט דרוף קיין שום ווארט . פאר וואר די שטאט לייט פערדינען

אוך בעשטראפט צו ווערדן. דען זיי האבן גוויסט פון דער זאך און האבן דרוף גשוויגן:

ויהי און עס איז גוועזן בשעת זיי האבן גירעט פר זייער פאטר יעקב פון דער דאזיגר זאך. איז חמור דר פאטר פון שכם גקומן צו יעקב צו ריידן מיט אים מכח וואס זיין זון שכם וויל זיין טאכטר דינה. און חמור מיט שכם זאגט צו יעקב לאמיך גפינן חן אין אייערי אוגן און איך בעט אייך אז איר זאלט מיר געבן אייער טאכטר פר איין ווייב: ויען און שמעון ולוי ענפערן צו שכם און צו חמור מיט קלוגהייט אזו צו זאגן. אלדונג וואס איר הט גערעט צו אונז וועל מיר טאן צו אייך. און אונזר שוועסטר וועלן מיר געבן צו אייך. נייארט מיט דעם דאזיגן וועלן מיר זיך בווילגן צו אייך אז מיר זאלן געבן אונזרע טעכטר צו אייך און אייערי טעכטר וועלן מיר נעמן צו אונז און מען זאל גאר זיין איין פאלק אזו ווי איר הט גרעט אז איר וועט אנעמן מצות מילה. און אוב איר ווילט ניט דס טאן וועלן מיר אפ נעמן אונזר טאכטר פון אייך און מיר וועלן אוועק גיין פון אייער שטאט:

וימהר און שכם מיט זיין פאטר חמור האבן גאיילט און האבען איין גזאמלט אלע שטאט לייט און האבן צו זיי גזאגט די רייד פון יעקבס קינדר און ווי די שטאט לייט האבן דס דר הערט איז די זאך זיי זייער גפעלן און זענן מוסכם גווארן אוף דעם תנאי דען דיא שטאט לייט האבן זייער ערליך גהאלטן שכם מיט זיין פאטר חמור דען זיי זענן גוועזן די הארן פון לאנד. און ווי עס איז גקומן דר אנדרר טאג איז שכם מיט זיין פאטר חמור אוף גשטאנן גאנץ פרי און האבן איין גזמלט אלע שטאט לייט. און די צאל איז גוועזן ווי פיל זיי האבן גטאן יענע מצוה זעקס הונדרט מיט פינף און פערציג מאנזבילן. און צוויי הונדרט זעקס און זיבציג איז גוועזן קליינע קונדר. נייארט חידקם דר זון פון פרד און ער איז דער פאטר פון חמור מיט זיינע זעקס ברודער האבן עס ניט גטאן דען די רייד פון יעקבס קינדר איז ביי זיי גוועזן נמאס אין זייערי אוגן און דר צארן הט גברענט אין חדקם מיט זיינע זעקס ברודר אוף די שטאט לייט נאך וואס זייא האבן עס גטאן. און האבן גזאגט צו שכם

מיט

תם וישר

מיט זיין פאטר חמור וואס איז דאס וואס איר האט גטאן . איז דען ניט פר האנדען אזו איין יונגע פרויא ביי אונזערי ברודער . נאך וואס האט איר בדארפט נעמען די טאכטער פון יעקב וואס איר קענט אים גאר ניט פון וואנן ער איז :

ויענו אונ שכם מיט חמור האבן גענפערט צו חרקס מיט זייני ברודר אונ זאגן צו זיי די רייד וואס איר האט גרעט צו אונז איז רעכט פארטיג . נייערט וואס מיר האבן גטאן די זאך איז ניט מחמת מיר האבן ליב יעקבן מיט זיינע קונדר . נאר ווייל מיר האבן גוואלט זיין טאכטר . דרום האבן מיר גטון די זאך . אונ אצונד אז מיר האבן שון גטון אונזר ווילען אונ אז מיר וועלן גזונד ווערן וועלן מיר טאן צו יעקבן מיט זיינע קונדר אזו ווי עס איז ביי אונז אין הארצן . אונ דינה די טאכטר פון יעקב האט געהערט די דאזיגי רייד וואס חרקס מיט זיינע ברודר האבן גרעט צו שכם מיט חמור . אונ וואס שכם מיט חמור האבן אפ גענפערט צו חדקס מיט זייני ברודר אונ ביי דינה איז גוועסן צוויי יונג פרויען וואס יעקב האט צו איר גשיקט אז זיי זאלן זיא אפ היטן האט דינה גשוקט איין יונג פרויא צו איר פאטר יעקב אונ אוך צו אירע ברודר דר ציילין וואס מען האט זיך איין עצה גהאלטן ביי שכם אין שטוב . אונ די יונג פרוי איז גגאנגן אונ האט דר ציילט די דאזיגע רייד פר יעקבן מיט זיינע קונדער . אונ ווי יעקב האט דער הערט די דאזיגע רייד איז ער גווארן פיל מיט צארן אונ האט אוף זיי זייער גיגרימט . אונ שמעון מיט לוי האבן גשווארן אונ האבן גזאגט אזו ווי גאט ב"ה איז דר האר פון דר גאנצר וועלט אונ לעבט אייביג אזו וועט מארגין ניט בלייבן פון דר שטאט שכם קיין שום איבר בלייבונג . אונ שמעון מיט לוי האבן גצארענט אונ זענן גגאנגן אוף דר שטאט אונ האבן אום גבראכט די מאנזבלין פון דר שטאט . אונ עס איז גוועסן איין גרוסע מהומה אין דער שטאט שכם . אונ דס גשרייא פון דר שטאט שכם איז אוף גגאנגן ביז צום הימל אונ אוך אלע ווייבר אונ קליינע קונדר האבן גשריגן . אונ וויא יעקב האט דער זעהן וואס זיינע קונדר האבן גטאן צו דר שטאט שכם אונ האט דר זעהן דס רוב וואס זיי האבן גרובט ביי דער שטאט שכם

הט

הט יעקב אוף זיי זייער גצערענט : ויאמר אונ יעקב הט גזאגט צו זיי ווס פר איין זאך הט איר גטון צו מיר . נון איך האב מיר גפונן איין אורט אין לאנד כנען אז איך זאל דא זיצן מיט רוה אונ קיין שום מענש האט צו מיר ניט גזאגט קיין שום ווארט אונ צו אייך אויך ניט . אונ אצונד הט איר גטאן צו מיר איין שאנד פר די זיצערס ווס זיצן אין לאנד כנען אוב זיי וועלן דר הערן די דאזיגע זאך וועלן זייא זיך איין זאמלן אונ וועלן אונז דר שלאגן דען מיר זענן גאר איין ביסל מענשן :

ויענו הט שמעון מיט לוי געענפערט צו זייער פאטר אונ צו זייערי ברודר . ווי האבן מיר קענן ערטראגן די שאנד פון אונזר שוועסטר אונ ווס די אנשי שכם האבן אונס געוואלט טאן . אונ עס איז גוועזן צווישן די יונג פרויען ווס שמעון מיט לוי האבן זיי גפאנגן פון דר שטאט שכם זייער איין שיינע יונג פרוא אונ זיא הט גהייסן בונה . אונ שמעון הט זיא גנומן פר איין ווייב . אונ די צאל פון די מאנזבילין ווס שמעון הט זיי גפאנגן איז גוועזן זיבן אונ פערציג :

אונ די אלע מאנזבילין אונ די אלי יונגע פרויען ווס שמעון מיט לוי האבן זיי גפאנגן זענן גוועזן קנעכט צו דיא קונדר פון יעקב ביז זיי זענן ארום גגאנגן פון מצרים : אונ צוויי בחורים זענן ארום גגאנגן פון דר שטאט שכם אונ זענן גגאנגן צו דר שטאט תפוח אונ זענן אהין גקומן . אונ האבן דר ציילט צו די איין וואונערס פון דער שטאט תפוח ווס עס הט זיך גטראפן צו דר שטאט שכם . אונ מען הט גשיקט שלוחים צו דר שטאט שכם אונ זאלן זעהן אויב דס איז אמת ווארום דער שר פון תפוח הט ניט גוואלט גלייבן אז צוויי מענשן זאלין מחריב זיין אזו איין גרוסי שטאט ווי שכם . אונ די שלוחים זענן צו ריק צום שר תפוח אונ האבן אים דר ציילט אז מיר זענן גוועזן אין דער שטאט שכם איז די שטאט שכם גאר פר וויסט אונ קיין שום מאנזביל איז דארטן נאר ווייבר אונ זיי וויינן . אונ דר שר פון תפוח הט זיך זייער פר וואונדרט אונ הט גזאגט צו זיין פאלק לאמר זיך שטארקן אונ לאמר גיין מלחמה האלטן מיט דיא קונדר פון יעקב העברי אונ מיר וועלן טאן צו זיי אזו ווי זיי האבן גטאן צו דער שטאט שכם . אונ לאמר זיך נוקם זיין דיא

תם וישר

נקמה פון די שטעט לייט אונ דער שר הט גשיקט צו אלע שרים פון אמורי ווס עס איז ארום שכם אזו צו זאגן קומט מיט מיר אונ איר וועט מיר העלפן כדי מיר זאלן דר שלאגן די קינדר פון יעקב העברי. דען אזו האבן זיי גטאן צו דר שטאט שכם אונ איר ווייסט גאר דר פון ניט. אונ ווי די שרים פון אמורי האבן דר הערט דס שלעכץ ווס די קונדר פון יעקב העברי האבן גטאן צו דר שטאט שכם. האבן זיי זיך דרוף זייער פאר וואונדרט:

ויתקבצו אונ אלי זיבן שרים פון אמורי האבן זיך איין גזאמלט מיט זייערי חיילות אין איינם איז גוועזן עטליכע טוזינט מענשן אונ אלע האבן גהאט בלוסי שווערדן. אונ זיי זענן גקומן מלחמה האלטן מיט יעקבן. אונ מיט זיינע קינדר. וישמע אונ ווי יעקב הט דאס דר הערט הט ער זיך זייער גפארכטן אונ עס האט אים זייער באנק גטאן דרוף:

ויצעק אונ יעקב הט גשרוגן צו שמעון אונ צו לוי אונ האט גזאגט זעהט וואס איר האט מיר גטאן ווס איר הט מיר גבראכט אלע כנענים צו פאר טילגן מיך אונ מיין הוז גזונד דען איך בין גזעסן מיט רוה אונ אצונד האט איר גמאכט דער צערנן אלע זיצרם פון לאנד אוף מיר מיט אייערי מעשים. ויען אונ יהודה הט געענפרט צום פאטר. האבן דען מייני ברודר שמעון מיט לוי אום זונסט גגאנגן קייגן דיא שטאט שכם פאר וואר זיי האבן גשענדעט אונזר שוועסטר דינה. אונ זיי האבן איבר גפארן אוף גאטס גבאט ווס גאט ב"ה האט גבאטן צו נח אונ צו זיינע קינדער אז מען טאר ניט גזלנן אונ אוך ניט אין כעס זיין. אונ שכם האט גגזלת אונזר שוועסטר אונ הט זי גשענדעט אונ קיין שום מענש פון דר שטאט האט צו אים ניט גרעט קיין שום ווארט דרום זענן גגאנגן מיינע ברודר אונ האבן דער שטאט באצאלט: ועתה אונ אצונד מיין פאטר. וואס האסטו מורא אונ אוך נאך וואס זאלסטו צערנן אין מיינע ברודר. פר וואר דער גאט ווס האט גגעבן כח צו מיינע ברודר זיי זאלן ביי קומען די שטאט שכם דער גאט וועט אונז העלפן אז מיר זאלן גובר זיין דיא כנענים וואס קומן אוף אונז אונ מיר וועלן טאן צו זיי אזו ווי מיינע ברודר האבן גטאן צו דר שטאט שכם. ועתה אונ אצונד מיין פאטר איך בעט דיך

דיך אז דו זאלסט שווייגן גייארט האב אבטחון אין גאט ב״ה ווס ער איז אונזר גאט אונ טו תפלה צו אים אז ער זאל אונז העלפן אונ זאל אונז מציל זיין אונ ער זאל אונז געבן די פיינד אין אונזרי הענט :

ויקרא אונ יהודה האט גרופן איין קנעכט פון פאטרס קנעכט אונ האט צו אים גזאגט גיי אונ זעה ווי די לייטן שטייאן ווס זענן גקומען מלחמה האלטן . וילך אונ דר קנעכט איז ארויף גגאנגן אופן בארג סיאון אונ הט גזעהן אלע שטייאן אופן פעלד . אונ דר קנעכט הט גזאגט צו יהודה אז זיי שטייען אין פעלד זייער פול : ויאמר אונ יהודה הט גזאגט צו אלע זיינע ברודר שטארקט זיך אונ הט קיין מורא ניט . גאט ב״ה איז מיט אונז אונ שטייט אוף אונ נעמט דס כלי זיין אונ דעם בויגן אונ די שווערדן אונ מיר וועלן גיין מלחמה האלטן מיט די ווס מיר האבן זיי ניט קיין בייז גטאן אונ זיי קומען אונס אובער פאלן אונ גאט ב״ה וועט אונז העלפן . ויקומו אונ זיי זענן אוף גשטאנען אונ האבן זיך אן גיגורט מיט כלי זיין אונ אוך אלע קנעכט וואס זיי זענען גוועזן בייא יעקבן :

אונ אוך אלע קנעכט ווס זענן גוועזן ביי יצחק אין חברון זענן אוך גקומן צו יעקב מיט כלי זיין : וילכו אונ די קינדר פון יעקב אונ מיט אלע קנעכט זענן גגאנגן אקעגן די שררים אונ זיי זענן גוועזן הונדרט אונ צוועלף מענשן אונ יעקב איז אוך גגאנגן מיט זיי . אונ די קינדר פון יעקב האבן גשיקט צו זייער עלטר פאטר יצחק קיין חברון אזו צו זאגן טו בעטן פר אונז צו גאט ב״ה אז גאט ב״ה זאל אונז מציל זיין פון די כנענים ווס זענן גקומן אוף אונז אונ גאט ב״ה זאל זיי געבן אין אונזרי הענט אריין :

ויתפלל אונ יצחק דער זון פון אברהם האט תפלה גטאן צוא גאט ב״ת אוף זיינע קינדר אונ הט אזו גזאגט גאט מיין גאט דוא האסט מבטיח גוועזן צו מיין פאטר אברהם אז דו וועסט מערן זיינע קינדר אזו ווי די שטערן פון הימעל פר שטער די עצה פון די כנענים אז זיי זאלען ניט מלחמה האלטן מיט מיינע קינדער . אונ זאלסט געבן דעם פחד פון מיינע קינדער אויף זיי אונ זאלסט זיי נידעריג מאכן אז זיי זאלין זיך אום קערן אהיים אונ זאלסט מציל זיין מיינע קינדער דען אין דיין האנד איז דס שטארקייט אונ די קראפט צום דאזיגען ווס איך בעט דיך :

אונ

תם וישר

אונ די קונדר פון יעקב מיט זייערי קנעכט זענין גגאנגן אקעגן די כנענים אונ זיי האבן זיך פר לאזט אוף גאט ב"ה. אונ בשעת אז זיי זענן אוועק גגאנגן צו דר מלחמה הט יעקב אוך תפלה גטאן צו גאט ב"ה. אונ הט גזאגט גאט מיין גאט דו ביסט איין גאט איבר אלע געטר. דו ביסט איין שטארקר גאט. אונ איין פארכטיגר גאט פון תחלת אן ביז אייביג. אונ דו גאט ב"ה טוסט דר וועקן די מלחמה אונ טוסט ווייטר פר שטערן די מלחמה אין דיין האנד איז די קראפט אונ דם שטארקייט צו דר הייבן אונ אוך נידריג מאכן. אונ אצונד בעט איך דיך גאט ב"ה לאז קומן מיין געבעט צו פר דיר אונ קער דיך צו מיר מיט דיין דר בארמקייט אז דו זאלסט געבן דעם פחד פון מיינע קינדר אוף אלע אין זייערע הערצער. אונ דו זאלסט דעם דאזיגן מציל זיין ווס ער פר זיכרט זיך אן דיר מיט דיין גרוס דר בארמקייט :

וישמע אונ גאט ב"ת הט גהערט די תפלה פון יצחק מיט זיין זון יעקב אונ גאט ב"ה הט געגעבן איין גרויסען פחד אונ אנגסט אין די הערצער פון די פיינד אונ זייערע יועצים הט גזאגט פר וואר זייער גאט הט מציל גוועזן זייער עלטר פאטר אברהם פון די הענד נמרוד מיט מענשן וואס זיי האבן אים גוואלט הארגען עטליכע מאל. אונ אויך הט ער אים מציל גוועזן פון קאלך אובן. אונ ווער קען דם נאך אזו טאן. אונ אויך זייער עלטר פאטר אברהם העברי הט גובר גוועזן פינף גבורים וואס זיי האבן גפייניגט זיין ברודרס זון וואס ער איז געזעסן אין סדום. אונ פר וואס ווייסט איר וואול אז זייער גאט וויל אן זייא אונ זייא ווילן אין אים. דען זייא ווייסן וואול אז זייער גאט ווערט זיי מציל זיין פון אלע פיינד. אונ אוך זייער עלטר פאטר אברהם הט זייער ליב גהאט זיין גאט הט ער גנומן זיין איינציגן זון אונ הט אים גוואלט מקריב זיין פר איין קרבן צו זיין גאט. אונ ווען זיין גאט זאל זיך ניט גוועזן בוויזן צו אים אונ זאל אים זאגן אז ער זאל ניט אום ברענגין דעם זון וואלט ער גוועזן אום געבראכט דעם זון. אונ וויא זיין גאט הט דם דר זעהן הט זיין גאט צו אים גשווארין אונ הט אים מבטיח גוועזן ווען עס וועט קומן איין צרה אוף אים אודר אוף זייני קונדר וועט ער זייא מציל זיין. אונ אוך פר וואר איר הט גהערט וואס זייער גאט הט גטון צו פרעה פון מצרים :

ועתה אונ אצונד ווילט איר גיין מיט זייא מלחמה האלטין וואס זייא זענין אצונד אין איינם אונ אפילו איר וועט זיך איין זאמלן טויזינט מאל אזוי פיל וויא איר זענט היינט וועט איר זיי אויך ניט קענן ביי קומן : ועתה אונ אצונד גיב איך אייך איין עצה אז איר זאלט זיך פר מיידען פון דאס שלעכץ וואס איר ווילט טאן אונ עס איז בעסער צו אייך אז איר זאלט ניט גיין מלחמה האלטען מיט זייא דען זייער גאט איז מיט זיי. אונ וויא די שונאים פון אמורי האבען דער הערט די רייד פון זייער יועץ איז גווארען אין זייערע הערצער איין גרויסער פחד אונ האבען זיך זייער דער שראקען פאר יעקבס קינדר אונ האבן שוין ניט גוואלט מלחמה האלטען מיט זיי אונ די דאזיגע רייד פון זייער יועץ איז זייא זייער גפעלען אונ האבען זיך אום גקערט אהיים דען זיי האבען זייער מורא גהאט פאר יעקבס קינדר. אונ דם איז גוועזן פון

גאט

גאט ב"ה דען גאט ב"ה הט געהערט די תפלה פון יצחק אונ אוך פון יעקב דען זיי האבן זיך פר זעכרט אין אים: וישובו אונ די פיינד האבן זיך אום געקערט איטליכר צו זיין שטאט אין דעם זעלביגן טאג. אונ האבען ניט גוואלט מלחמה האלטן מיט די קונדר פון יעקב. אונ די קונדר פון יעקב זענן גשטאנן אוף זייער שטאנד אקעגן דם בארג סיאון דם זעלביגן טאג ביז נאכט: ויראו אונ אז די קונדר פון יעקב האבן גזעהן אז דיא פיינד פון אמורי זענן אוועק גגאנגן האבן זיי זיך אום געקערט צו זייער אורט: בעת אין דר זעלביגר צייט הט גאט זיך בוויזן צו יעקב אונ הט צו אים גזאגט שטיי אוף אונ גיי קיין בית אל בזעץ זיך דארטן. אונ זאלסט בואן איין מזבח צו דעם גאט וואס ער הט זיך בוויזן צו דיר אונ הט דיך אונ דיינע קינדר מציל גוועזן פון דער צרה:

ויקם אונ יעקב מיט זיינע קינדר זענן אוף גשטאנן אונ זענן גגאנגן קיין בית אל אזוי ווי גאט ב"ה הט אים גזאגט. אונ יעקב אונ אלע דם זייניגע האבן זיך דארטן בזעצט.

אונ האט גבויאט איין מזבח צו גאט ב"ה וואס ער האט זיך בוויזן צו אים. אונ יעקב מיט זיינע קינדר זענן גזעסן אין בית אל זעקס חדשים מיט עטליכע טעג: ובעת אונ אין דער זעלביגר צייט איז גשטארבן דבורה די טאכטר פון עוץ וואס זי איז גוועזן די זייגערן פון רבקה. אונ דבורה איז גוועזן אין דר זעלביגר צייט ביי יעקב. אונ יעקב הט זיא בגראבן אונטר איין לינדן בוים. אונ רבקה די מוטר פון יעקב איז גשטארבן אין דער זעלביגר צייט אין חברון אונ מען האט זי בגראבן אין דער מערת המכפלה וואס אברהם הט גקויפט פון די קינדר פון חת אונ די לעב טאג פון רבקה איז גוועזן הונדערט אונ דריי אונ דרייסיג יאר: וישמע אונ ווי יעקב הט דר הערט אז זיין מוטר רבקה איז גשטארבן הט ער זייער שטארק גוויינט אונ הט גמאכט איין גרויס קלאג אינטרן לינדן בוים אוף דר מוטר אונ אוף דבורה איר זייגערן אונ יעקב הט גרופן דם אלון בכות. דם איז טייטש צוויי ערליי וויינן הט יעקב גוויינט אונטרן בוים. אונ לבן הארמי איז אויך מת גווארען אין דר זעלביגר צייט. דען פר וואס ער הט עובר גוועזן אוף דעם זיכרהייט וואס עס איז גוועזן צווישן אים אונ צווישן יעקב. אונ יעקב איז אלט גוועזן אין דער זעלביגר צייט הונדערט יאר אונ גאט ב"ה האט זיך בוויזן צו אים אונ הט אים גבענשט אונ הט אים גרופן מיטן נאמן ישראל אונ רחל דם ווייב פון יעקב איז מעוברת גוועזן אין דער זעלביגער צייט:

ויסע אונ יעקב מיט אלע דם זייניגע האבן אוועק גצוגן פון בית אל אין דר זעלביגר צייט צו גיין קיין חברון צום פאטר. וילכו אונ זיי אלע זענן גגאנגן אופן וועג אונ עס איז שון ניט גוועזן ווייט פון דר שטאט אפרת. אונ רחל הט אן גהובן צו קינד גיין אונ זי איז גגאנגן זייער שווער צו קינד. אונ ווי רחל הט גוויגן דם קינד איז זיא גשטארבען. אונ יעקב הט זי בגראבן אופן וועג. אונ הט גשטעלט איין מצבה אוף איר קבר. אונ די מצבה שטייט נאך ביז היינטיגן טאג. אונ דיא לעב טאג פון רחל איז גוועזן פינף אונ פערציג יאר. ויקרא אונ יעקב הט גרופן דאס קינד וואס עס איז גבארן גווארן פון זיין ווייב רחל בנימין דען ער איז גבארן גווארן אין דער רעכטער זייט פון דעם לאנד:

אונ

תם וישר

און נאך דעם אז רחל איז געשטארבן האט יעקב גנומן זיין בעט און האט דס געגעבן אין געצעלט פון בלהה די דינסט מויד פון רחל און ווי ראובן האט דר זעהן אז זיין פאטר יעקב האט דס גטאן איז ראובן גוואַרן דר פילט מיט צארין דען עס האט אים פר דראסן פר וואס ער האט נישט געגעבין דס בעט אין געצעלט פון זיין מוטר לאה. און ראובן איז אויף געשטאנן און איז גגאנגן אין געצעלט פון בלהה און האט דעם פאטרס בעט פר ריקט פון געצעלט. אין דר זעלביגר צייט איז גוואַרן אפ גטון פון ראובנס קינדר די בכורה און דס מלכות און די כהונה. דען ער האט פר שוועכט דס געלעגר פון זיין פאטר. און דרום האט יעקב אפ גגעבן די בכורה צו זיין זון יוסף און דס מלכות האט ער גגעבן צו זיין זון יהודה. און די כהונה האט ער אפ גגעבן צו זיין זון לוי. ואלה און דס זענן די קינדר פון יעקב וואס זענן געבארן גוואַרן צו יעקב אין פרן ארם און די קינדר פון יעקב זענן גוועזן צוועלף: בני די קינדר פון לאה האבן געהייסן ראובן און שמעון און לוי און יהודה און יששכר און זבולן און דינה זייער שוועסטר. און די קינדר פון רחל האבן געהייסן יוסף און בנימין און די קינדר פון זלפה וואס זי איז גוועזן די דינסט פון לאה האבן זיי געהייסן גד און אשר און די קינדר פון בלהה וואס זי איז גוועזן די דינסט פון רחל האבן זיי געהייסן דן און נפתלי: ויסע און יעקב מיט זייני קינדר און אלע דס זייניגע האבן געצוגן קיין חברון

וואס דארטן איז געזעסן אברהם און אוך יצחק. און יעקב מיט זייניגע קינדר און אלע דס זייניגע האבן זיך בזעצט ביי זיין פאטר יצחק אין חברון און עשו מיט זייני קינדר און אלע דס זייניגי זענן גגאנגן צום לאנד שעיר. און האבן זיך דארטן בזעצט. און עשו האט זיך דארטען זייער גפרוכפערט און גימערט. ויליך און יעקב מיט זייניגע קינדער זענן גגאנגן אין די זעלביגע טעג צו דר שטאט שכם און אוך דס זייניגע זענן אוך גגאנגן מיט אים. און האבן זיך דארטן בזעצט. דען דארטן איז גוועזן זייער איין גוט אורט צו ווייד די פיך. און די שטאט שכם האט זיך ווידר אום גבויאט הייזער. און עס איז גוועזן אין דר שטאט שכם דריי הונדרט מענשין און יעקב מיט זייני קינדר האבן זיך בזעצט אויף דעם ארט וואס ער האט גקויפט פון חמור איידר שמעון מיט לוי האבן גובר גוועזן די שטאט שכם:

ויהי

ויהי און ווי עס איז גוועזן אין איין יאר ארום זענן די קינדער פון יעקב גגאנגן קיין חברון צו זייער עלטר פאטר יצחק און זענן דארט גזעסן. נייארט זייערי שאף און זייערע רינדר איז גוועזן אין שכם דען די פאשע פון שכם איז גוועזן זייער גוט און פעט. און יעקב מיט זייני קינדר און זיין הוז גזונד האבן זיך גזעצט אין דעם טאל פון חברון אין די זעלביגי טעג איז יעקב אלט גוועזן הונדרט און זעקס יאר און לאה דס ווייב פון יעקב איז גשטארבן אין דר צייט. און די לעב טאג פון לאה איז גוועזן איין און פופציג יאר. און יעקב מיט זייני קינדר האבן זי בגראבן אין דר מערת המכפלה אין טאל חברון. און אלע איינוואונרס פון לאנר האבין גוויסט און האבן גהערט פון זייער גבורה און יוסף דר זון פון יעקב און זיין ברודר בנימן וואס זיי זענן גוועזן רחלס קונדר זענן זיי נאך גוועזן קליין אין דר צייט. און יוסף און בנימן זענן ניט גוועזן מיט זייערי ברודר אין דר מלחמה אין די שטאט פון אמורי. און ווי יוסף הט גזעהן די גבורה פון זייני ברודער און זייער גרוסקייט. הט יוסף זיי זייער גלובט נייארט יוסף הט זיך גרוס גהאלטן קעגן די ברודר און יעקב הט אים מער ליב גהאט פון אלע קונדר און יעקב הט גמאכט צו זיין זון יוסף איין זיידען העמדיל. און ווי יוסף הט גזעהן אז דר פאטר הט אים בעסר ליב פון אלע זיינע ברודר הט יוסף זיך גהאלטן נאך מער גרוס אקעגן די ברודר. און הט גבראכט צום פאטר שלעכטע רייד פון זיינע ברודר. און ווי די קינדר פון יעקב האבן דער זעהן די מעשים וואס יוסף טוט צו זיי און דער פאטער האט אים מער ליב גהאט פון אלע קינדר האבן זיי אים פיינד גהאט. און האבן מיט יוסף ניט גקענט ריידן קיין שום ווארט אלע טאג. און וויא יוסף איז אלט גווארן זיבצן יאר האט ער זיך אלץ גהאלטן גרוס אקעגן זיינע ברודר: בעת אין דער זעלביגער צייט האט זיך צו יוסף גחלמת איין חלום. איז יוסף גקומן צו זיינע ברודער און האט זיי דער ציילט אז עס האט זיך אים גחלמת איין חלום. און דער חלום איז אזוי גוועזן מיר זענן גוועזן אלע אין פעלד און הבן גמאכט גארבן דר וייל איז מיין גארב אוף גשטאנן און אייערע גארבן האבן מיין גארב ארום גרינגלט און האבן זיך גביקט צו מיין גארב:

תם וישר

ויענו און די ברודר האבן אים געענפרט און האבן צו אים גזאגט וואס איז
דן דיין חלום וואס עס הט זיך דיר גחאלמת ווילסטו דען איין מלך
זיין איבר אונז אודר איין מושל זיין איבר אונז : ויבא און יוסף איז גקומן
צום פאטר און הט דר ציילט פארן פאטר דעם חלום און ווי יעקב האט
דס דר הערט הט ער אים גקושט און הט אים געבענשט . און וויא דיא
קינדר פון יעקב האבן דר זעהן אז זייער פאטר יעקב הט גבענשט זייער
ברודר יוסף און הט אים גקושט און הט אים זייער ליב . האבן זיך די
ברודר אין אים מתקנא גוועזן און האבן אים מער פיינד גהאט :
אחרי כך נאך דעם הט זיך צו יוסף ווייטר גיחאלמת איין חלום הט יוסף
דר ציילט דעם חלום צום פאטר פר זיינע ברידערס אויגן . און
הט גזאגט דעם חלום צום פאטר און צו זיינע ברודר אז די זון און די
לבנה און עלף שטערן זענן גקומן צו מיר און האבן זיך גבוקט צו מיר .
און יעקב הט צו גהערט די רייד פון זיין זון יוסף . און יעקב זעהט אז
די ברודר האבן אים פיינד איבר דר זאך . הט יעקב אן גשריגן אין יוסף
פר זיינע ברודר און זאגט צו אים וואס האלסטו זיך גרוס אקעגן דיינע
גרוסע ברודר . טראכסטו דען ביי דיר אין הארצן אז איך מיט דיין מוטר
און דייני עלף ברודר וועלן קומן זיך בוקן צו דיר אז דו רעטסט אזעלכי
רייד . און די ברודר זענן זיך אין אים מקנא אויף זיינע רייד און אויף זיינע
חלומות און האבן גמערט דס פיינד שאפט אויף אים . און יעקב האט
גווארט אויף די חלומות : ויהי און עס איז גוועזן איין מאל זענן גגאנגען
די קינדר פון יעקב ווידן די שאף אין שכם און האבן זיך דארטן פר זאמט
און די צייט וואס זיי וואלטן בדארפט אהיים קומן איז שון איבר גפארן . און
ווי יעקב הט גזעהן אז זיי זומן זיך זייער אין שכם הט יעקב זיך גטראכט
אין הארצן טאמר זענן אויף גשטאנען די לייט פון שכם און האלטן מלחמה
מיט מיינע קינדר דרום זומן זיי זיך זייער :
ויקרא און יעקב הט גרופן זיין זון יוסף און הט צו אים גזאגט פר וואר
דיינע ברודר ווידען דיא שאף ארום דר שטאט שכם . און זייא
זומן זיך זייער לאנג גיי און זעה ווי זיי טאן און דו וועסט קומן צו ריק
וועסטו מיר דר ציילן דס פריד פון דייני ברודר און די שאף :

וישלח אונ יעקב הט אוועק גשוקט זיין זון יוסף פון טאל חברון. און יוסף איז גגאנגן אופן פעלד פון שכם אונ הט ניט גפונן זיינע ברודער. דער וייל הט יוסף אראפ געאירט פון וועג. אונ האט גאר ניט גוויסט ווי אהין ער גייט. האט אים גפונן איין מלאך פון גאט ב״ה. זאגט צו אים דר מלאך ווי גייסטו אונ וס זיכסטו. זאגט יוסף צום מלאך איך זיך מיינע ברודר טאמר ווייסטו ווי זיי ויידען. הט דר מלאך גזאגט צו אים איך האב גזעהן דיינע ברודר. אונ איך האב געהערט פון זיי אז זיי האבן גזאגט אז זיי וועלן גיין קיין דותן. אונ יוסף הט צו געהערט דיא רייד פון מלאך אונ איז אוועק אונ הט זיי דארטן גפונן. אונ איידר יוסף איז גקומן צו זיינע ברודר קיין דותן האבן אים דיא ברודר דר זעהן פון וייטנס אונ האבן זיך איין עצה גהאלטן אז מען זאל אים טייטן. אונ שמעון הט גזאגט צו זיי נון גייט דר מענש פון די חלומות אונ אצונד לאמר גיין אונ וועלין אים הארגנן אונ אריין ווארפן אין גרוב וס דא איז פר האנדן. אונ אוב אונזר פאטר וועט אונז פרעגן אויף אים וועלן מיר אים זאגן איין חיה רעה הט אים אויף גגעסן אונ ווי ראובן הט דר הערט די דאזיגע רייד וס דיא ברודר האבן גרעט אויף יוסף. הט ראובן גזאגט צו זיי איר זאלט אזו ניט טאן. דען ווי אזו וועלן מיר אויף הייבן אונזרי אויגן פר אונזר פאטר יעקב נייארט ווארפט אים אריין אין דעם גרוב. אונ אונזר האנד זאלן מיר ניט אום שטרעקן צו פר גיסן זיין בלוט אונ ראובן הט דרום אזו גזאגט כדי ער זאל אים מציל זיין פון זייערי הענד אונ זאל עם אום קערן צום פאטר. אונ ווי יוסף איז גקומן צו די ברודר הט ער זיך גזעצט פר זיי. אונ דיא ברודר זענן אויף גשטאנן אונ האבן אים גשלאגן צו דר ערד אונ האבן אים אפ גצוגן דם זיידנע העמדל וס עס איז גוועזן אויף אים. אונ האבן אים אריין גווארפן אין איין גרוב. אין דם דאזיגן גרוב איז ניט גוועזן קיין וואסר אבר עגדיסן אונ שלאנגן זענן יוא גוועזן. אונ יוסף הט זייער מורא גהאט פר די עגדיסן אונ פר די שלאנגן אונ יוסף הט גשריגן מיט איין ביטר גשריי אונ מיט איין גרוס קול אונ גאט ב״ה האט פאר בארגן די שלאנגן אונ די עגדסן אין די לעכר פון דעם גרוב. אונ די שלאנגן אונ די עגדסן האבן יוסף גאר ניט גטון קיין שלעכץ אונ יוסף הט גשריגן פון דם גרוב

תם וישר

צוּ זַיינִי בְּרוּדֶר אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ זֵיי וָוס הָאב אִיךְ דֶען גְטוּן צוּ אַייךְ: אוּנ וָוס הָאב אִיךְ גְזוּנְדִיגְט אוּנ פַר וָוס הָט אִיר נִיט מוֹרָא פַר גָאט ב״ה פַר מִיר פַר וָואר אִיךְ בִּין אַייעֶר בְּרוּדֶר אוּנ אַייעֶר פָאטֶר יעקב אִיז אוֹךְ מִיר אֵיין פָאטֶר: אוּנ פַר וָוס זָאלְט אִיר טוּן אַצוּנְד אַזוֹ צוּ מִיר: אוּנ וִוי אַזוֹי וֶועט אִיר אוּף הֵייבְּן אַייעֶר פָּנִים פַר אוּנְזֶער פָאטֶר יעקב: אוּנ הָט אַלְץ גְשְׁרִיגֶן פוּן דֶעם גְרוּבּ: אוּנ יוֹסֵף הָט גְזָאגְט יהודה ראובן שמעון לוי מַיינִי בְּרוּדֶר נֶעמְט מִיךְ אַרוֹס פוּן דֶעם פִינְצְטֶרִין גְרוּבּ וָוס אִיר הָט מִיךְ אַרַיין גְוָוארְפֶן. אוּנ אוֹבּ אִיךְ הָאבּ גְזוּנְדִיגְט אַקֶעגְן אַייךְ. פַר וָוס אִיר זֶענְט דִי קִינְדֶער פוּן אברהם יצחק ויעקב אַז זֵיי הָאבְּן דֶר זֶעהֶן אֵיין יָתוֹם הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶר בַּארִימְט אִיבֶּר אִים. הָאבְּן זֵיי דֶר זֶעהֶן אֵיין הוּנְגֶערִיגְען מֶענְטְשְׁן הָאבְּען אִים גִיגֶעבְּן עֶסְן. הָאבְּן זֵיי דֶער זֶעהֶן אֵיין דָארְשְׁטִיגְן מֶענְשְׁן הָאבְּן זֵיי גְמַאכְט אִים אָן טְרוּנְקְן הָאבְּן זֵיי דֶר זֶעהֶן אֵיין נַאקֶעטְן מֶענְשֶׁן הָאבְּן זֵיי אִים אָן גְקְלֵייד. אוּנ פַאר וָוס זָאלְט אִיר קֵיין רַחֲמָנוּת נִיט הָאבְּן אוּף אַייעֶרְן בְּרוּדֶר וָוס עֶר אִיז פוּן אַייעֶרִי בֵּיינֶר אוּנ פוּן אַייעֶרְן פְלֵייש אוּנ הָאט ווַייטֶער גְזָאגְט צוּ זֵייא אוֹבּ אִיךְ הָאבּ גְזוּנְדִיגְט אַקֶעגְן אַייךְ זַייט מִיר מוֹחֵל אִין זְכוּת פוּן מַיין פָאטֶר יעקב. אוּנ יוֹסֵף הָט נָאךְ גְרֶעט אַסַךְ רֵייד אָבֶּר דִי בְּרוּדֶר הָאבְּן עֶם גָאר נִיט צוּ גְהֶערְט אַלֶע זַיינִי רֵייד אוּנ זַיינִי בְּרוּדֶר זֶענְן גָאר אַוֶועק גְגַאנְגֶן פוּן דֶם גְרוּבּ כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִיט הֶערְן זַיינִי רֵייד אוּנ הָאבְּן זִיךְ גְזֶעצְט עֶסְן. אוּנ בְּשַׁעַת זֵיי הָאבְּן גְגֶעסְן הָאבְּן זֵיי צְווִישֶׁן זִיךְ אֵיין עֵצָה גְהַאלְטֶן וָוס מֶען זָאל טָאן מִיט יוֹסֵף צוּ זָאלְן זֵיי עֶם הַארְגֶענְן צוּ זָאלְן זֵיי עֶם אוּם קֶערְן צוּם פָאטֶר אוּנ בְּשַׁעַת זֵיי הַאלְטֶן זִיךְ דִי עֵצָה דֶר ווַייל הָאבְּן זֵיי אוּף גְהוֹבְּן זֵייעֶרִי אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי דֶר זֶעהֶן אַז יִשְׁמְעֵאלִים גֵייאֶן פוּנֶם לַאנְד גִלְעָד אוּנ גֵייאֶן קֵיין מצרים אוּנ יהודה זָאגְט צוּ דִי בְּרוּדֶר וָוס וֶועט אוּנְז אַרוֹס קוּמֶען אַז מִיר וֶועלְן הַארְגֶענְן אוּנְזֶער בְּרוּדֶר. טָאמֶר וֶועט גָאט ב״ה פָארְשְׁטֶן פוּן אוּנְז זַיין בְּלוּט מַיין עֵצָה אִיז אַזוֹ אַז מִיר זָאלְן עֶם פַר קוֹיפְן צוּ דִי דָאזִיגֶע ישמעאלים וָוס גֵייעֶן קֵיין מצרים וֶועט עֶר שׁוֹין מְמֵילָא פַאר לָארְן וֶוערְן אִיז דִי זַאךְ גְפֶעלְן דִי בְּרוּדֶר. אוּנ הָאבִּי גְטָאן אַזוֹ וִוי יהודה הָט זֵיי אֵיין עֵצָה גְגֶעבְּן. אוּנ בְּשַׁעַת דִי ישמעאלים זֶענְן גְקוּמֶן צוּם אוֹרְט

ווי

ווי די ברודר פון יוסף זענן געזעסן . דר ווייל האבן די ישמעאלים גוואלט
זייער איין טרונק . האבן די ישמעאלים דר זעהן דעם גרוב זענן זיי צו
גגאנגן צו דעם גרוב דען זיי האבן גמיינט אז דארטן איז פאר האנדן
וואסר זענן די ישמעאלים גקומן צו דעם גרוב האבן זיי דר הערט דם קול
פון יוסף אז ער שרייט אונ וויינט . האבן די ישמעאלים אקוק גטאן אין
דעם גרוב . האבן זיי דער זעהן אז עס שטייט זייער איין שיין יונגל האבן
די ישמעאלים עם גפרעגט ווער הט דיך גבראכט אהער : אונ ווער הט
דיך אריין גווארפן אין גרוב : אונ די ישמעאלים האבן אום גשטרעקט
זייערי הענט אונ האבן יוסף ארוס גצוגן פון דעם גרוב . אונ זענן אוועק
גגאנגן אין זייער וועג אונ דר וועג פון די ישמעאלים איז גוועזן ווי די ברודר
פון יוסף זענן געזעסן . דר ווייל האבן די ברודר פון יוסף דר זעהן אז יוסף
איז ביי דיא ישמעאלים . אונ דיא ברודר פון יוסף האבן גזאגט צו דיא
ישמעאלים וואס פר איין זאך הט איר גטון צו אונז נאך וואס האט איר
גנומן אונזר קנעכט אונ איר גייט זיך אוועק מיט עם אין אייער וועג פר
וואר מיר האבן אונזר קנעכט אריין גווארפן אין דעם דאזיגן גרוב . ווארום
ער הט אין אונז מורד גוועזן . זענט איר גקומן צו דעם גרוב אונ איר הט
אים ארוס גנומן פון דעם גרוב אונ איר ווילט מיט אים אוועק גיין .
אצונד גיט אונז אפ דעם קנעכט . האבן די מדינים צו זייא געענפערט אונ
האבן גזאגט עס קען ניט זיין אז ער זאל זיין אייער קנעכט ווארום ער
איז שענר פון אייך דען ער מוז זיין אייער האר אונ איר זענט זיינע
קנעכט אונ נאך וואס בדארפט איר זאגן אזו איין גרוסן ליגן . אונ אצונד
זאגן מיר צו אייך אז מיר וועלן ניט צו הערן אייערי רייד . דען מיר
האבן גפונן דם יונגל אין איין גרוב אין דער מדבר האבן מיר עם גנומן
און וועלן בוודאי אוועק גיין מיט אים . אונ דיא ברודר פון יוסף האבן
גנעהנט צו די מדינים אונ האבן גזאגט צו זיי גיט אונז אפ אונזר קנעכט
אונ אוב איר וועט אונז ניט אפ געבן דעם קנעכט וועט איר אלי גטייט
ווערן דורך אונזערי שווערדן אונ די מדינים האבן אן גהובן צו שרייאן
אוף די ברודר פון יוסף . אונ האבן ארוס גנומן זייערי שווערדן אונ
האבן גנעהנט צו זיי מלחמה האלטן אונ שמעון איז אוף גשטאנן אונ

תם וישר

הט אוך ארום גנומן זיין שווערד אונ הט גנעהנט צו די מדינים אונ הט איין גרוסן גשרייא גטאן אז די ערד הט אן גהובן צו ציטערן. אונ די מדינים האבן זיך זייער דר שראקן פארן גשריי אונ זענן גפאלן צו דר ערד. אונ שמעון האט צו זיי גזאגט פר וואר ווייסט איר דען ניט אז איך בין שמעון דר זון פון יעקב העברי וואס איך האב חרוב גמאכט די שטאט שכם אונ איך זאג אייך אפילו אז עס וועט קומן צו אייך אלע מענשן פון מדין וועט איר ניט קענן מיט מיר מלחמה האלטען. אונ אז איר וועט ניט אפ געבן דם יונגל וועט זיין אייער פלייש צו די חיות אונ עופות. אונ די מדינים האבן זייער מורא גהאט פר שמעון אונ האבן גנעהנט צו די ברודר פון יוסף מיט פארכט אונ האבן גזאגט צו זיי מיט וויכי רייד. פר וואר איר הט אליין גזאגט אז דם יונגל איז אייער קנעכט אונ ער הט אן אייך מורד גוועזן איבר דעם האט איר עם אריין גווארפן אין גרוב. אמער וואס בדארפט איר האבן אזו איין קנעכט אז ער זאל אין אייך ווידר שפעניגן אמער פר קופט אים בעסר צו אונז. אונ מיר ווילן אייך געבן ווי פיל איר וולט. אונ גאט ב"ה הט דם אזו גטון אז די מדינים זאלן חשק האבן עם צו קופן כדי די קונדר פון יעקב זאלן ניט טייטן זייער ברודר. אונ די קונדר פון יעקב האבן צו געהערט די רייד פון די מדינים אונ האבן יוסף פר קופט פר צוואנציג שטיק זילבער אונ זייער ברודר ראובן איז ניט גוועזן מיט זיי אין דער זעלביגר צייט. אונ די מדינים האבן גנומן יוסף אונ זענן אוועק גגאנגען מיט עם אין זייער וועג אונ בשעת זיי זענן אוועק גגאנגען אופן וועג האבן זיך די מדינים בטראכט וואס האבן מיר גטאן וואס מיר האבן גקופט דם יונגל פון די עברים טאמער האבן די עברים עם גגאנבת. אונ אז מען וועט גפונן דם יונגל ביי אונז וועלן מיר גטייט ווערן איבר עם. אונ בשעת די מדינים האבן צווישן זיך אזו גרעט האבן זיי גזעהן די ישמעאלים גייען וואס די קונדער פון יעקב האבן גזעהן צום ערשטן אונ דר וייל זענן די ישמעאלים גקומן אקעגן די מדינים האבן די מדינים גזאגט איינר צום אנדרן לאם מיר פר קופן דם יונגל צו די ישמעאלים אונ מיר וועלן אפ נעמן דם געלט וואס מיר האבן גגעבן צו די עברים. אונ ווי די ישמעאלים זענן גקומן צו די

מדינים

מדינים הָאבְּן דִי מדינים פַר קוֹפְט יוסף צוּ דִי ישמעאלים פַר צְוַואנְצִיג שְׁטִיק זִילְבֶּר. אוּנ דִי מדינים זֶענְן אַוֶועק גְגַאנְגֶן צוּם לַאנְד גִלְעָד. אוּנ דִי ישמעאלים הָאבְּן גְנוּמֶן יוסף אוּנ הָאבְּן עֶם אַרוֹף גְזֶעצְט אוֹף אֵיין קֶעמֶל אוּנ זֶענְן גְגַאנְגֶן קֵיין מִצרים. אוּנ ווי יוסף הָט דֶר הֶערְט אַז דִי ישמעאלים גֵייעְן קֵיין מצרים. הָט יוסף אָן גְהוֹבְּן צוּ וֵויינֶן אוּנ צוּ שְׁרַייאֶן אוֹף דֶר דָאזִיגֶר זַאךְ דֶען עֶר וֶועט זִיךְ דֶר וַוייטֶרְן פוּן דֶעם פָאטֶר אוּן הָט זֵייעֶר גְוֵויינְט. דֶר וַוייל הָט אֵיינֶר פוּן ישמעאלים דֶער זֶעהֶן אַז יוסף ווֵיינְט הָט עֶר עֶם אַרָאפּ גְנוּמֶן פוּן דֶעם קֶעמֶל אִיז יוסף צוּ פִּיס גְגַאנְגֶן. אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָט יוסף גְשְׁרִיגֶן אוּנ הָט גְוֵויינְט אוּנ הָט גְזָאגְט פָּאטֶר פָאטֶר. דֶר וַוייל אִיז אוֹף גְשְׁטַאנֶן אֵיינֶר פוּן דִי ישמעאלים אוּנ הָט יוסף גְשְׁלָאגֶן אוֹף דֶר בַּאק הָט יוסף נָאךְ מֶער אָן גְהוֹבְּן צוּ וֵויינֶן אוּנ יוסף אִיז גֶעבֶּךְ מִיד גְוָוארֶן אוֹפְן וֶועג אוּנ הָט גָאר נִיט גְקֶענְט גֵיין מַחֲמַת דָם בִּיטֶרוּנְג וָוס עֶם הָט זִיךְ גְטְרָאפֶן הָאבְּן אַלֵי ישמעאלים עֶם גְשְׁלָאגֶן אוּנ הָאבֶען עֶם גְפַּייִנִיגְט אוּנ הָאבְּן עֶם גְשְׁרֶאקֶן כְּדֵי עֶר זָאל אוֹף הֶערְן צוּ וֵויינֶן: אוּנ גָאט ב"ה הָט גְזֶעהֶן דָם פַּיין פוּן יוסף אוּנ זַיין מוּדְקַייט הָט גָאט ב"ה אָן גְשִׁיקְט אוֹף דִי ישמעאלים אֵיין פִינְצְטֶרְנִישׁ אוּנ אֵיין דֶר שְׁרֶעקֶנְשׁ אוּנ וֶועלְכֵי הַאנְט פוּן דִי ישמעאלים הָאבְּן גְשְׁלָאגֶן יוסף אִיז דִי הַאנְט פַּר דַארְט גְוָוארֶן. אוּנ דִי ישמעאלים הָאבְּן גְזָאגְט אֵיינֶר צוּם אַנְדֶרְן וָוס אִיז דִי זַאךְ וָוס גָאט ב"ה הָט צוּ אוּנְז גְטָאן אוֹף דֶעם דָאזִיגֶן וֶועג. אוּנ דִיא ישמעאלים הָאבְּן גָאר נִיט פַר שְׁטַאנֶען אַז דָם אִיז אַלְץ אִיבֶּר יוסף אוּנ דִי ישמעאלים זֶענְן וַוייטֶר אַוֶועק גְגַאנְגֶן אוּנ זֶענְן גְקוּמֶן אוֹפֶן וֶועג פוּן אֶפְרָת וָוס דָארְטֶן אִיז רָחֵל דִי מוּטֶר פוּן יוסף בְּגְרָאבְּן אוּנ ווי יוסף אִיז גְקוּמֶען צוּם קֶבֶר פוּן זַיין מוּטֶר רחל אִיז יוסף גְפַאלְן אוֹפְן קֶבֶר אוּנ הָאט זֵייעֶר גְוֵויינְט אוּנ הָט גְשְׁרוּגֶן אוּנ הָט גְזָאגְט מַיין מוּטֶר מַיין מוּטֶר וָוס דוּ הָאסְט מִיךְ גְווינֶן אַצוּנְד שְׁטֵיי אוֹף אוּנ זֶעה אַז דַיין זוּן יוסף אִיז פַּר קוֹפְט גְוָוארֶן פַר אֵיין קְנֶעכְט אוּנ קֵיינֶר טוּט נִיט אִיבֶּר אִים זִיךְ דֶר בַּארְמֶן. מַיין מוּטֶר מַיין מוּטֶר גֵיי אוּנ זֶעה אַז בַּייא מַיין פָאטֶר אִיז דָאם הַארְץ פִיל מִיט שְׁמֶערְצֶן אוּנ זֵיי עֶם מְנַחֵם אוּנ רֶעד עֶם אוּם דָאם הַארְץ. אוּנ הָט נָאךְ גְרֶעט אַסךְ רֵייד אוֹפֶן קֶבֶר אוּנ הָט גְרֶעט אוּנ גְשְׁרִיגֶן אוּנ הָט גְוֵויינְט:

אוּנ

תם וישר

אונ נאך דעם איז יוסף איין גשוויגן גוואָרן האט יוסף געהערט איין קול פון דעם קבר מיט גוויין אונ האט גזאגט. מיין זון יוסף מיין זון יוסף איך האב געהערט דיין קול אונ דיין גשריי אונ האב געזעהן דייני טרערין אונ איך וויים פון דייני צרות: אונ עס טוט מיר זייער באנק אוף דיר אונ דו מערסט מיר טרורקייט אוף מיין טרורקייט. אונ אצונד מיין זון יוסף האף אלי צייט צו גאט ב"ה אונ זאלסט בעטן צו גאט אונ זאלסט פר קיינם ניט מורא האבן דען גאט ב"ה איז מיט דיר: אונ גאט ב"ה וועט דיך מציל זיין פון אלע צרות שטיי אוף מיין זון יוסף אונ גייא קיין מצרים מיט דיין הארן אונ זאלסט פר עס גאר קיין פארכט ניט האבן דען מיין זון יוסף גאט איז מיט דיר: אונ זיא האט נאך גרעט פיל רייד צו עם אונ זיא איז איין גשוויגן גוואָרן אונ יוסף האט געהערט די דאזיגי רייד האט ער זיך פר וואונדערט דרוף אונ האט נאך מער גוויינט: נאך דם האט איינר פון די ישמעאלים דר זעהן אז יוסף שרייט לעבן איין שטיין אונ וויינט אזוי האט דער ישמעאל אוף עם זייער גגרומט האט ער אים אוועק גטריבן פון דעם קבר אונ האט עם גשאלטן: אונ גאט ב"ה האט געזעהן דם פיין פון יוסף אונ גאט ב"ה האט געמערט אונ האט גשלאגן די ישמעאלים אונ האט אן גשוקט אוף זיי איין גרויסן שטארום ווינט אונ עס איז גוואָרן פונצטר אונ עס האט זייער גדינרט אונ גבליצט אונ די ערד האט גציטערט מחמת די גרויסי דונרן אונ דר שטורם ווינט האט זיך זייער גשטארקט: אונ די ישמעאלים האבן גאר ניט גוויסט ווי אהין זיי גייען אונ די קעמלן זענן גבליבן שטיין אונ די ישמעאלים האבן גשלאגן די קעמלן אז זיי זאלן גיין זענן די קעמען גפאלן צו דר ערד:

ויאמרו אונ איינר האט גזאגט צום אנדרן פר וואס האט גאט גטאן אזעלכעס צו אונז וואס האבן מיר דען גזונדיגט אונ וואס האבן מיר דען גשילד אז עס זאל אונז זיין אזו איין צרה: אונ איינר פון זיי האט געענפרט אונ גזאגט טאמר איז די זונד פון וועגן דעם ארומאן קנעכט דרום טרעפט זיך אונז אזעלכעס דעם דאזיגן טאג: אונ אצונד וועלן מיר איבר בעטן דעם קנעכט אז דער קנעכט זאל אונז מוחל זיין וואס מיר האבן אים גטון וועלן מיר וויסן צו איז דם איברין קנעכט אונ אוב ניט אונ די ישמעאלים האבן אזו גטון אונ האבן גזאגט צו יוסף זיי אונז מוחל דם וואס מיר האבן גזונדיגט צו דיין גאט אונ אקעגן דיר אונ אצונד יוסף טוא בעטן פר אונז גאט אז ער זאל אפ טון פון אונז די דאזעגי צרה. אונ יוסף האט גטועץ אזו ווי די ישמעאלים האבן צו אים גזאגט. אונ גאט ב"ה האט צו געהערט צו יוסף אונ האט אפ גטועץ די צרה פון די ישמעאלים אונ די קעמלן זענן אוף גשטאנען פון דר ערד אונ האבן שון אן גהובן צו גיין אונ דר שטורם ווינט האט אוף געהערט זענן די ישמעאלים מיט יוסף אוועק גגאנגן קיין מצרים: האבן שון די ישמעאלים פר שטאנען אז די צרה איז גוועזן פון וועגן יוסף:

ויאמרו אונ די ישמעאלים האבן גזאגט איינר צום אנדרן אצונד ווייסן מיר אז דיא צרה איז גוועזן צו אונז איבר יוסף אצונד בדארפן מיר זיך איין עצה האלטן וואס מיר זאלן טון מיט יוסף האט איינר גזאגט פר וואר יוסף האט צו אונז גזאגט מיר זאלן עם אום קערן צו זיין פאטר: איז מיין עצה אז מיר זאלן גיין מיט אים צו זיין פאטר אונ

זיין

זיין פאטר וועט אונז אום קערן אונזר געלט הט איינר גזאגט דיין עצה גוט נייארט מיר קענן דס ניט טון . דען איז זייער וייט אום צו קערן זיך צו זיין פאטר . האט וייטר איינר געענפרט אונ הט גזאגט די עצה איז איין גוטי עצה נייארט לאם מיר פריער גיין קיין מצרים וועלן מיר עס קענן פר קופן איז גוט . אונ אוב ניט וועלן מיר עס אפ פורן צום פאטר איז די זאך זייער גפעלן ביי זייא אין די אוגן אונ זענן גגאנגן קיין מצרים : אונ די קונדר פון יעקב נאך דעם אז זיי האבן פר קופט יוסף צו די מדינים הט זייא דם הארץ זייער וויי גטאן אונ האבן גהאט דרוף גרוס חרטה אונ זייא זענן גגאנגן זוכן די מדינים האבן זיי ניט גקענט גפונן : אונ ראובן איז גגאנגן צו דעם גרוב ווס יוסף איז דארטן גוועזן כדי ער זאל עס פון דארטן ארוס נעמן אונ אום קערן עס צום פאטר . אונ ראובן הט זיך גשטעלט ביי דעם גרוב אונ הט גרופן יוסף יוסף אונ קיינר הט עס ניט געענפרט הט ראובן גמיינט אז יוסף איז גשטארבן מחמת מורא אדר די שלאנגן מיט די עגדשז האבן עס גטייט אונ ראובן איז אריין גגאנגן אין גרוב אונ הט עס גזוכט אונ הט ניט גפונן איז ראובן ארוס גגאנגן פון דעם גרוב אונ הט צו רוסן זייני קליידר אונ הט גזאגט אז יוסף איז שון ניט פר האנדן ווי אזו וועל איך קומן צו מיין פאטר אונ ראובן הט גזאגט צו זייני ברודר איך בין גקומן צום גרוב אונ האב גזוכט אונזער ברודר יוסף איז ער דארטן ניט גוועזן . אונ ווס פר איין תירוץ וועלן מיר זאגן צו אונזר פאטר דען ער וועט פון קיינם ניט זוכן עס נאר פון מיר האבן עס די ברודר געענפרט אזו אונ אזו האבן מיר גטאן צו עס אונ היינט האבן מיר דרוף חרטה אונ מיר זוכן עס אונ מיר קענן ניט גפונן . אונ היינט האלטן מיר איין עצה וואס פר איין תירוץ מיר זאלן זאגן צו אונזר פאטר . האט ראובן צו זייא גזאגט אקעגן ווס האט איר דס גטון איר וועט מאכן נידרן אונזר אלטן פאטר אין גרוב אריין . איר הט ניט רעכט גטאן . אונ ראובן הט זיך גזעצט לעבן זיי אונ דר נאך זענן זיי אלי אוף גשטאנען אונ האבן גשווארן אז עס זאל ניט גזאגט ווערין די זאך צום פאטר אונ אלי האבן גזאגט וועלכר עס וועט זאגן די זאך צו אונזר פאטר אודר צו אנאנדרן מענש אזו וועלן מיר עס אום ברענגן אונ נאך דעם האבן זיי איין עצה גהאלטן ווס זיי זאלן ענפרן צום פאטר הט יששכר גזאגט צו זיי איך וועל אייך איין עצה געבן דרוף איר זאלט נעמן דם העמדל אונ מזאל דאס צו רייסן אונ מזאל שעכטן איין ציגלי אונ מזאל דם שיקן צו אונזר פאטר אונ אז ער וועט זעהן דם העמדל וועט ער זאגן איין בייזע חיה הט עס אוף גגעסן איז די עצה פון יששכר וואול גפעלן ביי זיי אין די אוגן אונ האבן גאיילט אונ האבן גנומן דם העמדל אונ האבן דם צו ריסן אונ האבן גשאכטן איין ציגלי אונ האבן איין גטונקט דם העמדל אין דעם בלוט אונ האבן בשוט דם העמדל מיט ערד :

וישלחו אונ זיי האבן דם העמדל אוועק גשוקט צום פאטר דורך נפתלי אונ האבן אים אן גזאגט אז ער זאל אזו זאגן צום פאטר מיר האבן גזעהן אז דאס העמדל איז גלעגן אופן וועג איין גירעכט מיט בלוט . אונ אצונד דער קען אוב דאס העמדל איז פון דיין זון יוסף אוב ניין אונ נפתלי הט גזאגט צום פאטר אזו ווי די ברודר האבן אים אן גזאגט .

און

אונ ווי יעקב הט דר זעהן דם העמדל הט ער גזאגט דס איז בוודאי דם העמדל פון מיין זון יוסף אונ יעקב איז גפאלן אופן פנים צו דער ערד אונ הט גשוויגן אונ האט גוויינט אונ יעקב הט גאיילט און הט גשיקט איין קנעכט צו זייני קונדר אז זיי זאלן אהיים קומן אונ די קונדר פון יעקב זענן אהיים גקומן הט יעקב גזאגט צו זיי זאגט מיר פר וואס הט איר מיר גבראכט פרוצלונג אזו איין שלעכטי בשורה דם דאזיגן טאג: אונ די קונדר האבן אים געענפרט אונ האבן גזאגט צו אים מיר האבן היינט איין גזאמלט די שאף האבן מיר גפונן אופן וועג דם העמדל פיל מיט בלוט האבן מיר גשיקט צו דיר אז דו זאלסט דם דר קענן אוב עס איז פון דיין זון אונ ווי יעקב הט אום גהערט די רייד הט ער אן גהובן צו שרייען מיט איין גרוס קול אונ הט גזאגט אזוי דם העמדל איז פון מיין זון יוסף איין שלעכטי חיה הט עס אוף געגעסן אונ מיין זון יוסף איז פר צוקט גווארן דען איך האב עס גשוקט צו אייך אז ער זאל זעהן דאס פריד פון אייך אונ אוך דם פריד פון די שאף אז ער זאל מיר ברענגען איין ענפר דרוף אונ ער איז גגאנגן אזו וויא איך האב אים גזאגט אונ היינט האט זיך אים אועקכם גיטראפן אונ איך האב גמיינט אז ער איז מיט אייך:

אונ די קונדר האבן עס געענפרט אונ האבן גזאגט ער איז גאר צו אונז ניט גקומן אונ מיר האבן עס גאר ניט גזעהן זינט מיר זענן אוועק גגאנגן פון דיר. אונ ווי יעקב הט אום גהערט די דאזיגי רייד האט ער ווייטר אן גהובן צו שרייען אונ איז אויף גשטאנן אונ הט צו ריסן זייני קליידר אונ הט אן גטון איין זאק אוף זייני לענדן און הט גוויינט איין גרוס גוויין אונ הט גקלאגט אונ האט גזאגט יוסף מיין זון איך האב דיך אוועק גשוקט צו זעהן דם פריד פון דייני ברודר אונ דו ביסט פר צוקט גווארן מיין זון יוסף וואס פר איין זוסקייט בוסטו גוועזן צו מיר אונ אצונד ביסטו גווארען צו איין ביטרקייט צו מיר אמער וואלט גוועזן גקומן איין טוט אוף מיר. אצונד מיין זון יוסף עס טוט מיר זייער באנק אוף דיר. מיין זון יוסף מיין זון יוסף ווי ביסטו אונ ווי איז דיין לייב טו זיך דר וועקן פון דיין אורט אונ קום אונ זעה ווי איך קלאג אוף דיר. מיין זון יוסף קום אין צייל אובר די טרערן וואס רינן פון מייני אויגן און ברענג זיי אוף פר גאט ב"ה ער זאל אפ קערן דעם צארן פון מיר מיין זון יוסף דר וועק דיך אונ זעה דעם צער וואס איך האב דר פר וואס איך הב דיך ניט מגדל גוועזן. און עס איז אוף גשטאנן אלי קונדר אונ אלי קנעכט אונ האבן עס ארום גרינגלט. אונ טרייסטן עס הט יעקב ניט גוואלט פר נעמן קיין שום טרייסט. אונ ווי דם הויז גזונד פון יעקב האבן דר זעהן אז יעקב וויל ניט מקבל זיין קיין שום טרייסט זענן זיי אוף גשטאנן אונ האבן גקלאגט איין גרוסי קלאג אונ די זאך איז גווארן צו יצחק הט יצחק גוויינט איין גרוס גוויין אוף דר דאזיגר זאך אונ יצחק איז גגאנגן מיט אלי מענשן פון חברון צו טרייסטן זיין זון יעקב אבר יעקב הט זיך ניט גלאזט טרייסטן. אונ דער נאך איז יעקב אוף גשטאנן פון דער ערד אונ דיא טרערן האבן גרינן אופן פנים אונ יעקב הט גזאגט צו זייני קונדר שטייט אוף אונ נעמט אייערי שווערדן אז

אוך

אוך פאקן בוגים אונ גייט אין פעלד אריין טאמר וועט איר געפונען חאטשי דעם גוף פון זון וועט איר ברענגען צו מיר וועל איך דם בגראבען · אונ יעקב האט אלץ געשריגען אונ געוויינט טאג אויף טאג אויף זיין זון יוסף אונ האט גטראערט אויף זיין זון פיל טעג : אונ די ישמעאלים וואס האבען גקויפט יוסף פון די מדינים זענען זיי געקומען קיין מצרים און זענען גגאנגען מיט יוסף אופען מארק האבען די ישמעאלים בגעגינט פיר מענשען די קינדער פון מדן דער זון פון אברהם · האבען די ישמעאלים גזאגט צו די פיר מענשען טאמר ווילט איר קופען איין קנעכט האבען די פיר מענשען עס געזעהן אז ער איז זייער שיין · האבען זיי עס גקויפט פר צוואנציג שקלים · אונ די מדנים זענען גגאנגען צו פוטיפר אונ האבען צו עס גזאגט אצונד האבען מיר איין שיינם קנעכט אז דוא וועסט אונז געבען אזוי געלט פר עס וועלען מיר דיר עס פר קופען האט פוטיפר צו זיי גזאגט ברענגט עס צו מיר · אונ די מדינים זענען גגאנגען אונ האבען עס גבראכט פר פוטיפר איז יוסף זייער געפעלען אין די אויגען פון פוטיפר · האט פוטיפר גזאגט צו די מדינים וואס ווילט איר פאר עס האבען די מדינים צו עס גזאגט מיר ווילען פר עס פיר הונדערט שטוק זילבר האט פוטיפר צו זיי גזאגט איך וועל אייך געבען פר עס ווי פיל איר ווילט נייארט ברענגט מיר מענשען ביי וועמען האט איר עס גקויפט טאמער האט איר עס גגנבת דען דאס יונגער ווייזט ניט אויס ווי איין קנעכט זענען די מדנים גגאנגען אונ האבען גבראכט די ישמעאלים צו פוטיפר · האבען די ישמעאלים גזאגט צו פוטיפר אז די מדנים האבען גקויפט ביי אונז דעם קנעכט אונ פוטיפר האט צו גהערט דיא רייד פון די ישמעאלים זענען געווען גרוסי כוהרים האט פוטיפר געגעבען צו די מדנים פיר הונדערט שטוק זילבער פר יוסף אונ פוטיפר האט גנומען יוסף צו זייער שיין אונ האט עס גבראכט צו זיך אין שטוב אריין אונ יוסף האט עס בדינט אונ יוסף האט געפונען חן אין די אויגען פון פוטיפר האט פוטיפר אפ געגעבען אלדונג וואס ער האט אונטער יוסף האנט אונ גאט ב"ה איז געווען מיט יוסף אונ יוסף איז געווארן בגליקט אין אלי זאכען אונ גאט ב"ה האט גבענטשט דם הויז פון פוטיפר אין דעם זכות פון יוסף אונ פוטיפר האט זיך פר לאזט מיט אלדונג אויף יוסף אונ יוסף איז געווען ביי פוטיפר דער אויס געבער אונ איין געמער אונ אלדונג איז געווען דורך יוסף בפעל :

אונ יוסף איז אלט געווען אין דר זעלביגר צייט אכצעהן יאר אונ איז געווען זייער איין שיינר פארשון אונ אזו איין שיינר ווי יוסף איז ניט געווען אין גאנץ מצרים · אין דר זעלביגר צייט אז יוסף איז געווען ביי פוטיפר אין הויז פון דעסט וועגן האט ער גאט ב"ה אויך גדינט דר וואייל האט זליכה דם ווייב פון פוטיפר אויף גהובען אירע אויגען צו יוסף אונ האט עס געזעהן אז ער איז זייער איין שיינר פארשון האט איר הארץ זייער גגלוסט צו עס אונ האט עס גוואלט פערפירען צו אונקיישהייט אבער יוסף האט ניט גוואלט זונדיגען · אונ האט ניט צו גהערט :

ויען אונ יוסף האט געענפערט צו איר אונ האט גזאגט פר טייד דיך פון צו רייזען צו מיר ווי אזו קען איך דם טון צו מיין הארען אלדונג וואס עס איז פר האנגען ביי מיינם

הארן

האָרן הָט עֶר אָפּ גֶגֶעבְּן צוּ מִיר. אוּנ קיין שום מֶענְשׁ בַּיי עֶם אִין שְׁטוּבּ אִיז נִיט גְרֶעסֶר פוּן מִיר נָאר דוּ בִּיסְט זַיין ווייבּ: אוּן אַצוּנְד ווִי קֶען אִיךְ טוּן אַזוֹ אַיין זַאךְ אִיךְ זָאל זִינְדִיגֶן אַקֶעגְן גָאט ב"ה אוּן אוֹךְ צוּ דַיין מַאן:

אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָט זליכה נִיט צוּ גֶהֶערְט דִיא רֵייד פוּן יוסף אוּנ פְלֶעגְט מִיט עֶם צוּ רֵיידְן. אוּנ דֶר מִנְהָג אִיז גֶוֶועזְן אִין מצרים אַז דֶר טַייךְ נִילוּס אִיז גֶוָוארְן פִיל מִיט וַואסֶר הָאבְּן זִיךְ דִי אֵיין וואוּנֶערְס פוּן מצרים גְמַאכְט יוֹם טוֹב אוּנ פְלֶעגְן גֵיין צוּם טַייךְ אוּנ פְלֶעגְן דָארְטְן שְׁטֵיין אֵיין גַאנְצְן טָאג אוּנ פְלֶעגְן טַאנְצְן אוּנ שְׁפִּילְן מִיט אַלִי כְּלֵי זֶמֶר אוּנ בְּשַׁעַת אַז אַלִי אֵיין וואוּנֶערְס זֶענְן גְגַאנְגֶען צוּם טַייךְ זֶענְן דָאס הוֹיז גְזִינְד פוּן פּוֹטִיפַר אוֹךְ גְגַאנְגְן צוּם טַייךְ נָאר זליכה אִיז אִיבֶּר גְבְּלִיבְּען אִין שְׁטוּבּ וָוארוּם זִי אִיז שְׁלַאף גֶוֶועזְן. אוּנ בְּשַׁעַת אַז אַלִי מֶענְשְׁן פוּן דֶר שְׁטוּבּ זֶענְן אַוֶועק גְגַאנְגֶען אִיז זליכה אוֹף גְשְׁטַאנֶען פוּן אִיר גֶלֶעגֶר אוּן הָט זִיךְ אָן גְטוּן זַייעֶר שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ הָאט אַרוֹף גְטָאן אוֹפֶן קָאפּ טַייעֶרִי שְׁטֵיינֶר אוּנ גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר אוּנ גְמַאכְט אִיר פָּנִים זֵייעֶר שֵׁיין מִיט אַלֶרְלֵיי לוּסְטְרְקֵייט אוּנ הָט אוּם גֶרֵייכֶרְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט וַוארֶךְ אוּן מִיט אַלֶרְלֵיי בְּשָׂמִים אוּנ דֶר נָאךְ הָט זִי זִיךְ גֶזֶעצְט אוֹף דֶר טִיר דָארְטְן ווִי יוסף הָט בַּדַארְפְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין גֵיין. אוּנ וִוי יוסף אִיז גְקוּמֶן פוּן דֶעם פֶעלְד הָט עֶר גֶוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ אִיז עֶר גְקוּמֶן צוּ דֶער טִיר הָט דֶר זֶעהְן אַז זליכה זִיצְט אוֹף דֶר טִיר הָט עֶר זִיךְ אוּם גֶקֶערְט אוּנְטֶער זִיךְ. אוּנ וִוי זליכה הָט דֶר זֶעהֶן אַז יוסף הָט זִיךְ אוּם גֶקֶערְט הָט זִי עֶם גְרוּפֶן אוּנ הָט גֶזָאגְט יוסף פַאר וָוס גֵייסְטוּ נִיט טָאן דַיין מְלָאכָה אוּנ יוסף הָט זִיךְ אוּם גְקֶערְט אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אוּנ הָט זִיךְ גֶזֶעצְט טָאן זַיין מְלָאכָה וָוס עֶר הָט בַּדַארְפְט טָאן. דֶר וַוייל אִיז זליכה צוּ עֶם גְקוּמֶן אוּנ הָט אָן גְחַאפְּט בַּיי זַיין קְלֵייד אוּנ זָאגְט וֶועסְטוּ צוּ הֶערְן מַיינֶע רֵייד אִיז רֶעכְט אוּנ אוּבּ נֵיין וֶועסְטוּ וֶוערְן גְטֵייט אוּנ יוסף אִיז אוֹף גְשְׁטַאנֶען אוּנ הָט גֶוָואלְט אַנְטְלוֹפֶן פַר אִיר הָט זִי עֶם אָן גְהַאלְטֶן בַּיי דֶעם קְלֵייד אוּנ מַחֲמַת דֶר שְׁרֶעקֶנִישׁ הָט יוסף צוּ רִיסֶן דָם קְלֵייד וָוס זליכה הָט אָן גְהַאלְטֶן אוּן הָט גְלָזָאט דָם קְלֵייד בַּיי אִיר אִין דֶר הַאנְט אוּנ אִיז אַנְטְלָאפֶן אַרוֹם אוֹף דֶר גַאס. אוּנ וִוי זליכה הָט דֶר זֶעהֶן אַז יוסף הָט צוּ רִיסֶען

דם

דם קלייד אונ הט דאס גלאזט ביי איר אין דר האנט האט זליכה זייער מורא גהאט טאמר וועט מען דר פון גוואר ווערן . הט זליכה גטאן מיט קלוגשאפט אונ הט אפ גטאן פון זיך די טייערי קליידר . אונ הט גנומן יוסף קלייד אונ הט גלייגט לעבן זיך . אונ האט זיך גזעצט אויף איר גלעגר ווי זי איז פריער גזעסן איידר איר הוז גזונד זענן אוועק גגאנגן צום טייך אין איר שטוב איז גוועזן איין קליין קנעכטל הט זי עם גשיקט אז ער זאל אהיים רופן איר הוז גזונד . אונ ווי זליכה הט דער זעהן איר הוז גזינד הט זי גזאגט צו זיי מיט איין הויך קול זעהט וואס אייער האר הט גבראכט צו מיר איין עברי וואס ער הט גוואלט הייגט עובר זיין דען ער הט גזעהן אז קיינר איז ניט פר האנדן אין שטוב נאר איך איז ער גקומן צו מיר האב איך גהאלטן ביי זיין קלייד אונ האב אן גהובן צו שרייען מיט איין גרוס קול אונ ווי ער הט דר זעהן אז איך האב אן גהובן צו שרייען הט ער אובר גלאזט זיין קלייד ביי מיר אונ איז אנטלאפן גווארן אויף דר גאס . אונ זיי זענן גגאנגן צום הארן אונ האבן אים דם דר ציילט . אונ פוטיפר איז אהיים גקומן מיט גרוס כעס אונ דם ווייב הט אן גהובן צו שרייען אויף אים אונ הט גזאגט צו אים נאך וואס האסטו גבראכט צו מיר אזו איין קנעכט וואס ער הט מיך גוואלט שענדן : אונ ווי פוטיפר הט אוס גהערט די רייד הט ער גהייסן אז מזאל יוספן שלאגן אונ בשעת מען הט אים גשלאגן הט ער אויף גהובן זייני אויגן צו גאט ב״ה אונ הט גזאגט גאט מיין האר דו ווייסט דאך יוא דעם אמת אז איך בין גאר ריין פון דר זאך אונ פר וואס זאל איך שטארבן אין די הענט פון די דאזיגי רשעים . דר ווייל איז גוועזן אין שטוב איין קליין קינד איז אלט גוועזן עלף חדשים האט גאט ב״ה אויף געפינט דם מויל פון דעם קינד אונ דם קינד הט גזאגט צו פוטיפר אונ צו די מענשן וואס האבן גשלאגן יוסף נאך וואס שלאגט איר אים אונ וואס הט איר צו אים . מיין מוטר זליכה זאגט פאלש אונ ליגן ניין אזוי אונ אזוי איז די זאך גוועזן אונ ווי די מענשן האבן דר הערט די דאזיגי רייד פון דעם קונד האבן זיי זיך זייער פר ווינדרט אונ דם קונד הט אויף גהערט צו ריידן אונ פוטיפר הט זיך זייער פר שעמט פר די דאזיגי רייד וואס זיין קינד הט גרעט אונ הט גזאגט צו די מענשן אז מזאל אויף הערן צו שלאגן יוסף :

און

תם וישר

אונ פוטיפר האט גנומען אונ האט אים געבראכט פר די שופטים אונ פוטיפר האט צו זייא
גזאגט וואס קומט צו מיין קנעכט דער פר וואס ער האט אזו אונ אזו געטאן צו מיין
ווייב האבן די הארן גזאגט צו יוסף נאך וואס האסטו אזו געטאן צו דיין האר פוטיפר האט
יוסף צו זיי געענטפערט ניין אזוי אונ אזו איז גוועזן די זאך: אונ פוטיפר האט גזאגט צו
אים פר וואר אלדונג וואס איך האב גהאט האב איך דם אלץ געגעבן אין דיין האנד
אונ איך האב ניט פר מייד קיין שום זאך פאר דיר נאר דאס ווייב אונ אצונד האסטו
גוואלט טון צו מיר שלעכץ אונ יוסף האט אים געענטפערט ניין מיין האר נון שווער איך
ביי גאט ב"ה אונ אוך אזו ווי מיין האר לעבט אז די זאך איז ניט אמת וואס דיין ווייב
זאגט נאר אזו אונ אזו איז גוועזן די זאך. אונ די הארן האבן גזאגט צו פוטיפר אז
קיין מיתה קומט דעם קנעכט ניט נייארט וויל דיין ווייב זאגט פארט אויף אים. איז
אונזר משפט אז מזאל אים געבן אין דר תפיסה אריין אונ ווי פוטיפר האט אוס געהערט
די רייד פון די הארן האט פוטיפר גנומען יוסף אונ האט אים געגעבן אין דר תפיסה ארין אונ
יוסף איז געזעסן אין דר תפיסה צוועלף יאר. אונ פון דעסט וועגן פלעגט זליכה גיין צו
יוסף אונ ער האט זי אלץ ניט צו געהערט: אונ ווי עס איז גקומען אין דריי חדשים ארום
האט זליכה צו אים גזאגט ביז ווי לאנג וועסטו נאך זיצן אין דר תפיסה אמער הער
צו מיינע רייד וועל איך דיך ארויס נעמן פון דר תפיסה:

אונ יוסף האט געענטפערט צו איר אונ האט גזאגט עס איז מיר בעסר אז איך זאל זיצן דא
אין דר תפיסה איידר איך זאל צו הערן דיינע רייד אונ זאל זינדיגן צו גאט ב"ה:

אונ יעקב מיט זיינע קינדר האבן אלץ גטרויערט אונ גוויינט אויף יוסף. אין דר זעלביגר
צייט איז יהודה גגאנגן צום הויז פון שם אונ האט גנומען די טאכטר פון עילם דר זון פון
שם וואס זיא האט געהייסן תמר פאר איין ווייב צו זיין זון ער וואס ער איז גוועזן איין בכור
ביי יהודה. איז ער איבל געפעלן אין גאטס אויגן אויף זיינע מעשים. האט אים גאט ב"ה
גטייט. אונ נאך דעם אז ער איז גשטארבן האט יהודה גזאגט צו זיין זון אונן קום צו
דיין ברודרס ווייב אונ זייא זיא מיבם אונ אונן האט גנומען תמר פר איין ווייב אונ איז
גיקומען צו איר אונ האט אוך אזו געטאן וויא זיין ברודר ער. איז ער אויך איבל געפעלן
אין גאטס אויגן האט אים גאט ב"ה אויך גטייט. אונ ווי יהודה האט געזעהן אז זיין זון
אונן איז אוך גשטארבן האט יהודה גזאגט צו זיין שניר תמר קער זיך דר וויל אום צו
דיין פאטר ביז מיין זון שלה וועט גרעסר ווערן אונ יהודה האט ניט גוואלט געבן זיין זון
שלה צו תמר פר איין מאן דען יהודה האט זיך גטראכט טאמער וועט שלה אויך שטארבען
אזו ווי יענע ברודר אונ תמר איז אויף גשטאנען אונ איז אוועק גגאנגן צום פאטר אונ איז
גוועזן ביי איר פאטר פיל טעג: אונ ווי עס איז גקומען אין איין יאר ארום איז גשטארבן
עילת דם ווייב פון יהודה אונ נאך דעם אז דם ווייב פון יהודה איז גשטארבן זא איז
יהודה גגאנגן מיט זיין גזעלין קיין תמנת צו שערן זיינע שאף אונ ווי תמר האט דר הערט
אז יהודה גייט קיין תמנת צו שערן די שאף אונ זיין זון שלה איז שון דר וואקסן גווארן
אונ יהודה וויל איר שון ניט געבן שלה פאר איין מאן איז תמר אויף גשטאנען אונ האט

תם וישר

אָפּ גיטאן דיא קליידר וואס איין אלמנה גייט אונ הט אן גטון איין שלייער אונ הט זיך שיין אן גטון. אונ הט זיך גזעצט אוף דעם וועג וואס גייט קיין תמנת. אונ בשעת יהודה איז גגאנגן אופן וועג האט ער זיא גזעהן אונ איז מיט איר גלעגן. אונ תמר הט גוואונן איין צווילונג איינעם הט מען גרופן פרץ אונ דעם אנדערן הט מען גרופן זרח : אין דר זעלביגר צייט איז יוסף נאך גזעסן אין לאנד מצרים :

אונ אין דער זעלביגר צייט זענן גשטאנן די צוויא הארן פר פרעה איינער פלעגט דר לאנגן וויין צום מלכות טיש אונ דער אנדרר פלעגט דער לאנגן ברוט צום מלכות. דער וייל הט דער מלכות גפונן אין דעם וויין פליגן אין דעם ברויט האט ער גפונן שטיינדליך אונ ווי פרעה הט דם דער זעהן הט פרעה גהייסן אז מזאל זיי אריין זעצן דער וייל אין דר תפיסה. אונ מען האט גבראכט דיא צוויא הארן אין דר תפיסה אריין : אונ מען הט גהייסן אז יוסף זאל בדינן די צוויא הארן אין דר תפיסה : אונ די דאזיגע צוויי הארן זענן גוועזן אין דר תפיסה איין גאנץ יאר : אין דעם סוף יאר הט זיך גחלמת איין חלום צו די צוויי הארן אין איין נאכט. אונ ווי עס איז טאג גווארן איז גקומן יוסף ער זאל זיי בדינן. האט יוסף דער זעהן אז די ביידי הארן זענן טרויעריג. הט יוסף זיי גפרעגט פר וואס זענט איר היינט אזו טרויעריג. האבן די צוויא הארן צו אים גזאגט עס האט זיך אונז גחלומת איין חלום. אונ קיינר איז ניט פר האנדן דא אז מזאל אונז פותר חלום זיין. הט יוסף צו זיי גזאגט דער ציילט פר מיר אייער חלום. אונ גאט ב"ה וועט אייך ענפרן אזו ווי איר וועט וועלן :

אונ דר האר פון דעם וויין הט דר ציילט זיין חלום פר יוסף איך האב גזעהן שטיין פר מיר איין גרוסן וויין שטאק אונ דעם זעלביגען וויין שטאק האב איך גזעהן דריי צווייגען אונ דיא דרייא צווייגן האבן גיאיילט אונ האבן גבליט אונ גשפראצט אונ עס איז תיכף פארטיג גווארין זייערי וויין טרובן אונ איך האב גנומן די וויין טרובן אונ האב דם אוס גקוועצט אין איין בעכר אריין אונ האב גגעבן דעם בעכר וויין אין דר האנט פון פרעה אונ ער הט גטרינקן : הט יוסף צו אים גענפרט די דריי צווייגן בטייטן דריי טעג אין דריי טעג ארום וועט דיך דר מלכות זעצן אוף דיין אורט אונ וועסט אים אן טרינקן מיט וויין אזו ווי צום ערשטן אוך נייארט איך בעט דיך אז איך זאל גפונן חן אין דייני אוגן אז דו זאלסט מיך דר מאנן פארן מלכות אז ער זאל מיך ארוס ציהן פון דר דאזיגר שביה. דען איך בין גגאנבעט גווארן פון דעם לאנד כנען אונ מען הט מיך פר קופט אהער פר איין קנעכט. אונ דר וייל הט מיין הארינס וייב גזאגט אוף מיר איין ליגן הט מען מיך גגעבין אין דר תפיסה אריין אונ דער האר פון דעם וויין הט גענפרט צו יוסף אוב דר מלך וועט טון מיט מיר גוטס אזוא ווי דוא האסט מיר פותר חלום גוועזן וואס דו וועסט וועלן וועל איך צו דיר טון אונ איך וועל דיך ארוס נעמן פון דער תפיסה: אונ דער האר בעקער הט דער זעהן אז יוסף הט גוט פותר גוועזן צום האר וויינשענקר. הט ער אוך דער ציילט זיין חלום צוא יוסף :

תם וישר

אונ דר בעקיר הט גזאגט איך האב גזעהן אין חלום דריי גילעכרטי קארב זענין גשטאנן איבר מיין קאפ אונ איך האב גזעהן אז אין דעם אייברשטן קארב איז פר האנדן אלירלייא עסין שפייז פון פרעה אזו ווי ער פלעגט אלי צייט באקין אונ איין פוגל הט דס גגעסן איבר מיין קאפ ענפרט יוסף צו אים די דריי קארב בטייט אוף דריי טאג . נאך דריי טאג ארום וועט פרעה הייסן דיין קאפ אראפ נעמין פון דיר אונ מועט דיך הענגין אוף איין בוים אונ די פוגלן וועלן עסין דיין פלייש אזו וויא דוא האסט גזעהן אין דיין חלום : אין דר זעלביגר צייט הט דעם מלכות ווייב גוויגן איין זון צום מלך . האבן זיך אלי איין וואונרם פון מצרים אונ אוך אלי שררות זייער גפרייט : אונ ווי עס איז גקומן דר דריטר טאג פון דעם גוויגן הט פרעה גמאכט איין גרוסי סעודה צו אלי שררות אונ צו אלי קנעכט . אונ עס איז גקומן אלי איין וואונרם פון מצרים אונ אלע קנעכט צו עסן אונ טרונקן מיטן מלך אונ פרייאן זיך מיט אים . אונ אלע שררות אונ אלי קנעכט פון דעם מלך האבן זיך גפרייט אלי אכט טאג אונ בשעת פרייאן הט פרעה זיך דר מאנט אין דעם האר פון דעם וויין שענק הט פרעה גהייסן מען זאל אים ארום נעמן פון דער תפיסה אונ מזאל אים מאכן איין ממונה אזו ווי פריער . אונ דעם האר בעקר הט ער גיהייסן אז מזאל אים אוף הענגין אזו ווי יוסף האט זיי פותר חלום גוועזן : אונ דר וויין האר הט גאר פר געסן אן יוסף אונ הט אים גאר נית דר מאנט פארין מלך . אזו ווי דר וויין האר הט צו גזאגט צו יוסף . דען דס איז גוועזן פון גאט ב"ה כדי יוסף זאל נאך זיצן אין דר תפיסה ווייל יוסף הט זיך פר זיכרט אין איין מענטשן . אונ ער איז נאך גזעסן צוויי יאר ביז עס זאל דר פילט ווערן די צוועלף יאר . אונ יצחק איז אלט גוועזן אין דר צייט הונדרט אונ אכציג יאר . אונ עשו איז גוועזן אין דר זעלבינר צייט אין לאנד אדום אונ ווי עשו הט דר הערט אז עס הט גנעהנט די טעג פון דעם פאטר צו שטארבן . איז עשו גקומן מיט זייני קונדר צום לאנד כנען צום פאטר . אונ יעקב הט ארץ גקראגט אוף זיין זון יוסף : אונ יצחק הט גזאגט צו זיין זון יעקב גנעץ צו מיר דיינע קונדר אונ איך וועל זיי בענטשן . אונ יעקב הט גנענט מיט זיינע עלף

קינדר

קונדר פר זיין פאטר יצחק . אונ יצחק הט גטון זיינע הענט אוף יעקבש קינדר אונ הט זיי אן גהאלטן אונ הט זיי גקושט איינציג וויים. אונ יצחק הט זיי גבענשט דעם זעלביגן טאג אונ הט צו זיי גזאגט דר גאט פון אייערי עלטרן זאל אייך בענטשין אונ ער זאל מערן אייערי קונדר וויא דיא שטערן פון דעם הימל . אונ אוך צו די קונדר פון עשו הט ער גבענשט אונ הט גזאגט גאט ב"ה זאל געבן די מורא פון אייך אוף אלע פיינד . אונ יצחק הט גרופן זיין זון יעקב מיט זיינע קונדר זענן זיי אלי גקומן פר אים אונ האבן זיך אנידר גזעצט פר יצחק אונ יצחק האט גזאגט צו יעקב גאט ב"ה וואס ער איז דר גאט פון דר גאנצר וועלט הט גזאגט צו מיר דייני קונדר וועל איך געבן דס לאנד גייארט אז דייני קונדר וועלן היטן מייני גזעץ אונ מיין וועג וועל איך צו זיי מקיים זיין מיין שבועה וואס איך האב גשוואורן צו דיין פאטר אברהם . אונ אצונד מיין קונדר זאלסטו לערנן צו דייני קונדס קונדר אז זיי זאלן האבן מורא פר גאט ב"ה אונ זאלן גיין אין גאטס וועג וועט גאט ב"ה זיי בגיטיגן פול אונ וועט זיי טון גוטס אלי זייערי טעג . אונ וויא יצחק האט אוף גהערט צו גביטן צו זיין זון יעקב מיט זייני קונדר איז יצחק גשטארבן איז יעקב מיט עשו גפאלן אופן פאטערס פנים אונ האבען גוויינט . אונ יצחק איז אלט גוועזן הונדרט אונ אכציג יאר אז ער איז גשטארבן אין דר שטאט חברון . אונ די קינדר האבן אים גטראגן צו דר מערת המכפלה וואס זיין פאטר אברהם הט גקופט פון די קונדר חת . אונ אלי שרים פון כנען זענן גגאנגן מיט יעקב אונ עשו צו בגראבן יצחק אונ אלע האבן אן גטאן איין גרוס כבוד צו יצחק נאכן טוט . אונ די קונדר פון יעקב אונ פון עשו זענן גגאנגן בארפוס ארום דר מערת המכפלה . אונ יעקב מיט עשו האבן בגראבן זייער פאטר מיט גרוס כבוד אונ יעקב אונ עשו אונ זייערי קונדר האבן גמאכט איין גרוסן הספד אונ גקלאגט פול טעג . אונ נאך דעם אז יצחק איז גשטארבן הט ער גלאזט זיין גוטס צו זייני קונדר . אונ עשו זאגט צו יעקב לאם מיר זיך טיילן מיט דר ירושה איך וועל מיר אבר אום קלובן וועלכן חלק איך וועל וועלן . הט יעקב צו אים גזאגט איך וועל אזו טון

אונ

תם וישר

און יעקב הט גנומן גאר דאס גוטס און הט צו טיילט אוף צווייאן און הט גזאגט צו עשו נעם דיר וועלכן חלק דו ווילסט. און יעקב הט ווייטר גזאגט צו עשו הער צו וואס איך וועל דיר זאגן . דר גאט ווס הט בשאפן דעם הימל און די ערד האט ער גזאגט צו אונזר עלטר פאטר אברהם און אוך צו אונזער פאטר יצחק אזו צו זאגן צו דיינע קונדר וועל איך געבן דם לאנד צו איין ארב אוף אייביג . אצונד זאג איך דיר ווילסטו נעם דיר אודר דם גוטס פון מיין פאטר אודר דם לאנד : און דארטן איז גוועזן דער זון פון ישמעאל איז עשו גגאנגן אים דעם זעלביגן טאג איין עצה האלטן זיך מיט אים. און עשו הט צו אים גזאגט אזו האט יעקב מיר גזאגט און אצונד גיב מיר איין עצה וואס איך זאל טון און איך וועל דיך צו הערין . הט נביות גענפערט צו עשו מיין עצה איז אז דו זאלסט בעסר נעמן דם גוטס פון דיין פאטר דען אצונד זיצן די קונדר פון כנען זייער זיכרליך אין דעם לאנד און עשו איז אוף גשטאנען און איז גגאנגן צו יעקב . און הט גטאן אזו וויא נביות הט אים איין עצה געגעבן . אינ הט גנומן גאר דם גוטס פון דעם פאטר . און יעקב הט גנומן דם לאנד כנען פון דעם טייך מצרים ביז צום טייך פרת און יעקב הט גנומן דם לאנד כנען אוף איין ארב ביז אייביג און יעקב האט אוך גנומן דיא מערת המכפלה ווס אברהם הט גקופט פון די קונדר חת און יעקב הט גשריבן איין שטר חלוקה און הט גיחתמת אוף דער שטר חלוקה עדות און האט גנומן דעם שטר חלוקה און הט אריין גטון אין איין ערדני כלי און הט דם אפ גגעבן צו זיינע קונדר און עשו האט צו גנומן גאר דאס גוטס פון דעם פאטר און איז אוועק גגאנגן צום לאנד שעיר מיט זיינע קונדר און עשו איז ניט גקומן צום לאנד כנען אפילו איין מאל און עשו מיט זייני קונדר האבן גארבט דם לאנד שעיר :

פרשת מקץ

אין די זעלביגי טעג גאך דעם אז יצחק איז גשטארבן האט גאט ב״ה גוואלט אז עס זאל זיין איין הונגר אוף דער גאנצר וועלט און דר זעלבגר צייט איז פרעה דר מלך פון מצרים גזעסן אוף דער שטיל פון

מצרים

מצרים אונ וויא עס איז נאכט גוואָרן האָט פרעה זיך גלייגט אוף זיין גלעגר אונ איז איין גשלאָפן גוואָרן הט זיך אים גחלומט פיל חלומות . איין חלום הט זיך אים אוס גוויזן אז ער שטייט בייא דעם באָרטן פון דעם טייך מצרים ווס ער הייסט נילוס אונ זעהט אז עס גייט ארוס פון דעם טייך זיבן שייני קיא אונ זענן אוך פעט אונ דער נאָך זענן אוף גגאנגן זיבן מאגערי קיא אונ האָבן איין גשלונגן די פעטי קיא אונ די מאגרי קיא האָבן גהאט אזו איין נשטאלט וויא פריער . אונ דר נאָך הט פרעה זיך אוף גחאפט פון דעם שלאָף . אונ פרעה איז ווייטר אנשלאָפן גוואָרן אונ עס הט זיך אים ווייטר גחלמת איין חלום אונ זעהט אז זיבן זאנגן מיט קאָרן וואקסן פון איין זאנג זייער שייני אונ פולי און גוטי אונ דר נאָך זענן ארוס גשפראָצט אנדרי זיבן זאנגן זייער דיני אונ ליידיקי אונ האָבן איין גשלונגן די זיבן גוטע פולי זאנגן הט זיך פרעה ווייטר אוף גחאפט פון דעם שלאָף אונ ווי עס איז טאָג גוואָרן הט זיך אין פרעה גקלאפט דער אטום מחמת די חלומות . אונ דר מלך הט גאיילט אונ האָט גלאָזט רופן אלע חרטומים אונ אלע חכמים אונ זיי זענן אלע גקומן אונ האָבן זיך גשטעלט פר פרעה . הט פרעה צו זיי גזאָגט עס הט זיך מיר גחלמת צוויי חלומות אונ קיינר הט מיר ניט פותר חלום צו זיין אוף די חלומות . האָבן די חרטומים אונ די חכמים גזאָגט צו פרעה דר צייל אונז דיינע חלומות הט פרעה צו זיי דר ציילט דיא חלומות . האָבן זיי אים אין איינם געענפרט אונ האָבן גזאָגט צו פרעה דר מלך זאָל אייביג לעבן אונ אזו איז דס בשיידניש

פון די חלומות :

ווס דו האָסט גזעהן די גוטע קיא בטייט דס אז דו וועסט האָבן אין סוף יאָרן זיבן טעכטרי אונ דס ווס דו האָסט גזעהן די זיבן מאגרי קיא האָבן איין נישלונגן דיא גוטי קיא בטייט דס אז זיי וועלן שטארבן פר דיין לעבן אונ דס ווס דו האָסט גזעהן די גוטי זיבן זאנגן בטייט דס אז דו וועסט בואן זיבן שטעט אין סוף דייני יאָרן אונ דס ווס דו האָסט גזעהן די זיבן ליידיגע זאנגן האָבן גשלונגן די גוטי זיבן זאנגן בטייט דס אז די זיבן שטעט ווס דו וועסט בואן וועלן זיי חרוב ווערן אין

סוף

תם וישר

סוף פון דיינע טעג . אונ וויא די חרטומים אונ די חכמים האבן אוס גרעט זייערי רייד אונ פרעה הט ניט גנייגט זייני אורען צו די דאזיגי רייד דען פרעה הט פר שטאנן מיט זיין חכמה אז זיי האבן ניט גוט פותר גוועזן די חלומות . אונ פרעה הט צו זיי גזאגט נאך ווס רעט איר צו מיר פאלשקייט וועט איר מיר גוט בשיידן די חלומות איז רעכט און
אוב ניין וועט איר גטייט ווערן :

אונ פרעה הט גבאטן אז מען זאל שיקן רופן אנדרי חכמים הט מען גרופן אנדרי חכמים אונ זענן גקומן אונ האבן זיך גשטעלט פר פרעה . אונ פרעה הט דר ציילט פר זיי די חלומות . האבן די חכמים אוך געענפרט אזו ווי די ערשטי הט פרעה אוף זיי זייער גגרומט אונ האט גצערינט אוף זיי אונ הט גזאגט צו זיי ווס רעט איר צו מיר פאלשקייט . אונ דר מלך פרעה הט גבאטן אז מזאל אוס רופן ווער עס קען פותר חלומות זיין אונ וועט ניט קומן פותר חלום זיין דעם מלכות אוף זיינע חלומות וועט גיטייט ווערן אונ וועלכר עס וועט יוא פותר חלום זיין דעם מלכות אז עס זאל דעם מלכות וואול גיפעלן וועט דעם דאזיגן מענש גיגעבן ווערן פון דעם מלכות ווס ער וועט בגערן . אונ עס זענן גקומן אלע חכמים אונ אלע חרטומים פון מצרים או׳ פון גושן . און פון רעמסס . אונ פון תחפנחס . אונ פון צוען . אונ פון אלי גמארקן פון מצרים אונ האבן זיך אלע גשטעלט פר פרעה אונ אלע שררות אונ אלע בדינרס פון דעם מלך זענן אלע גקומן צו פארין אונ האבען זיך פר אים גזעצט . אונ פרעה הט פר זיי דר ציילט זיינע חלומות אונ אלי האבן זיך פר וואונדרט אוף די חלומות אונ איטליכר בזונדר פון זייא הט גזאגט איין בזונדר בשיידניש אוף די חלומות : איין טייל פון זיי האבן גזאגט דם ווס דוא האסט גיזעהן זיבן גוטי קיא בטייט דאס אז עס וועט דיר ארוים קומן זיבן שרים אונ סוף דייני טעג אונ דם ווס דוא האסט גזעהן די זיבן הארן אין סוף דייני יארן אונ וועלן יעני גובר זיין אונ דם ווס דו האכט גזעהן זיבן גוטע זאנגן מיט די זיבן ליידקי זאנגן בטייט דם אז עס וועט אוף שטיין זובן הארן ווס זיי וועלין ניט זיין קיין שטארקי אונ וועלן גובר זיין יענע זיבן שטארקע הארן אונ איין טייל

פון

פוּן זֵייא הָאבְּן אַזוֹ פּוּתר חָלוֹם גְוֶועֶן דָם וָוס דוּ הָאסְט גְזֶעהְן דִיא גוּטֶע זִיבְּן קִיא מֵיינְט מֶען זִיבֶּן שְׁטֶעט וָוס עֶס אִיז פַּר הַאנֶדְן אִין מצרים אוּן דִי מָאגֶרִי קִיא מֵיינְט מֶען זִיבֶּן שָׂרִים פוּן כנען וֶועלְן קוּמֶן אוּנ וֶועלֶן חרוב מַאכֶן דִיא זִיבֶּן שְׁטֶעט פוּן מצרים אִין סוֹף דַיינִי יָארִין אוּנ דָם וָוס דוּא הָאסְט גְזֶעהְן וַוייטֶר אִין חָלוֹם דִי זִיבֶּן לֵיידִקִי זַאנְגֶן הָאבְּן אֵיין גִישְׁלוּנְגֶען דִי זִיבְּן גוּטִי זַאנְגֶן בַּטַייט דָם אַז דִי מלוכה פוּן מצרים וֶועט זִיךְ אוּם קֶערְן צוּ דַיינִי קִוּנְדֶר אַזוֹ וִוי צוּם עֶרְשְׁטִין אוּנ אַטֵייל פוּן זֵיי הָאבְּן אַזוֹ פּוּתר חָלוֹם גְוֶועֶן דָאם וָוס דוּא הָאסְט גְזֶעהְן אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶן חָלוֹם זִיבֶּן גוּטִי קִיא בַּטַייט דָם אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶן זִיבֶּן מלכים צוּ דַיינֶע זִיבֶּען טֶעכְטֶר אוּנ סוֹף פוּן דֵיינֶע יָארֶן אוּנ דָם וָוס דוּ הָאסְט גְזֶעהְן אַז דִי זִיבְּן מָאגֶרִי קִיא בַּטַייט דָם אַז דֵיינֶע טֶעכְטֶר וֶועלֶן שְׁטַארְבֶּן פַּארִין מלכות לֶעבֶּן אוּנ דָם וָוס דוּ הָאסְט גְזֶעהְן אִין דֶעם אַנְדֶרְן חָלוֹם דִי גוּטֶע זַאנְגֶן בַּטַייט דָם אַז דוּ וֶועסְט הָאבֶּן פֶּערְצִין זוּן זִיבֶּן פוּן זֵיי וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אוּנ זִיבֶּן פוּן זֵייא וֶועלֶן זַיין שְׁלַאף אִין סוֹף פוּן דַיינִי יָארֶן וֶועלְן דַיינִי פֶּערְצֶן זוּן מלחמה הַאלְטֶן וֶועלֶן דִיא זִיבֶּן שְׁלַאפִי זוּן אַיין נֶעמֶן דִיא מלחמה אוּנ אַיין טֵייל פוּן זֵיי הָאבֶּן אַזוֹ פּוּתר חָלוֹם גְוֶועֶן צוּא פרעה אוּף זֵיינֶע צְוֵויי חֲלוֹמוֹת אוּנ הָאבְּן אַזוֹ גְזָאגְט צוּ אִים דָם וָוס דוּ הָאסְט גְזֶעהְן אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין חָלוֹם דִיא זִיבֶּן גוּטֶע קִיא בַּטַייט דָאס אַז עֶס וֶועט גְבּוֹרֶן וֶוערְן צוּ דִיר זִיבֶּן זוּן אוּנ דָם וָוס דוּ הָאסְט גִיזֶעהְן דִי זִיבֶּן מָאגֶרִי קִיא בַּטַייט דָם דוּ וֶועסְט הָאבֶּן זִיבֶּן אֵיינִיקְלֶךְ אוּנ דִי זִיבֶּן אֵיינִיקְלֶךְ וֶועלִין מלחמה הַאלְטֶן מִיט דַיינֶע זוּן אוּנ פרעה הָאט אוֹיס גְהֶערְט דִי רֵייד פוּן אַלֶע חכמים אוּנ פוּן אַלֶע חרטומים אָבֶּר דִי דָאזִיגִי רֵייד אִיז אִים נִיט גְפֶעלֶן אוּנ פרעה הָט גְוִויסְט מִיט זַיין חכמה אַז זֵיי הָאבֶּן נִיט גוּט בַּשֵׁייד דִי חֲלוֹמוֹת וָוארוּם דָם אִיז גְוֶועֶן פוּן גָאט ב"ה אַז אַלֶע זָאלֶן נִיט טְרֶעפֶן דָם בַּשֵׁיידֶנִישׁ פוּן דִי חֲלוֹמוֹת כְּדֵי מֶען זָאל יוסף אַרוֹם נֶעמֶן פוּן דֶער תפיסה אוּנ מֶען זָאל אִים גְרוֹם מַאכֶן אוּנ וִוי פרעה הָט דֶר זֶעהְן אַז דִי חכמים אוּנ דִי חרטומים קֶענֶן נִיט פּוּתר חָלוֹם זַיין הָאט דֶער צָארִין זֵייעֶר גְבְּרֶענְט אִין פרעה אוּנ הָאט גִיבָּאטֶן אַז מֶען זָאל זֵיי אַלִי אַרוֹם טְרַייבֶּן פוּן דֶעם פַּאלֶץ זֶוענֶן זֵיי אַלִי אַרוֹם גְגַאנְגֶן פוּן פרעה

מיט

תם וישר

מיט גרוס בושה און חרפה אונ נאך דעם איז גקומן מרוד פר פרעה אונ האט זיך גבוקט פר אים אונ האט גזאגט צו פרעה דער מלך זאל אייביג לעבן אונ זיין מלוכה זאל ווערן דר גאנצר וועלט אונ הט ווייטר גזאגט אצונד איז שון צוויא יאר אז דער מלך האט גצערינט אוף מיר אונ אוך אוף דעם בעקר הער אונ מען האט אונז ביידע גגעבן אין דער תפיסה אריין אונ דער תפיסה איז אוך גוועזן איין יודעשער קנעכט ביי פוטיפר אונ פוטיפר הט אוף אים גצערינט הט ער אים איין גזעצט אין דער תפיסה אונ דר יודישר קנעכט הייסט מיט זיין נאמן יוסף און דר האט אונז בדינט אין דער תפיסה אונ בשעת מיר זענן גזעסין אין דר תפיסה הט זיך אונז גחלמת איין חלום אין איין נאכט אונ דער פריא איז יוסף צו אונז גקומן הט ער אונז גפרעגט וס זענט איר אזו טרואריג האבן מיר אים געענפרט אז עס האט זיך אונז גחלמת איין חלום אונ קיינר איז ניט דא אז מען זאל אים פותר זיין האט ער אונז פיתר חלום גוועזן . אונ ווי אזו ער הט אונז פותר חלום גוועזן איז אזו גוועזן . אונ אצונד איז מיין עצה אז דר מלך זאל שוקן אונ מען זאל אים ברענגן פארן מלך . אונ ער וועט בוודאי דיר גיט פותר חלום זיין . אונ פרעה הערט צו די דאזיגע רייד אונ הט גבאטן אז מען זאל ברענגן יוסף פאר אים אונ פרעה הט אוך אן גזאגט אז מען זאל אים נישט שרעקן . ווארום אז מען וועט אים איבר שרעקן טאמר וועט ער ניט קענן רעכט ריידן . אונ די קנעכט פון פרעה האבן יוסף אן גיגאלט אונ האבן אים אן גטאן אנדערע קליידר אונ האבן אים גבראכט פר פרעה אונ פרעה איז דענסמאל גזעסין אוף דר קיניג שטול אונ איז גוועזן צו גינארטלט מיט איין גילדנם גארטל . אונ די קרון וס עס איז גוועזן אופן מלך האט זייער גפינקלט מיט דימענטן אונ מיט שמראקן אונ יוסף הט זיך זייער פאר וואונדרט אופן מלך אונ די שטול וס דר מלך איז דרוף גזעסן איז גוועזן בדעקט מיט גאלד אונ זילבר אונ אלרליי איידל גשטיין אונ דיא שטיל איז גוועזן מיט זיבציג טרעפ :

און דר מנהג איז אזו גוועזן אין מצרים וועלכר מענש עס איז גקומן צום מלכות צו ריידן מיט אים איין זאך איז דר מענש גוועזן איין חשובר

איז

איז דער מענש ארוף גגאנגן אוף דיא דרייסיגטי טרעפ פון שטול איז דער מענש גוועזן איין פשוטער איז דר מענש ארוף גגאנגן ביז דרייא טרעפ אונ הט גרעט אונ נאך איין מנהג איז גוועזן אין מצרים וועלכר מענש עס האט גקענט אלי זיבציג לשונות איז ער ארוף גגאנגן גאנץ הוך אונ האט גרעט מיטן מלכות אונ וועלכר מענש ווס עס הט ניט גקענט אלי זיבציג לשונות איז ער ניט ארוף הוך אונ ווי יוסף איז גקומן פארן מלכות הט ער זיך גבוקט ביז צו דר ערד אונ דער נאך איז ער ארוף גגאנגן אוף דער דריטר טרעפ אונ דער מלכות הט גרעט מיט יוסף אונ הט גזאגט צו עס עס האט זיך מיר גחלומט איין חלום אונ קיינר האט מיר ניט צו בשיידן דעם חלום אזו ווי רעכט איז אונ איך הב פריער גרופן אלי מכשפים אונ אלי חכמים האבן זיי מיר ניט בשייד ווי מען בדארף אונ דר נאך האב איך גהערט אז דוא בישט איין גרוסר חכם אונ דו קענסט זייער וואול פותר חלום זיין דרום הב איך גשוקט נאך דיר אונ יוסף האט געענפ"ט צו פרעה אזו צו זאגן אדוני מלך איך בעט זייער צו דר ציילן דעם חלום אונ פון גאט ב"ה קען זיין דם בשיידניש אונ פרעה הט דר ציילט ביידי חלומות פר יוסף דעם חלום פון די קיא אונ אוך דעם חלום פון די זאנגן :

אונ ווי פרעה הט דער ציילט דיא חלומות פר יוסף איז גקומן צו אים דיא גבואה פון גאט ב"ה האט יוסף גוויסט ווס וועט קומען צוא פרעה פון דעם זעלביגען טאג אן אונ ווייטער אונ האט שון גוויסט פון דיא חלומות דם בשיידניש אונ יוסף האט גזאגט צו פרעה דוא זאלסט ניט מיינן אדוני מלך אז דייני חלומות זענן צווי נייארט עס איז נאר איין חלום דען אלץ ווס גאט ב"ה פון דעם הימל בגערט צו טון אונ דעם גאנצן לאנד הט ער גוויזן צום מלך אין חלום אונ דם בשיידניש פון זיין חלום אזו ווי רעכט איז די זיבן גוטי אונ פעטי קיא אונ די גוטע זיבן זאנגן בטייט דם זיבן יאר אונ די זיבן מאגרע קיא אונ די זיבן ליידיגע זאנגן בטייטן דם אוף זיבן יאר נוז עס וועט זיין זיבן יאר נאך אנגדר איין גרוס זעט אין אלי שטעט אונ דער נאך וועט זיין זיבן יאר נאך אנגדר איין גרוס הונגר אונ מ'וועט גאר פאר געסן אז עס איז גוועזן פריער איין זעט אונ דער הונגער וועט פר לענדן די זיצרם פון דעם לאנד :

אונ

תם וישר

אונ נאט ב"ה הט פון דעסט וועגן גוויזן צום מלך צווי ערליי חלומות נאך אננדר דען עס איז שון אן גבריית פר גאט ב"ה אונ אייקט אז די זאך זאל שון זיין אונ אצונד איז מיין עצה כדי עס זאל בשירמט זיין אלי זיצערס פון דעם לאנד פר דעם גרוסען הונגר זאל דער מלכות אוס זוכן איין קלוגן מענשן פון זיין קיניגרייך אונ זאלסט אום מאכן אז ער זאל האבן צו שאפן אוף גאנץ מצרים אונ דר דאזיגר מענש זאל זיך איין זאמלן נאך פיל מענשן אז די מענשן זאלן איין זאמלן פיל קארן אונ די גוטי זיבן יאר כדי דם זאל זיין אוף די זיבן יאר ווס עס וועט זיין דר הונגר אונ אוך זאל דער מלכות גביטן צו זיינם פאלק אז זיי זאלן אוך איין זאמלן קארן איטליכר פון זיין פעלד אונ דאס איז דיין בשיירניש פון דיינע חלומות אזו ווי רעכט איז אונ דם איז מיין עצה אז דוא זאלסט בשירמן אלי דיינע קנעכט אונ דר מלך הט גענפערט צו יוסף אונ האט גזאגט ווער ווייסט אז דו זאגסט אמת · אונ יוסף הט גענפערט צום מלך איך וועל דיר זאגן איין סימן מייני רייד זענן אמת אונ מיין עצה איז איין גוטי עצה נון דיין ווייב גייט צו קינדר אונ זי וועט האבן צו דיר איין זון אונ דו וועסט זיך אין אים פרייען אונ בשעת זי וועט האבן דם קינד וועט שטארבן דיין בכור אונ דו וועסט זיך טרייסטן מיט דעם קינד ווס ער וועט היינט גבארן ווערן צו דיר :

אונ ווי יוסף הט אוס גרעט די דאזגי רייד צום מלכות הט זיך יוסף גבוקט צום מלכות אונ איז אוועק גגאנגן אונ תיכף ווי יוסף איז ארוס גגאנגן פון דעם מלכות האט דעם מלכות ווייב גוויגן איין זון אונ מען הט דעם מלכות איין בשורה גזאגט אז די מלכה הט גוויגן אזון הט זיך דר מלכות זייער גפרייד אונ תיכף וויא מען הט אבשורה גזאגט צום מלכות אז די מלכה האט גוויגען איין זון איז תיכף גשטארבן דער בכור פון דעם מלכות אונ עס איז גווארן איין גרוס גשריי אונ איין פר טומלונג אין דעם פאלץ פון דעם מלכות אונ ווי דער מלכות הט דר הערט דם גשריי הט דר מלכות גזאגט ווס איז פר איין גשריי ווס איך האב גהערט אין מיין פאלץ האט מען אים גענפערט אז דער בכור פון דעם מלכות איז גשטארבן הט שון דר מלכות גיגלובט וואס יוסף הט גזאגט איז אמת אונ דר מלכות הט זיך גטרייסט און דעם זון ווס עס איז גבארן גווארן אזו ווי יוסף הט צו אים גזאגט נאך דעם אז דער מלכות הט גזעהן אז די רייד פון יוסף איז אמת הט דר מלכות גשוקט אז מען זאל איין זאמלן אלי שרות אונ אלי קנעכט וואס עס איז פר האנדן ביי דעם מלכות זענן זיי אלי גקומן פר דעם מלכות אונ דר מלכות הט צו זיי גזאגט נון איר הט גהערט אונ גזעהן אז די רייד פון דעם עברי זענן אמת אונ ווי אראיה אז דר סימן איז אין מיר מקוים גווארן איז דר פון גדרינגן אז דם ווס ער הט בשייר איז דם בוודאי אוך אמת אונ אצונד לאס מיר זיך איין עצה האלטען וואס מיר זאלען טון כדי מיר זאלן ניצול ווערן פאר דעם גרוסען הונגער אונ אוך דאס גאנצע לאנד אונ מיין עצה איז אז מען זאל אים מאכן פר איין מושל ווארום וויא איז דען פר האנדן נאך אזו איין חכם ווי דער עברי דען איר הט גהערט די עצה ווס דער עברי הט איין עצה גגעבן כדי דם לאנד זאל אנטרינן ווערן פארן הונגר אונ

איך

איך ווייס וואול אז דס לאנד וועט אנדרש ניט אנטרונן ווערן פארן הונגר נייארט מיט דר עצה פון דעם עברי :

אונ אלע שררות האבן געענפערט צום מלכות די עצה וואס דער עברי הט געגעבן איז איין גוטי עצה אונ אצונד דם גאנצי לאנד איז ביי דיר אין דר האנט אונ וואס דו ווילסט טוען מעגסטו טון אונ דר מלכות הט צו זיי געזאגט להיות מיר האבן געזעהן די חכמה פון דעם עברי איז מיין עצה אז מען זאל אים מאכן פר איין מושל אין לאנד מצרים אונ די שררות האבן געענפערט צום מלכות אונ האבן געזאגט פר וואר עס שטייט געשריבן אין די אקטין פון מצרים אז מען זאל אנדרש ניט מאכן קיין מלך אודר איין שני למלך ביז ער כוז פריער קענן ריידן פיל פון די זיבציג לשונות אונ אצונד וויא אזו קען זיין דער עברי איין שני למלך אז דער עברי קען בוודאי מער ניט ריידן נאר זיין לשון אבר ניט אונזער לשון נייארט דוא שיק אים רופן אז ער זאל קומן פאר דיר וועסטו אים פרובן אוב ער קען רעדן אונזערי לשונות אונ דער מלכות הט צוא זייא געזאגט אופן אנדערן טאג וועל איך אזו טון אונ ווי עס געווארן טאג הט דער מלכות געשוקט נאך זיינע שררות אונ נאך זיינע קנעכט ווען געקומן אונ האבן זיך געזעצט פארין מלכות אונ דער מלכות הט אויך געבאטן אז מען זאל ברענגן יוסף ווענין דיא קנעכט געגאנגן אונ האבן גיבראכט יוסף פארן מלכות אונ יוסף הט אן געהובן צו ריידן פיל לשונות האבן זייא זיך זייער דרוף געפרייט איז וואול גיפעלן אין דיא אויגן פון דעם מלכות אונ ביא די שררות אז מען זאל מאכען יוסף פר איין שני למלכות אונ דער מלכות הט געזאגט צו יוסף דו האסט מיר איין עצה געגעבן אז איך זאל נעמן איין חכם אונ זאל אים מאכן איין מושל איברן לאנד מצרים כדי ער זאל מאכן אנטרונן דער וויל גאט ב"ה הט דיך געלאזט וויסן די דאזיגי רייד וואס דו האסט גערעט איז ניט פר האנדן אין מיין גאנץ קיניגרייך אזו איין חכם וויא דו ביסט אונ דיין נאמן זאל מער ניט גרופן ווערן יוסף נייארט צפנת פענח אונ דו זאלסט זיין ביי מיר איין שני למלך אונ דורך דיין מויל זאל זיין נאר דו בפעלין פון מיין קיניגרייך אונ דורך דייני רייד זאל מיין פאלק ארוס גיין אונ אריין גיין אונ דורך דיין האנט זאלין מייני שררות אונ מייני קנעכט נעמן זייער שכירות אלי חודש אונ פר דיר זאל זיך ביקן אלי מענשן פון דעם לאנד נייארט איך זאל זיצן אויף מלוכה שטול אונ ער הט אפ גטאן דם פינגערל פון זיין האנד אונ הט דם אן געטאן אויף יוספס האנד אונ דר מלכות הט געלאזט אן קליידען יוסף מיט איין מלכות קלייד אונ הט עם לאזין אן טאן אגילדעני קרון אופן קאפ אונ איין גילדענם האלז באנד אופן האלז אונ דר מלכות הט געבאטן אלי זיינע קנעכט אז מען זאל מאכן רייטן יוסף אויף איין רייט וואגן אונ מען זאל מאכן יוסף ריישן אויף איין גרוס פערד פון דעם מלכות פערד דורך אלע גאסן פון דעם לאנד מצרים אונ אויך הט געבאטן דר מלכות אז מען זאל פריער גיין פר יוסף מיט כלי זמרים אונ עס זאל אויך גיין מיט יוסף פונף טויזנט חיילות לייט מיט זייערי בלוסי שווערדן אונ אויך עס זאל גיין מיט יוסף שררות זייא זאלן זיין אן גיטון אין גון גאלד פון דער רעכטר זייט אונ אויך צוואנציג טויזנט

מענטשן

תם וישר

מענשן זאלן זיין פון דר לונקר זייט אונ צוואנציג מענשן זאלן שרייאן פר אים מיט איין הויך קול אונ זאלן זאגן הט איר דען גזעהן אזוי איין קרוגן מענשן וואס דר מלכות הט אים אום דער וועלט פר איין שני למלך אונ אלי זאכן פון דער מלוכה זאל זיין דורך זיין מויל אונ וועלכר מענש עס וועט ווידר שפעניגן זיין מויל אונ וועט זיך צו אים ניט בוקן צו דר ערד וועט ער גיטייט ווערן ווי איין מורד אונ ווי דיא צוואנציג מענשן האבן אום גירעט די דאזיגע רייד האבן זיך אלי מענשן פון מלכות גבוקט צו אים ביז צו דר ערד אונ האבן גזאגט דר מלכות אונ דר שני למלכות זאל אייביג לעבן אונ אלע איין וואנרם פון מצרים האבן זיך גבוקט צו יוסף אונ האבן זיך גפרייט מיט אלע מינים כלי זמר אונ יוסף הט אויף גהובן זייני אויגן צום הימל אונ האט גזאגט דעם פסוק מקים מעפר דל מאשפות ירים אביון איז טייטש רוא טוסט אויף שטעלין דעם ארום מאן פון דר ערד אונ אויך פון דעם מיסט טוסטו אים דער הייבן גאט ב"ה דו בוסט דר האר פון דר וועלט וואול איז דעם מענשן וואס ער פר זיכרט זיך אין דיר אונ יוסף מיט אלי שררות אונ מיט אלי קנעכט איז אום גפארן גאנץ מצרים אונ אויך האבן זיי אים גפירט צו אלי אוצרות פון דעם מלך אונ יוסף האט זיך אום גקערט אונ איז גקומן דעם זעלביגן טאג פר פרעה אונ דר מלך האט אפ גגעבן צו יוסף פעלדר אונ ויין גערטנר אונ אויך פיל גאלד אונ פיל איידל גשטיין אונ נאך פיל מתנות אונ ווי עס איז גקומן אויפן אנדרן טאג הט דר מלך גבאטן צו אלי איין וואנרם אז זיי זאלן ברענגן מתנות צו יוסף אונ ווער עס וועט ווידר שפעננן דם מויל פון דעם מלך זאל ווערן גישטראפט אונ הט גמאכט איין גרוס חדר אין מיטן מארק אז מזאל אהין ברענגן די מתנות אונ איטליכר מענש פון מצרים הט גבראכט איין מתנה אונ מען הט גבראכט גילדני רינגן און גילדני פינגרליך אונ אלרליי גפעס פון גאלד אונ זולבר אונ אלרליי איידל גישטיין אונ יוסף הט דם צו גנומן אונ האט דם בהאלטן אין זייני אוצרות אונ אלי שררות וואס זענן גוועזן ביי דעם מלך האבן זיי אלע גגעבן גרויסע מתנות צו יוסף אונ דר מלך הט גשיקט צו פוטיפרע דר זון פון אחירם דר האר פון און אז מען זאל נעמן ביי אים דיא קלענסטע טאכטר וואס זיא הייסט אסנת פר איין ווייב צו יוסף דיא יונג פרוא איז גוועזן זייער איין שייני אונ יוסף הט זי גנומן פר איין ווייב אונ דר מלך הט גזאגט צו יוסף איך בין פרעה אונ חוץ דיר זאל קיינר ניט אויף הייבן קיין האנד אודר איין פוס צו טון עפס איין זאך אין מצרים אונ יוסף איז אלט גוועזן אין דר זעלביגר צייט דרייסיג יאר אונ יוסף איז אויף גשטאנן אונ איז אוועק גגאנגן פון פרעה אונ איז גווארן איין שני למלך אין מצרים אונ דר מלך הט גגעבן צו יוסף הונדרט קנעכט אז זייא זאלן בדינן יוסף אין זיין פאלץ אונ יוסף הט נאך זיך גקויפט פיל קנעכט אונ יוסף הט זיך גבויעט זייער איין שיינם אונ איין גרוסן פאלץ אונ דם בויען פון דעם פאלץ הט גוועערט דריי יאר אונ יוסף הט זיך גמאכט זייער איין שייני אונ איין גרויסטיגע שטול פון גאלד אונ פון זולבר אונ פון איידל גשטיין אונ אויף דר שטול איז גוועזן דם גשטאלט פון מאך נילוס

ווס

ווס ער טרונקט אן דם גאנצי לאנד מצרים אונ יוסף איז געזעסן זיכערליך אויף דר דאזיגר
שטול אונ גאט ב"ה הט געמערט צו יוסף נאך מער חכמה אויף זיין חכמה אונ אלע
איין וואונרס פון מצרים אונ אלע קנעכט פון פרעה אונ אלע שררות פון פרעה האבן
זייער ליב געהאט יוסף דען דם איז געוועזן פון גאט אונ גאט ב"ה איז געוועזן מיט
יוסף אונ זיין שם איז געוועזן אופן גאנצן לאנד אינ עס איז געוועזן צו יוסף פערציג טויזנט
מיט זעקס הונדרט חיילות לייט ווס זיי האבן געהאלפן צום מלכות אונ אויך צו יוסף
אונ יוסף האט געגעבן צו זייני חיילות לייב פאנצערס אונ שפיזן אונ אנדרע כלי זיין
אונ דר זעלביגר צייט זענן געקומען דיא מענשן פון תרשיש מלחמה האלטן מיט דיא
ישמעאלים אינ די מלחמה הט גדוערט זייער פיל טעג אונ פון דיא ישמעאלים זענען
נהרג געווארן זייער פיל מענשן האבן די ישמעאלים געשיקט איין בריב צום מלך מצרים
אזו צו זאגן מיר בעטן דיך זייער אז דו זאלסט אונז שיקן דיין חיל כדי
זיי זאלן אונז העלפן פון דיא תרשישים אונ פרעה האט געשיקט יוסף מיט אלע זייני
גבורים צו די ישמעאלים אונ ווי יוסף איז געקומען צו די ישמעאלים הט ער גובר געוועזן
דם חיל פון תרשיש אונ הט בצווינגן אלע שטעט אונ הט דארטן בזעצט די ישמעאלים
אונ יוסף מיט זייני גבורים האבן זיך אום געקערט קיין מצרים אונ ווי עס איז געקומען
דם אנדרי יאר זינט יוסף איז געווארן איין שני למלך הט גאט ב"ה געגעבן איין גרוסי
זעט אויף דר גאנצר וועלט זיבן יאר אזו ווי יוסף הט געזעט אינ הט בפולן אז מען זאל
איין זאפן אלי יאר דם קארן מיט די זאנגן אונ יוסף האט אזו געטון אלע יאר אונ
אלע איין וואונרס פון מצרים האבן אויך איין געזאמלט פיל קארן ביי יארט זיי האבן ניט
אזון געטון ווי יוסף הט געטון אונ אסנת דם ווייב פון יוסף הט געווינן צו אים צוויי זון
איינר הט געהייסן מנשה אונ דר אנדרר האט געהייסן אפרים אונ יוסף איז אלט געוועזן
אין דר צייט פיר אונ דרייסיג יאר אונ די צוויי קונדר זענן דר וואקסן געווארן אונ זענן
געגאנגן אין דעם וועג פון יוסף אונ האבן ניט אפ געקערט פון גוטן וועג אונ גאט ב"ה
איז געוועזן מיט דיא צוויי קונדר פון יוסף אונ הט זיי געגעבן שכל אונ זענן געוועזן קלוג
אין אלי חכמות אונ אלע איין וואוערס פון מצרים האבן געגעבן כבוד צו די צוויי קונדר
פון יוסף אונ זענן דר וואקסן געווארן צווישן די הארן פון דעם מלכות:

אונ ווי די זובן יאר פון דר זעט האבן זיך אום געלאזט האבן זיך אן געהובן די זובן
יאר פון דעם הונגר אזו ווי יוסף הט געזאגט אונ עס איז געוועזן דר הינגר אויף דער
גאנצר וועלט אונ ווי די איין וואונר פון מצרים האבן אויף געעפינט זייערי אוצרות פון
דר תבואה האבן זיי דר זעהן אז דם קארין איז מיט ווערים אונ עס ניצט גאר ניט
אויף עסין אונ זענן געקומען צו פרעה אונ האבן געזאגט גיב צוא דיינע קנעכט עסין אונ
פרעה הט זיי געענטפערט פר ווס שרייעט איר צו מיר אמער יוסף הט איך געזאגט אלע
זובן יאר פון דר זעט אז איר זאלט איין זאמלן קארן אויף די זובן יאר ווס עס וועט זיין
דר הונגר אונ די איין וואונרס פון מצרים האבן געענטפערט צום מלך פר וואר דער מלך
זאל אזו לעבן אז מיר האבן געטון אזו וויא יוסף האט צו אונז געזאגט מיר האבן איין

גזאמלט זייער פיל קארין אונ אז דר הונגר הט זיך אן גהובן האבן מיר גפונן אז דאס קארן איז פיל מיט ווערים אזו איז דער מלך זייער דער שראקן אונ הט גזאגט זיי גייט צו יוסף ווס יוסף וועט אייך זאגן זאלט איר ניט ווידר שפעניגן זייני רייד אונ ווי די איין ווארונם פון מצרים זענן גגאנגן צו עם אונ ווי יוסף הט אום גהערט די רייד פון די מצרים האט ער אוף געפנט זיינע אוצרות אונ הט זיי פאר קופט קארן אונ ער האט גוויסט אז זיינע ברודר מוזן אוך קומן קיין מצרים קופן קארן דען דער הונגר איז אוף דער גאנצר וועלט אונ ער הט גבאטן צו זיינע מענשן אז זיי זאלן אום רופן אין גאנץ מצרים אזו צו זאגן מיטן בפעל פון דעם מלכות אונ פון דם שני למלכות. אז וועלכר מענש ווס עס וועט בדארפן קופן קארן זאל ער ניט שוקן זיינע קנעכט אז זייא זאלן גיין קופן קארן נייארט ער אליין אדר זיינע קונדר אונ יוסף האט גזעצט שומרים בייא דיא טורן פון דר שטאט וועלכר מענש עס וועט קומן פון דער פרעמד קופן קארן זאל מען פר שרייבן זיין נאמן אונ זיין פאטרס נאמן אונ אלי אוף דר נאכט זאל מען ברענגן צו אים די נעמן און ער הט די תחבולות גטאן כדי ער זאל וויסן ווען זייני ברודר וועלן אן קומן קיין מצרים. אונ ווי יעקב הט דר הערט אז עס איז פר האנדן קארן צו פר קופן אין מצרים הט יעקב גרופן זיינע קונדר אונ האט צו זיי גזאגט אז זיי זאלן גיין קיין מצרים קופן קארן אונ די קונדר פון יעקב האבן עס צו גהערט אונ זענן אוף גשטאנן צו גיין קיין מצרים. אונ יעקב הט זיי אן גזאגט אז איר וועט קומן צו דער שטאט מצרים זאלט איר ניט אלי אין איינם אריין גיין אוף איין טור אונ די קונדר פון יעקב זענן אוועק גגאנגן קיין מצרים אונ האבן גטאן אזו ווי זייער פאטר הט זיי אן גזאגט אונ בנימין האט יעקב ניט גשוקט מיט זיינע קונדר דען יעקב האט זיך גטראכט טאמר וועט זיך טרעפן צו עם איין מארד אזו ווי צו זיין ברודר אונ ווי די צעהן קונדר פון יעקב זענן גוועזן אין מיטן וועג האבן זיי זיך דר מאנט אין אים אונ עס הט זיי זייער באנק גטאן וואס זיי האבן גטאן אונ האבן גזאגט איינר צום אנדרן מיר ווייסן וואול אז אונזער ברודר יוסף הט גנידערט קיין מצרים וועלן מיר אים זוכן אונ אוב מיר וועלן אים גפונן וועלן מיר

אים

עם אוים לייזן ביי זיין הארן אונ אוב זיין האר וועט אבער ניט וועלן אז מען זאל יוסף ביי אים אוים לייזן וועלין מיר מיט גוואלט אפ נעמן פון דעם הארן אפילו מיר זאלן אלי געטייט ווערן אונ אזו האבן זיי איין עצה גהאלטען אז זיי זאלן מציל זיין זייער ברודער יוסף פון זיין הארן אונ זענען גגאנגן קיין מצרים אונ וויא זיי זענען גקומען נאהענט פון דער שטאט מצרים האבען זיי זיך אפ גשייט איינער פון דעם אנדערן אונ איטליכר איז אריין גגאנגן קיין מצרים אויף איין בזונדרין טויער. אונ איטליכר ממונה וואס ער איז גשטאנן ביי דעם טויער הט פר שריבן דעם נאמן אונ אוף דר נאכט הט דר ממונה גבראכט די נעמן צו יוסף אונ ווי יוסף איז גוואר גווארן אז זיינע צעהן ברודער זענען גקומן קיין מצרים דורך צעהן טוערן האט יוסף גבאטן אז מען זאל אום שרייאן אין גאנץ מצרים אז מען זאל פאר שלוסן אלי אוצרות פון דעם קארען נאר איין אוצר זאל זיין אופן אונ די ממונים פון די אוצרות האבן אזו גטון ווי יוסף הט גבאטן אונ יוסף הט גגעבן די נעמן פון דיא ברודער צו דעם ממונה ווס זיין אוצר איז גוועזן אופן אונ יוסף הט דעם ממונה אן גזאגט וועלכר מענש ווס וועט קומן קופן קארן זאלסטו פרעגן ווי ער הייסט אונ אוב עס וועט קומן צו דיר די מענשן ווס זיי הייסן אזו אונ אזו זאלסטו זיי שיקן צו מיר אונ דער ממונה הט אזו גטון אונ די קונדר פון יעקב ווי זיי זענן אן גקומן קיין מצרים האבן זיי זיך איינגזאמלט אין איינעם כדי זיי זאלן גיין זוכן זייער ברודר יוסף אונ זיינע ברודר זענן גגאנגן אונ האבן אים גזוכט דריי טעג אונ דר מענש ווס ער איז גוועזן דר ממונה אובר דעם אוצר ווס ער איז גוועזן אופן הט גזוכט די נעמן ווס יוסף האט אום גגעבן אונ הט ניט גפינן אפילו איין מענש זאל אזו הייסן פון די נעמן ווס יוסף האט גגעבן אים איז דר ממונה גגאנגן צו יוסף אונ הט אים גזאגט עס איז שון דריי טאג אז דו האסט מיר גגעבן די נעמן אונ עס איז קיינער ביי מיר ניט גוועזן האט יוסף גשיקט זייני קנעכט אז מען זאל אפ זוכן זייני ברודר אונ מען זאל זיי ברענגן פר יוסף אונ זייניע קנעכט זענן גגאנגן זוכן אין מצרים האבן זיי ניט גקענט גפונן אונ דר נאך זענן די קנעכט גגאנגן קיין רעמסס זענן זיי אוך ניט גוועזן אונ דר נאך זענן די קנעכט גגאנגן קיין גושן זענן זיי אוך ניט גוועזן

אונ

תם וישר

אונ די קנעכט זענן גקומן צו יוסף אונ האבן צו אים גזאגט מיר האבן גזוכט די דאזיגי מענשן אונ מיר האבן זיי ניט געקענט גפונן אונ יוסף האט גמערט אונ האט נאך איין מאל גשיקט זעכצן קנעכט אז זיי זאלן גיין אפ זוכן די דאזיגע מענשן אונ האבן זיך צו שפרייט אוף אלע פיר זייטן פון מצרים. אונ האבן גפונן די דאזיגע מענשן. האבן דיא קנעכט גזאגט צו די קונדר פון יעקב דר שני למלך רופט אייך אונ ווי זיי זענן גקומן צום שני למלך האבן זיי זיך גבוקט צוא אים אונ יוסף איז גוועזן אין שיינם פאלץ אונ איז גזעסן אוף דער שטול אונ איז גוועזן אן גטון אין קיניגליכע קליידער אונ די גולדענע קרון איז גוועזן אוף זיין קאפ אונ פול שררות זענן גזעסן ארום אים אונ וויא דיא קונדר פון יעקב האבן דר זעהן דעם שני למלך האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט אוף דעם שיינעם גשטאלט ווס דר שני למלך האט אונ האבן זיך נאך איין מאל גביקט צו אים אונ ווי יוסף האט דר זעהן די ברודר האט יוסף זיי דר קענט אונ זיי האבן אים ניט דר קענט אונ יוסף האט אן גהובן צו ריידען מיט זייא אונ האט גזאגט פון וואנען קומט איר אן האבן זיי געענפרט מיר קומן אן פון לאנד כנען צו קופן קארן ביי דעם שני למלך דען עס איז ביי אונז זייער איין גרוסר הונגר אונ יוסף האט צוא זייא גזאגט אוב עס איז אמת וואס איר זאגט נאך ווס זענט איר אריין גגאנגן קיין מצרים אוף צעהן טויערן אז עס קען אנדרש ניט זיין נאר איר זענט גקומן אום שפעהן דם לאנד אונ זיי האבן אין איינם געענפרט צו יוסף אונ זאגן ניין אונזער הער מיר זענן ערליכע מענשען מיר זענן קיין מאל ניט גוועזן קיין אויס שפעהערם נייארט מיר זענן גקומן קופן קארן דען מיר אלי צעהן מענשן זענן ברודר פון איין פאטר האט אונזר פאטר אונז אן גזאגט בשעת איר וועט קומן קיין מצרים זאלט איר ניט אריין גיין קיין מצרים דורך איין טויער:

אונ יוסף האט צו זיי נאך איין מאל גזאגט היינט זעה איך ווס איך האב גזאגט איז אמת אז איר זענט אויס שפעהערם פאר וואר ווער עס קומט קויפן קארן קופט ער תיכף דעם קארן אונ גייט זיך אוועק אין זיין וועג אונ איר זענט שון פון דריי טעג גקומן קיין מצרים אונ איר קופט ניט קיין קארן מוזט איר בוודאי זיין אום שפעהערם אונ זיי האבן ווייטר געענפרט צו יוסף חלילה ווהס צום הארן צו ריידן אזעלכי רייד דען מיר זענן גוועזן צוועלף ברודר צו אונזר פאטר יעקב ווס אונזר פאטר איז דר זון פון יצחק אונ יצחק איז גוועזן דר זון פון אברהם העברי. אונ אצונד איז דר יונגסטר מיט אונזר פאטר אין לאנד כנען אונ איינר איז פר פאלן גווארן פון אונז האבן מיר זיך גטראכט טאמר איז ער דא דרום האבן מיר אים גזוכט אונ יוסף האט ווייטר צו זיי גזאגט האט איר אים דען גזוכט אוף דר גאנצר וועלט אונ אצונד קומט איר אים זוכן אין לאנד מצרים אונ זיי האבן ווייטער געענפרט מען האט אונז גזאגט אז דיא ישמעאלים האבן אים גפירט קיין מצרים אונ האבן אים פר קופט פר איין קנעכט אונ אונזר ברודר איז גוועזן זייער איין שיינר פרשון האבן מיר גטראכט טאמר האט אים איין שררה גקופט פאר איין קנעכט דרום האבן מיר אים גזוכט אין די הייזר טאמר וועלן מיר אים גפונן וועלן מיר אים אוס לייזן אונ יוסף האט גזאגט מער צו זיי נאך ווס בדארפט איר זאגן אזו איין גרוסען ליגען אונ איך שווער

אזו

אזו ווי דער מלך לעבט אז איר זענט אום שפעהערס דרום זענט איר גנאנגען אין די הייזר כדי מען זאל אייך ניט קענען געפונען אונ יוסף זאגט ווייטער צו זיי אוב איר ווערט אים יוא געפונען אונ מען וועט וועלען פר אים איין אוצר געלט צו וועט איר געבען פר אים האבען זיי אים געענטפערט מיר וועלען פר אים געבען ווי פיל מען וועט וועלען אונ יוסף האט ווייטער צו זיי געזאגט טאמער וועט מען ניט וועלען אים אפ געבען צו אייך אפילו פר איין אוצר געלד האבען זיי אים געענטפערט אז מען וועט ניט וועלען אים אפ געבען צוא אונז פאר אום לייזונג געלד וועלען מיר אונזער ברודער דאך אפ נעמען אונ וועלען אהיים גיין אונ יוסף האט ווייטער צו זיי געזאגט דאס איז אמת וואס איך זאג אז איר זענט אום שפעהערס אונ איר ווילט צווינגען די מענשען פון דעם לאנד מצרים דען איך האב געהערט אז צווייא מענשען פון אייך האבען חרוב געמאכט שכם אובער אייער שוועסטער אצונד ווילט איר אזו טון צו דעם לאנד מצרים אובער אייער ברודער. יוסף זאגט ווייטער צו זיי מיט דעם וועל איך וויסען אז איר זענט ערליכע מענשען אז איר וועט אוועק שיקען איינעם פון אייך ער זאל ברענגען דעם יונגסטען ברודער אהער צו מיר אונ אז איר וועט אזו טון וועל איך וויסען אז איר זענט ערליכע מענשען אונ יוסף האט גרופען זיבציג גבורים פון זיינע גבורים אונ האט געזאגט צו זיי נעמט די דאזיגע מענשען אונ ברענגט זייא אין דער תפיסה אריין אונ דיא זיבעציג גבורים האבען גנומען די צעהן מענשען אונ האבען זיי איינגזעצט אין דער תפיסה דרייא טעג אונ ווי עס איז געקומען פר נאכט פון דעם דריטען טאג האט יוסף געהייסען אז מ'זאל זיי ארויס לאזען פון דער תפיסה אונ מען זאל זיי ברענגען צו עם אונ יוסף האט צו זייא געזאגט אז איר וועט דם טון וועל איך וויסען אז איר זענט ערליכע לייט אונ איר וועט בלייבען לעבען איינער פון אייך זאל בלייבען דא אין דר תפיסה אונ איר אלע גיין מענשן נעמט אייך אן קארען אונ גייט אהיים צום לאנד כנען אונ איר זאלט מיר ברענגען אייער יונגסטען ברודער אונ אז איר וועט מקיים זיין מייני רייד וועל איך וויסען אז איר זענט ווארהאפטיגע לייט אונ יוסף איז אוועק גגאנגען אין איין חדר אריין אונ האט דארטען געוויינט איין גרוס געוויין דען ער האט זיך זייער דר באריעמט אויף זיי אונ דר נאך האט יוסף זיך אן געוואשט דם פנים אונ איז אריין געקומען צו זיי אונ האט געהייסען אז מען זאל נעמען שמעון אין דר תפיסה אריין אונ די גבורים האבען געאיילט אונ האבען אן גנומען שמעון דר וויל האט שמעון אגשריי געטון האט מע דם געהערט אין פיל גאסען ווען די זיבציג גבורים אנטלאפען געווארען איז מער ניט אובער געבליבע אי' שטוב נאר יוסף מיט זיין זון מנשה אונ ווי מנשה האט דר זעהן די גבורה פון שמעון האט אין מנשה זייער גגרוסט דר צארען איז מנשה אויף געשטאנען אונ האט מיטען פוסט דר לאנגט איין זעץ אובער דעם ריקען פון שמעון איז שמעון געשטילט געווארען אונ מנשה האט געבונדען שמעון אונ האט אים געבראכט אין דער תפיסה אונ אלי קינדר פון יעקב האבען זיך פר וואונדרט אויף דר גבורה פון מנשה האט שמעון געזאגט צו זייני ברודר דם שלאגען שיינט פון אונזער פאטערס הויז געזונד. אונ דר נאך האט יוסף געבאטען אז מען זאל אן שיטען זייערע זעק מיט קארען אונ דם געלט פאר'ן קארען זאל מען אויך אריין לייגען אין זייערע זעק אונ מען זאל מיט געבען שפייז אויפען וועג: אונ יוסף האט זייא אן געזאגט קמען השם אז איר זאלט מיט ברענגען אייער יונגסטען ברודער צו מיר

אונ

אונ זענן דר נאך אוועק גגאנגן צום לאנד כנען צו זייער פאטר . אונ ווי זיי זענן גקומן אוף איין הארבריג הט לוי אוף געפנט זיין זאק הט ער גפונן אין זאק דם געלט וום זיי האבן אפ גוואונן צו יוסף פארן קארן . אונ זיי אלי האבן זיך זייער דר שראקן אונ האבן גזאגט וום איז דם וואס גאט ב״ה הט צו אונז גטאן אונ אצונד וועט מען אין מצרים אוף אונז מאכן גרוסי בלבולים . אונ יהודה הט צו זיי גזאגט פר וואר מיר זענן יוא שולדיג אונ מיר האבן גזינדיגט צו גאט ב״ה מיט דעם וואס מיר האבן פר קופט אונזר ברודר אונ ראובן הט צו זיי גזאגט פר וואר איך האב אייך גזאגט אז מיר זאלן ניט זינדיגן מיט דעם קונד אונ איר הט מיך ניט גוואלט צו הערן אצונד פארשט גאט ב״ה פון אייך זיין בלוט . אונ זיי האבן אובר גנעכטיגט אוף דעם דאזיגן אורט ווי זיי האבן דם געלט גפונן אונ וויא עס איז טאג גווארן האבן זיי ארוף גלייגט דעם קארן אוף די אייזלען אונ זענן גגאנגן ביז צו דעם לאנד כנען צום פאטער . אונ וויא זייא זענן גקומען צו דעם פאטר איז דר פאטר ארוס גגאנגן אקעגין זיי האט ער דער זעהן אז זיין זון שמעון איז ניט פרהאנדן מיט זיי הט יעקב גזאגט צו זיי ווי איז אייער ברודר שמעון וום איך זעה אים ניט האבן די קונדער צו אים דער ציילט וום עס הט זיך צו זייא גטראפען אונ ווי זיי זענען גקומן אין זייערע הייזער אריין האבען זיי געפינט זייערע זעק האבן זיי דר זעהן אז דם גאנצע געלט איז פרהאנדן האבן זיי זיך זייער גפארכטן אונ אוך זייער פאטר . אונ יעקב הט צו זיי גזאגט וום איז דם וום איר הט צו מיר גטון איך האב צו אייך גשיקט מיין זון יוסף ער זאל זעהן דם פריד פון אייך האט איר מיר גזאגט איין בייזע חיה האט אים אוף גגעסן איז שמעון גגאנגן מיט אייך קופן קארן ענפערט איר אז דר שני למלך האט אים גבונדען אונ האט אים אין דער תפיסה אריין גזעצט אונ אצונד ווילט איר נאך נעמן בנימין כדי איר זאלט אים אוך טייטן אונ איר וועט מאכן נידרן מיין גרייזקייט אין גרוב אריין אובר בנימין אונ יוסף אונ אצונד זאג איך אז מיין זון בנימין וועט ניט גיין מיט אייך דען זיין ברודר איז גשטארבען אונ ער איז אליין מיר אובר גבליבן אונ אוב ער וועט גיין מיט אייך וועט זיך אים אוך טרעפן אזוא

ווי צו זיין ברודר הט זיך גטראפן אונ ראובן הט גזאגט צום פאטער גיב אויף מיר בנימין אונ אויב איך וועל ניט אפ ברענגען בנימין צו דיר זאלסטו טייטן מייני צוויי זון . אונ דער הונגער איז גווארן אלע מאל גרעסער אונ אלע מענטשן פון דעם לאנד כנען פלעגן גיין קיין מצרים קופען קארן אונ דער קארן ווס די קונדער פון יעקב האבן גבראכט פון מצרים הט גדוערט צוויי חדשים מיט עטליכע טעג אונ וויא דר קארן איז אוס גגאנגן זענן זיי גווארען הונגריג זענן גקומן דאס הוז גזונד פון יעקב אונ דאס קליין גזונד צו יעקב אונ האבן אים. ארום גרינגלט אונ האבען גזאגט צו אים גיב אונז עסין פאר ווס זאלן מיר שטארבן פאר דיינע אוגן אונ ווי יעקב האט גהערט די רייד פון קליינע קונדער האט ער גוויינט איין גרוס גוויין אונ האט זיך זייער דר בארימט אובר זייא האט יעקב גרופן זיינע גרוסע קונדר זענן זיי גקומן אונ האבן זיך גזעצט פר אים הט יעקב צו זייא גזאגט זעהט איר דען ניט דיא קליינע קונדר ויינן אונ זענן הונגריג אונ פר ווס גייט איר ניט קופן קיין קארן הט יהודה געענפרט אונ גזאגט צום פאטר וועסטו שיקן מיט אונז דיין זון בנימין וועלן מיר גיין קיין מצרים. נאך קארן אונ אויב דוא וועסט ניט שיקן מיט אונז דיין זון בנימין וועלן מיר ניט גיין קיין מצרים דען דער שני למלך האט אונז אן גזאגט אז מיר זאלין ניט קומען אן אים אונ דער שני למלך איז זייער איין גרוסער גבור אונ איין גרוסר חכם אונ אזו איין גלייכעניש וויא ער איז ניט פר האנדן אויף דער וועלט אונ אלע שרים ווס זענן ארום מצרים טוען אן אים קיין שום זאך ניט אונ אויך בשעת מיר זענען אוועק גגאנגען פון אים האבען מיר זיך גטראכט ווי מיר האבן גטון צו דיא שטעט פון אמורי אונ דר צארן האט גברענט אין אונז וואס ער האט אונז חושד גוועזן אז מיר זענן אוים שפעהערם אבער אז מיר זענען נאך איין מאהל גקומען צו אים איז אויף אונז גפאלען איין גרוסער פחד אונ מיר האבען ניט גקענט ריידן צוא אים אפילו איין ווארט אונ אצונד אונזער ליבער פאטער שיק מיט אונזר ברודר בנימין וועלן מיר גיין קיין מצרים נאך קארן צו איין דער גערונג אונ מיר וועלן ניט אוים שטארבען פאר גרוים הונגער

אונ

און יעקב הט צו זיי גזאגט פר וואס הט איר מיר איבל גטאן מיט דעם
וואס איר הט גזאגט צום שני למלך אז איר הט נאך איין יונגסטן ברודר
און יהודה הט געענפרט צום פאטר יעקב גיב דאך בנימין אין מיין האנט
און מיר וועלן גיין קיין מצרים און אוב איך וועל קומן פון מצרים אן
עם וועל איך זיין איין זינדיגר צו דיר אלע מייני לעבן טעג און האטטן
דען ניט געזעהן אז אונזרי קליינע קינדר וויינן ווארום זיי זענן הונגריג און
אצונד זאל דר היצט ווערן דיין דר בארימקייט אויף זיי און זאלסט שיקן
דעם יונגסטן זון מיט אונז און טוא תפלה צו גאט ב"ה אויף אונז אז גאט
ב"ה זאל טון מיט אונז חסד אז מיר זאלן געפונן חן ביי דעם שני למלך
מיט זיינע מענשן און מיט דעם וואס מיר זאמין זיך אזו לאנג מיט דעם
וואס מיר ריידן מיט דיר וואלטן מיר שון געקענט צווייא מאל זיך אום קערין
פון מצרים מיט דיין זון בנימין און יעקב הט געזאגט צו זייני קינדר איך
וועל מיך פר זיכרן אין גאט ב"ה ער וועט אייך מציל זיין און גאט
ב"ה וועט אייך געבן חן אין די אויגן פון דעם שני למלך און אויך ביי
אלי זיינע מענשן און אצונד שטייט אויף און נעמט איין מתנה וואס עס
געפינט זיך אין דאזיגן לאנד און ברענגן עס פר עם און דר אלמעכטיגר
גאט זאל אייך געבן צו איין דר בארימקייט פר עם און ער זאל מיט
אייך שיקן בנימין מיט שמעון אייער ברודר און דיא קינדר פון יעקב
זענן אויף געשטאנן און האבן גנומן זייער ברודר בנימין און פון דעם
בעסטין געווערץ פון דעם לאנד כנען און אויך פיל זולבר און יעקב
הט אן געזאגט צו זיינע קינדר אז זייא זאלן אפ היטן בנימין אויפן
וועג און זייא זאלן זיך ניט אפ שיידען פון עם אויפן וועג און אויך
אין מצרים און יעקב איז אויף געשטאנן און הט פר שפרייט זייני הענט
צו גאט ב"ה תפלה צו טוען און האט געזאגט גאט מיין גאט וואס דוא
ביסט דר גאט פון דעם הימל און פון דר ערד גידענק דאס זיכרהייט
וואס דוא האסט פאר זיכרט צו מיין עלטר פאטר אברהם און אויך צו
מיין פאטר יצחק אז דו זאלסט טון גינאד צו מיינע קינדר און זאלסט
זיי ניט איבר ענפערן אין די הענט פון די מצרים גאט ב"ה טוא דם
פון וועגן דיין דער בארימקייט און זיי מציל פון די מצרים און אויך

דם הוז גזונד פון יעקב האבן אוף גהובן זייערי אויגן צו גאט ב"ה און האבן גוויינט און גשרוגן אז גאט זאל מציל זיין זייערי עלטרין פון די הענד פון מצרים . און יעקב הט גשרובן איין בריב צום שני למלך פון מצרים און הט גגעבין צו יהודה מיט זייני ברודר . אין דעם בריב איז אזו גשטאנן גשריבן פון מיר דיין קנעכט יעקב דר זון פון יצחק און מיין פאטר יצחק איז דער זון פון אברהם העברי שרייב איך צו דעם בערימטן שליט ווס ער איז שטארק און מעכטיג און קלוג דם שני למלך פריד און זעגן און דר האר ווייכט אז דר הונגר הט זיך זייער גשטארקט אין לאנד כנען האב איך גשוקט מייני קונדר אז זיי זאלן גיין קופן קארן אין מצרים כדי מיר עפים דר נערין און איך בין זייער אלט און איך קען שון גאר ניט זעהן מיט מייני אויגן און איך וויין אלי טאג פר טאג אוף מיין זון יוסף ווס ער איז פר פאלן גיווארן פון מיר איך הב אן גזאגט צו מייני קונדר בשעת אז זיי וועלן קומן קיין מצרים זאלן זיי ניט אריין דורך איין טויער און אוך האב איך זיי אן גזאגט אז זיי זאלן גיין זוכען מיין זון יוסף אין מצרים טאמר וועלן זיי עם גפונן און זיי האבן גטון ווי איך האב אן גזאגט אצונד הט מען זיי גמאכט פר אום שפערם פר וואר איך האב גהערט אז דר האר איז איין גרוסר חכם און פאר וואס זאל מען ניט פר שטיין צו זענן זיי אום שפערם און אוב ניין און אוך האב איך גיהערט אז דר האר הט פותר חלום גוועזן צו פרעה און האט עם מודיע גוועזן אז עם וועט זיין איין הונגר און פר ווס זאל כבודו ניט פר שטיין מיט זיין חכמה אז מייני קונדר זענן ניט אום שפיערם און אצונד מיין האר איך שיק מיין יונגסטן זון אזו ווי דו האסט בעפולן צו מיינע קונדר און אצונד בעט איך דיך זייער אז דו זאלסט טאן דיינע אויגען אוף מיין יונגסטן זון ביז ער וועט זיך אום קערן מיט פריד צוא מיר מיט זיינע ברודר און דוא ווייסט וואול און האסט גהערט וואס אונזער גאט הט גטאן צו ליב מיין עלטר פאטער אברהם און מיין פאטער יצחק אז דיא גבורה פון גאט ב"ה איז תמיד מיט אונז און גאט ב"ה הערט תמיד צו אונזרע תפילות און ער פאר לאזט אונז קיין מאל ניט און אוב מען וועט שלעכין טון מייני קונדר וועל איך רופן צו גאט ב"ה .

און

תם וישר

און אצונד גייט מיין זון בנימן מיט זייני ברודר צו דיר בעט איך דיך אז מען זאל עם ניט טון קיין שלעכץ און זאלסט עם אפ שיקן מיט זיינע ברודר צו מיר מיט פריד. און דר פר וועט גאט דיין גדולה און כבוד פר גרעסרן און אריכת ימים וברכה להדר כבודו שענקן. און יעקב הט געגעבן די דאזיגע בריב צו יהודה אז ער זאל זי אפ געבן צום שני למלך פון מצרים און. די קונדר פון יעקב זענן אוף גשטאנן און האבן גנומן זייער ברודר בנימן און אוך די מתנה און זענן גגאנגן קיין מצרים און ווי זיי זענן גקומן קיין מצרים זענן זיי גגאנגן צום שני למלך און האבן זיך גשטעלט פר עם. און ווי יוסף הט זיי דר זעהן מיט זיין ברודר בנימן הט ער זיי געגעבן שלום און יוסף הט גבאטן אז מען זאל מאבען איין מאל צייט און עס איז גוועזן מיטאג צייט האט יוסף גשיקט אז מען זאל ברענגן פר עם בנימין. האבן די מענשן וואס זענן גוועזן אין שטוב ביי יוסף דר ציילט אז יעקבס קינדר האבן אפ געגעבן דס געלד ווס זיי האבן גפונן אין די זעק הט יוסף געענפערט צו די מענשן זאגט זיי לאזן זיי גאר קיין מורא ניט האבן דס געלט איז ניט מיינס זייער גאט הט זייא געגעבן דס געלט. און יוסף הט אוס גיצוגן שמעון. איז שמעון גקומן פר די ברודר און הט גזאגט צו זיי דר שני למלך הט גטאן צו מיר פיל גוטס דען תיכף ווי איר זענט אוועק גגאנגן פון מצרים הט ער מיך אוף גבינדן און הט מיך ארוס גנומן פון דר תפיסה. און יהודה האט אן גנומן זיין ברודר בנימן און הט עם גבראכט פר יוסף און יהודה מיט בנימן האבן זיך גבוקט צו עם און דר נאך האבן זיי עם געגעבן די מתנה ווס זיי האבן גבראכט פון דעם פאטר און יוסף הט גזאגט צו זייא איז פריד צו אייערי קונדר איז פריד צו אייער פאטר האבן זיי געענפרט צו אים עס איז אלדונג מיט פריד. און יהודה הט ארוס גנומן די ברוב און הט געגעבן צו יוסף אין דר האנט און יוסף האט איבר גליינט דיא ברוב הט ער דר קענט אז דס כתב איז פון זיין פאטר און יוסף האט זיך ניט גקענט אוף האלטן און איז גגאנגן און איין חדר און הט גוויינט איין גרוס גוויין און בנימן הט גנעהנט צו יוסף הט יוסף ארוף גלייגט זייז האנט אוף בנימנס קאפ און יוסף הט גזאגט נאט ב"ה זאל דיך לייט

זעליגן אונ יוסף הט גזאגט אז מען זאל לייגן ברוט צום טיש . אונ יוסף הט גהאלטן איין בעכר אין דר האנט וואס ער הט מיט דעם גיטרונקען אונ דר בעכר איז גוועזן פון גוט זולבר אונ עס איז גוועזן אריין גזעצט אין דעם בעכר זייער טייערי שטיינדליך אונ יוסף האט איין זעץ גטאן מיטן בעכר אין זיין האנט בשעת זייא האבן זיך גזעצט עסין אונ יוסף הט גזאגט צו די ברודר איך וייס וואול מיט דעם בעכר ווער עס איז צווישן אייך איין בכור . אונ ראובן איז דר בכור אונ שמעון אונ לוי אונ יהודה אונ יששכר אונ זבולן זענן פון איין מוטר וזט יוסף זייא גזעצט ווי זיי זענן גבארן גווארן . אונ די איבריגע הט ער אויך גזעצט ווי זיי זענן גבארן גווארן . אונ יוסף הט צו זיי גזאגט אייער קליינר ברודר הט ניט קיין ברודר פון זיין מוטר אונ איך האב אויך ניט קיין ברודר פון מיין מוטר לאז ער זיך זעצן מיט מיר עסין אונ בנימן איז אויף גגאנגן צו יוסף אונ הט זיך גזעצט מיט יוסף אויף דר שטול אונ די ברודר פון יוסף האבן זיך פר וואונדרט דרוף אונ די ברודר האבן גגעסן מיט יוסף אין דער זעלביגר צייט אונ יוסף הט זיי גגעבן צו איטליכן פון זייני ברודר איין מתנה אונ צו בנימן האט ער אויך גגעבן איין מתנה אונ אפרים איין מתנה אונ מנשה איין מתנה אונ אסנת דס וייב פון יוסף האט אויך גגעבן צו בנימן איין מתנה הט בנימן גהאט פינף מתנות אונ יוסף הט זיי גגעבן ויין אז זיי זאלן טרונקן האבן זיי ניט גוואלט טרונקן אונ האבען צו עם גזאגט זינט יוסף איז פר פאלן גווארן טרונקן מיר ניט קיין ויין אונ מיר עסן ניט קיין גוט עסן . אונ יוסף האט זייא בשווארן אונ הט זיך גשטארקט אויף זייא האבן זייא גמוסט טרונקן ויין אונ האבן מיט עם גטרונקן דעם זעלביגן טאג איין גאנצן טאג :

אונ דר נאך הט יוסף גיפרעגט צו בנימן האסטו עפיס קונדר הט בנימן גיענפרט איך האב צעהן קונדר אונ אזו הייסן זיי בלע אונ בכר אונ אשבל אונ גרא אונ נעמן אונ אחי אונ ראש אונ מפים אונ חופים אונ ארד איך האב זיי אלי אזו גרופן אויף דעם טרעפונג וואס עס הט זיך גטראפן צו מיין ברודר יוסף אונ יוסף האט גזאגט צו בנימן אז איך בין דיין ברודר יוסף נייארט דו זאלסט ניט מגלה זיין די זאך צו דיינע ברודער

איך

איך וועל דיך מיט זיי אוועק שיקן אונ דר נאך וועל איך הייסן אז מען זאל ווידר קערין דיך מיט דייני ברודר קיין מצרים אונ איך וועל דיך אוועק נעמן פון זיי וועל איך זעהן אוב זיי וועלן מלחמה האלטן מיט מיר דר פר וואס איך האב דיך צו גנומן ביי זיי וועל איך וויסן אז זייא האבן חרטה אויף דעם וואס זיי האבן מיר גטאן אונ דר נאך וועל איך זיך צו זיי דר קענן אונ אוב זיי וועלן דיך פר לאזין וועסטו זיצן דא אונ זיי וועל איך אוועק שיקן אונ וועל מיך ניט דר קענין אונ יוסף האט גהייסן אז מען זאל ווייטר דם געלט אריין טאן אין זאק אונ דעם גוטן בעכר וואס איך האב זאל מען אריין לייגן אין דעם זאק פון בנימין אונ מען זאל זיי מיט געבן שפייז אויפן וועג אונ וויא עס איז גקומן אויפן אנדרן טאג אין דר פריא זענן דיא ברודער פון יוסף אויף גשטאנן אונ האבן ארויף גלייקט זייערי זעק אויף דיא אייזלן אונ האבן גנומן זייער ברודר בנימן אונ זענן אוועק גגאנגן אין זייער וועג צום לאנד כנען אונ וויא זיי זענן ניט גוועזן ווייט פון מצרים האט יוסף גזאגט צו זיין הויף מיינסטר אייל אונ גיי געך צו די עליף מענשן וואס זענן ניט לאנג אוועק גגאנגן. אונ זאלסט זאגן צו זיי נאך וואס האבן זיי גגנבת דעם גוטן בעכר פון דעם שני למלכות. אונ דר הויף מיינסטר איז אויף גשטאנן אונ איז זיי נאך גלאפן אונ האט זיי אן גיאגט אונ האט צו זיי גזאגט אזו ווי יוסף האט אים אן גזאגט. אונ ווי זיי האבן דר הערט די דאזיגע רייד האט דר צארן גגרומט אין זיי אונ האבן גזאגט צום הויף מיינסטר ביי וועמן מען וועט געפונן דעם בעכר זאל ווערן גטייט אונ מיר אלי זאלן זיין קנעכט צום שני למלכות אונ האבן גזוכט אין אלי זעק. האט מען גפונן דעם בעכר פאר שטעקט אין דעם זאק פון זייער ברודר בנימן. אונ ווי די ברודר האבן דר זעהן אז מען האט גפונן דעם בעכר אין דעם זאק פון בנימן האבן זייא צו ריסן זייערי קליידר אונ האבן זיך אום גקערט קיין מצרים. אונ בשעת זייא זענן גגאנגן אויפן וועג האבן זיי גשלאגן זייער ברודר בנימן ביז זיי זענן גקומן קיין מצרים. אונ ווי זיי זענן גקומן קיין מצרים זענן זיי תיכף גגאנגן צו יוסף אונ האבן זיך פר אים גשטעלט אונ דר צארן האט זייער גגרומט אין יהודה אונ האט גזאגט צו עס אז ווי גאט ב"ה לעבט אז דם וואס דו האסט

אונז

אונז אום געקערט קיין מצרים כדי מיר זאלן פר וויסטן די שטאט מצרים . אונ ער איז געזעסן אוף דר שטול אונ זייני גבורים זענן געשטאנן לעבן אים אונ ער הט גזאגט פר וואס הט איר ביי מיר איוועק גגנבת דעם גוטן בעכר אונ איר זענט מיט אים אוועק גגאנגן . ניי ערט איך וייס וואול נאך וואס איר הט נגנבת דעם בעכר כדי איר זאלט מיט דעם בעכר קענן ערפארן ווי אייער ברודר יוסף איז . אונ יהודה הט גזאגט צו עם וואס זאלן מיר זיך גרעכט מאכן אז גאט ב״ה צערינט היינט אוף אונז דרום הט ער אונז דס צו גשוקט . אונ ער איז אוף גשטאנן פון דר שטול אונ איז צו זיי צו גגאנגן אונ הט מיט גוואלד צו גנומן פון זיי בנימן אונ גייט אין איין חדר אריין אונ הט פר שלאסן פר זיי די טיר אונ ער הט גזאגט צו זיינעם הוף מייסטער אז ער זאל זאגן צו זיינע ברודר אז זיי זאלן אהיים גיין מיט פריד צו זייער פאטר אונ ביי וועמן דער בעכר איז געוועזן דעם הט דר שני למלכות צוא גנומן פר איין קנעכט. דר הוף מייסטער הט אזו גטאן :

פרשת ויגש

אונ וויא יהודה הט דער זעהן וואס דר שני למלך הט גטון צו זיי הט יהודה גנענט צו יוסף אונ הט גזאגט איך בעט דעם הארן אז דער האר זאל צו הערן וואס דער קנעכט וועט ריידן הט יוסף צו אים גענפרט רייד אונ איך וועל צו הערן הט יהודה צו אים גזאגט פר וואר בשעת אז מיר זענין גקומן צום ערשטן קויפן קארין ביי דיר האסטו אונז גמאכט פר אוים שפעהערס אונ האסט אונז גיהייסן ברענגן אונזר יונגסטן ברודר האבן מיר אים גבראכט צו דיר אונ אצונד מאכסטו ווייטר איין בלבול אויף אונז אונ אצונד בעט איך דעם הערין אז דר האר זאל אונז אום קערין אונזר ברודר אונ מיר וועלין גיין מיט פריד צו אונזר פאטר אונ אויב ניט וועלן מיר פר וויסטן מצרים . אונ יוסף הט גענפרט צו יהודה וואס עפינסטו דיין בריט מויל אונ רעטסט אן הכנעה דא שווער איך אז וויא פרעה לעבט אז איך וועל הייסן אז מיינע גבורים זאלען מלחמה האלטן מיט אייך וועכטו מיט דיינע ברודר דער טרונקען ווערין אין זייער שפאייעכץ וואס איטליכר פון זיי וועט איין שפייא טאן

אונ

תם וישר

און ער הט ווייטער גזאגט צו יוסף גאט ב"ה איז איין עדות אז איך וויל ניט מלחמה האלטן הדר כבודך און איך בעט אז דו זאלסט אפ געבן אונזער ברודר און מיר וועלן אוועק גיין און יוסף האט ווייטער געענפערט צו עם איך האב דיר שון לאנג גזאגט אפילו דו וועסט קומן מיט אלי שרים פון כנען וועסטו ביי מיר ניט אפ נעמן דיין ברודר. און יהודה הט ווייטער גזאגט צו יוסף אז מיר וועלן קומן צו אונזער פאטר און ער וועט זעהן אז בנימן איז ניט פר האנדן מיט אונז וואס וועלן מיר ענפרן און יוסף הט ווייטער צו אים געענפערט איר זאלט זאגן צו אייער פאטר דר שטריק איז נאך גנאנגן צום עמיר. און יהודה הט ווייטער גזאגט צו יוסף פר וואר דו ביסט יוא איין שליט פר וואס זאלן מיר זאגן אזו איין גרויסן ליגן און יוסף הט געענפערט צו עם נאך וואס האט איר גזאגט איין ליגן מיט דעם וואס איר הט גזאגט אויף אייער ברודר יוסף איין חיה רעה האט עם פר צוקט און איר הט עם גאר פר קויפט פר צוואנציג שטוק זילבער צו די מדינים און יוסף האט צו זיי גזאגט איר מיינט אז נאר צו אייך איז געגעבן געווארן די גבורה מיר זענן ב"ה אויך גרויסי גבורים און נאך וואס בדארפט איר זיך בארומן מיט אייער גבורה און וויא יוסף האט דר זעהן אז דר צארן פון יהודה איז גישטילט געווארן האט יוסף אן גהויבן צו ריידן מיט יהודה ווייכי רייד און יוסף הט גזאגט צו יהודה פר וואר דייני רייד זענן אמת און אייער גאט האט אייך ליב און גאט זאל אייך בענשן נייארט זאג מיר פאר וואס שטעלסטו זיך ארוס מער פון אלע דיינע ברודר און יהודה הט געענפערט צו אים און הט גזאגט פר וואס איך האב ערוב גוועזן ביי מיין פאטר פר בנימן און הב צו גזאגט מיין פאטר אוב איך וועל דיר אים ניט אפ ברענגן זאל איך זיין זינדיג אלי מייני טעג פר גאט ב"ה דרום רייד איך מער פון אלע מייגע ברודר. אצונד בעט איך אז דו זאלסט מיין ברודר אהיים שיקן צו מיין פאטר און איך וועל זיין ביי דיר איין קנעכט און וועל דיר בווראי איין נעמן אלי מלחמות און וועלכר עס הט אן דיר מורד גוועזן אפילו ער זאל האבן אזו פיל חיל וויא זאמד פון ים וועל איך מיט גאטס הילף איין געמן דיא מלחמה פר וואר דו זאלסט וויסן אוב דו האסט ניט גהערט אז מיין עלטר פאטר אברהם מיט זיין קנעכט אליעזר האבן גובר גוועזן דיא גבורים פון עלם מיט זייער חיל אין איין נאכט און פון דעמסט מאל אן איז געגעבן געווארן צו אונז די גבורה און יוסף הט געענפערט און הט גזאגט צו אים דס וואס דו זאגסט איז אמת און איך ווייס אויך וואול אז דיא עברים זענן גרויסי גבורים און גאט ב"ה בגערט אין אייך נייארט מיט דעם וועל איך אייך אפ לאזן אייער ברודר אז איר זאלט מיר ברענגן זיין ברודר וואס ער איז פר פאלן געווארן און איר הט אליין גזאגט צו מיר אז ער איז פר האנדן אין מצרים אצונד גייט און זוכט אים אום וועט איר אים צו מיר ברענגן וועל איך אייך אייער ברודר בנימן אפ לאזן און אויף יענם הט איר ניט ערוב גוועזן ביי אייער פאטר און שמעון הט גזאגט צו יהודה איך האב שון לאנג גזאגט צום שני למלך אז מיר ווייסן ניט צו אונזער ברודר יוסף לעבט אודר ער איז טוט דר וויל הט יוסף דר זעהן אז יהודה איז זייער פר ביטערט הט יוסף צו זיי גזאגט פאר וואר איר זאגט אז אייער ברודר איז געשטארבן נון אז איך וועל אים

רופן וועט ער קומן אצונד פר אייך וועט אים געבן צו מיר פר אייער ברודר בנימן : אונ יוסף הט אן גהובן צו ריידן אונ הט גזאגט יוסף יוסף קום וועסטו זיך זעהן מיט דייני ברודר אונ ווי יוסף הט אזו גזאגט האבן זיך די ברודר ארום גקוקט אהין אונ אהער צו זעהן פון וואנט יוסף וועט אן קומן אונ יוסף הט צו זיי גזאגט נאך ווס בדארפט איר קוקן צהין אונ אהער פר וואר איך בין יוסף ווס איר הט מיך פר קופט קיין מצרים אונ אצונד לאז אייך נית באנק טון אין אייערי אוגן ווס איר הט מיך פר קופט דען צו איין דר נערונג הט גאט ב"ה מיך גשוקט אהער אונ ווי זיי האבן דס דר הערט זענן זיי דר שראקן גווארן אונ יהודה איז נאך מיין דר שראקן גווארן אונ ווי בנימן הט דר הערט די דאזיגי רייד איז בנימן צו גלאפן צו יוסף אונ הט אים גהאלזט אונ איז גפאלן אוף יוסף האלז אונ הט גוויינט אונ ווי די ברודר האבן דר זעהן אז בנימן איז גפאלן אוף יוסף האלז אונ וויינט זענן זיי אוך גפאלן אוף יוסף האלז אונ האבן אוך גוויינט אונ האבן אלי גוויינט איין גרוס גוויין. אונ די זאך איז גהערט גווארן אין דעם הוז פון פרעה אז די לייט זענן די ברודר פון יוסף איז עס זייער וואול גפעלן די זאך אונ פרעה הט גשוקט זיינע שררות אונ גבורים צו יוסף אז זיי זאלן זיך פרייען מיט יוספס ברודער אונ פרעה הט גשוקט צו יוסף אז יוסף זאל זאגן זיינע ברודר אז זיי זאלן ארום פארן קיין מצרים אונ אוך זאל יוסף געבן צו זיינע ברודר גרוסי מתנות אונ זאל איטליכן אן קליידן פייני קליידר אונ זאל געבן צו איטליכן דריי הונדרט שטיק זילבר אונ יוסף הט זיי גהייסן אן טון די גוטי קליידר אונ הט זיי גבראכט פר פרעה אונ ווי פרעה הט דר זעהן די ברודער פון יוסף אונ אז זיי זענן אלי גרוסי גבורים אונ זייער שיינע מענשן הט ער זיך דרוף זייער גפרייט אונ דר נאך זענן זיי אוועק גגאנגן פון פרעה כדי זיי זאלן גיין צום לאנד כנען צו זייער פאטר אונ בנימן איז אוך גוועזן מיט זיי אונ יוסף איז אוף גשטאנן אונ הט זיי גגעבן עלף רייט וועגן אונ הט זיי אוך גגעבן דעם רייט וואגן ווס ער הט גריטן בשעת ער איז גווארן זיין שני למלך אין לאנד מצרים אז דר פאטר זאל קומן אוף אים קיין מצרים :

אונ יוסף הט גשוקט קליידר צו אלי קינדר פון זיינע ברודר אונ אוך הונדערט שטיק זילבר צו איטליכן פון זיי אונ צו די ווייבר פון זייני ברודר הט ער אוך גשוקט צו זיי וויבערשי קליידר אונ אוך בשמים אונ גווערץ אונ צו איטליכן ברודר הט ער גגעבן קנעכט כדי מען זאל זיי ברינגן אונ זאגן פירען זייער גוטס קיין מצרים :

אונ צו דיא קינדער פון בנימן הט ער גשוקט צווייא פאר קליידער אונ אוך צעהן רייט וועגין אונ צווא זיין פאטער הט ער אוך גשוקט צעהן אייזלן אונ די אייזלען האבען גטראגן גאר דס בעסטי פון מצרים אונ הט נאך גשוקט אלערליי עסן שפייז אונ צו זיין שוועסטר דינה הט ער גשוקט גאלד אונ זילבר אונ אלערליי גווערץ אונ אוך זילברני אונ גילדעני קליידר אונ הט אוך גגעבן צו די ברודר אונ אוך צו די ברודערס ווייבר זייער פיל אבנים טובות אונ יוסף איז זייא גגאנגן בלייטן אונ הט זיי אן גזאגט אז זייא

זאכן

תם וישר

זאגן קומן קיין מצרים אונ הט זיי אויך אן גזאגט אז זיי זאלן זיך ניט קריגען אופען וועג דען עס איז אלץ ווג גיוועזן פון גאט ב"ה פרי איך זאל מאכן דער נערין אלע מענשען אונ עס וועט נאך זיין פינף יאר דר הונגר אונ הט זיי אן גזאגט בשעת איר וועט אן קומן צום לאנד כנען זאלט איר ניט קומן פלוצלונג פארן פאטר נאר עס זאל זיין מיט חכמה אונ הט פר רעגט פון אן צו זאגן אונ הט זיך אום גיקערט קיין מצרים אונ זייא זענן אוועק גגאנגן צום לאנד כנען מיט שמחה צו זייער פאטר יעקב אונ ווי זיי זענן גקומען ניט ווייט פון דעם לאנד כנען האבען זייא זיך איין עצה גהאלטען ווי אזו זייא זאלן פון דר ווייל איז סרח די טאכטר פון אשר גגאנגן אקיגין זייא אונ דיא סרח איז גוועזן זייער איין שייני אונ איין גרוסי חכמת אונ האט גיקענט שפילען אויף איין הארף האבן זיי זי גרופן איז זיא גקומן צו זייא אונ האבען זיא גשוקט אונ האבען איר גגעבען איין הארף אז זיא זאל גיין פר זייער פאטר יעקב אונ זאל שפילן אונ זאל אזוא אונ אזוא זאגן אונ זיי זאגן איר אז זיא זאל גשווינד גיין צום פאטר :

אונ סרח הט גאיילט אינ איז גקומן אונ הט זיך גזעצט פאר יעקב אונ גישפילט אונ הט גזאגט מיין פעטר יוסף לעבט אונ איז איין שני למלך אין לאנד מצרים אונ איז ניט גישטארבן אונ זיא הט נאך גמערט צו שפילן אונ אלץ אזו גזאגט אונ וויא יעקב הט דס דר הערט איז אין עס גקומן איין פרייאונג אין זיין הארץ פון דעם זיסקייט פון אירע רייד אונ דר רוח הקודש הט אן גהובן צו רוען אוף עס הט ער גוויסט דס אז אלע אירע רייד זענן אמת אונ יעקב האט זיא גבענשט אונ האט צו איר גזאגט דר פר זאלסטו איביג לעבן ווייל דו האסט דר קוויקט מיין לייב נייארט שפיל נאך האט זיא וויטר גשפילט אונ הט גזונגן מיין פעטר יוסף לעבט אונ איז איין שליט אין מצרים אונ איז ניט גשטארבן אונ יעקב הט צו גהערט די דאזיגע רייד האט ער זיך זייער גפרייט דר ווייל יעקב רעט מיט סרח זענן אן גקומן זיינע קונדר מיט פערד אונ מיט רייט וועגן אונ פרעכטיגע קליידר אונ קנעכט לופן פר זיי אונ יעקב איז אוף גשטאנן אונ הט גזעהן אז זיינע קונדר זענן שיין בקלייד אונ האט גזעהן דס גוטס ווס זיין זון הט גשוקט אונ די קונדר האבן עס דער ציילט אז יוסף לעבט אונ איז איין שני למלך אין מצרים אזו אונ אזו הט ער צו אונז גזאגט אבר יעקב הט ניט גוואלט דרוף גלייבן ביז זיי האבן עס גזאגט די סימנים ווס יוסף הט זיי אן גזאגט האט ער גגלייבט אז זיי זאגן אמת אונ יעקב הט זיך דרוף זייער גפרייט אונ יעקב האט גזאגט אז מיין זון יוסף לעבט דאס איך עס זעהן איידער איך וועל שטארבן אונ יעקב איז אוף גשטאנן אונ הט אן גטון די קליידר ווס יוסף הט עס גשוקט אונ יעקב האט זיך אפ גגאלט אונ הט אן גטון דס היטל ווס יוסף הט עס גשוקט אונ גאר דס הוז גזונד פון יעקב האבן זיך אן גטון אין די קליידר ווס יוסף הט זיי גשוקט אונ אלע האבען זיך זייער גפרייט אוף דעם ווס יוסף לעבט אונ איז נאך איין שני למלך אין מצרים אונ ווי אלע זיצערס פון כנען האבן דס דר הערט זענן זיי אלע גקומן אונ האבן זיך גפרייט מיט יעקבס קונדר אונ יעקב הט גמאכט איין גרוסי סעודה אונ דיא סעודה

האט

הט גווארט דריי טעג אונ אלע שררות פון כנען האבן זיך גפרייט מיט עם אונ נאך דעם זאגט יעקב איך וועל גיין זעהן מיין זון אין מצרים אונ דר נאך וועל איך מיך אום קערין צום לאנד כנען אזו וויא גאט הט גזאגט מיין עלטער פאטער אברהם דען איך קען ניט פר לאזן דם לאנד כנען אונ דר ווייל הט גאט ב"ה זיך בוויזן צו יעקב אונ הט צו עם גזאגט שטייא אויף ניידר קיין מצרים מיט דיין הוז גזונד אונ זאלסט דארטן זוצן אונ זאלסט זיך גאר ניט פארכטן דען איך וועל דיך מאכן צו איין פאלק אונ יעקב האט זיך גטראכט אין דעם הארצן איך וועל גיין זעהן מיין זון יוסף אין מצרים אוב ער איז נאך פרום אונ איז אנאטס פארכטיגר דר ווייל הט גאט ב"ה צוא עם גזאגט פארכט זיך ניט דר מיט פאר עם דען ער איז גאנץ פרום מיט גאנצקייט אקעגן מיר אונ יעקב הט זיך דרוף זייער גפרייט אין דר זעלביגר צייט הט יעקב גרעט צו זיינע קונדר אונ צו זיין הוז גזונד אז מען זאל גיין קיין מצרים אזוא ווי גאט ב"ה הט עם גהייסן אונ יעקב מיט זיינע קונדר אונ מיט זיין הויז גזונד זענן אויף גשטאנן מיט פרייד אונ זענן גגאנגן קיין מצרים אונ ווי זיי זענן גקומן ניט ווייט פון מצרים האט יעקב גשוקט זיין זון יהודה צו זיין זון יוסף אז זיין זון יוסף זאל עם געבן איין בזוצונג אין מצרים אונ יהודה הט אזו גטון אונ הט גאיילט אונ איז גקומן צו יוסף אונ יוסף הט גזאגט אז זיי זאלן זיך בזעצין אין לאנד גושן אונ יהודה הט זיך אום גקערט צום פאטר :

אונ יוסף הט אליין איין גשפאנט זיין רייט וואגן אונ הט איין גזאמלט אלע גבורים אונ שררות אונ אלע זיינע קנעכט זיי זאלן גיין מיט אקעגן זיין פאטר אונ ווי עם איז גקומן אופן אנדרן טאג איז יוסף גגאנגן אקיגן זיין פאטר יעקב מיט אלע איין וואונרם פון מצרים אונ אוך מיט גאר זיין חיל אונ אלע זענן גוועזן אן גקלייד אין לייגן אונ רוטע וואל אונ גאלד אונ זולבר אונ מיט אלרליי כלי זיין אונ האבן גשפירט מיט אלרליי טראמייטן אונ פייפלן אונ פוקן אונ האבן גטאנצט אונ האבן גווארפן אופען וועג אלירליי גוועריץ אונ די ערד הט גציטרט מחמת זייער קול אונ אלי ווייבר פון מצרים זענן ארוף גגאנגן אויף די דעכר פון די מורן אונ האבן אוך גשפילט אויף אלי מינים כלי זמר אונ האבן גטאנצט אונ יוסף איז גגאנגן אן גטון אין איין קרוין דען פרעה הט עם גשוקט די קרון ער זאל גיין אן גטון אונ זאל גיין אקיגן זיין פאטער. אונ ווי יוסף איז גקומן ניט ווייט פון דעם פאטר אזו ווי פופציג איילן הט יוסף אראפ גנידרט פון דעם רייט וואגן אונ איז גגאנגן צו פוס אונ ווי אלי שררות האבן דר זעהן אז יוסף גייט צו פוס זענן זיי אוך גגאנגן צו פוס אונ ווי יעקב איז גקומן גאהענט צו דר מחנה פון יוסף הט יעקב איין קיק גטון אויף יוסף איז עם יוסף זייער געפעלן אונ יעקב הט גזאגט צו יהודה ווער איז דר ווס ער גייט אזו גטון זייער איין שיינע קרון אינ מלכות קליידר אונ הט אראפ גנידרט פון זיין רייט וואגן אונ גייט צו פוס אקעגן אונז הט יהודה געענטפרט צו אים דם איז דיין זון יוסף ווס ער איז דר שני למלך פון מצרים אונ יעקב הט זיך זייער גיפרייט אז ער האט דר זעהן דעם כבוד פון זיין זון יוסף :

תם וישר

אונ וִוי יוסף אִיז גְקוּמֶן נָאהֶנְט צוּם פָּאטֶר הָט עֶר זִיךְ גְבִּיקְט צוּם פָּאטֶר אוּנ יעקב הָט גְאַיילְט אונ אִיז צוּ גְלָאפֶן צוּ זַיין זוּן אונ אִיז גְפַאלֶן אוּף זַיין הַאלְז אונ הָט עֶם גְקוּשְׁט אונ הָאט גְוֵויינְט אונ יוסף הָאט עֶם אוֹךְ גְקוּשְׁט אונ הָט גְוֵויינְט אונ אַלֶע קוּנְדֶר פוּן יעקב הָאבֶּן גְוֵויינְט מִיט יוסף אונ יעקב מִיט זַיינֶע קוּנְדֶר אונ מִיט זַיין הוֹז גְזוּנְד זֶענֶן גְקוּמֶן קֵיין מצרים אונ יוסף הָט זֵיי בַּזֶעצְט אִין לַאנְד גושן אונ יוסף הָט גְנוּמֶן זַיין בְּרוּדֶר ראובן אונ יששכר אונ זבולן אונ בנימין אונ הָט זֵיי גְשְׁטֶעלְט פַר פרעה אונ יוסף הָט גְזָאגְט צוּ פרעה מַיין פָּאטֶר אונ מִיט מַיינֶע בְּרוּדֶר אונ מִיט זַיין הוֹז גְזוּנְד אונ מִיט זֵייעֶרִי רוּנְדֶר אונ שָׁאף זֶענֶן גְקוּמֶן צוּ מִיר מַחֲמַת דֶעם הוּנְגֶר הָט זִיךְ אוּף זֵיי גְשְׁטַארְקְט הָט פרעה צוּ עֶם גֶענְפֶרְט דוּא מֶעגְסְט זֵיי בַּזֶעצְן וִוי דוּ ווילְסְט הָט יוסף צוּ עֶם גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ זֵייא בַּזֶעצְט אִין לַאנְד גושן דֶען זֵיי הָאבֶּן זֵייעֶר פִיל שָׁאף דְרוּם הָאבּ אִיךְ זֵיי בַּזֶעצְט דָארְט כְּדֵי זֵיי זָאלֶן ווֵיידֶן זֵייעֶרִי שָׁאף אונ דִי מֶענְשֶׁן פוּן מצרים זָאלֶן זֵיי נִיט זֶעהֶן אונ פרעה הָט גְזָאגְט צוּ יוסף ווָס דַיינִי בְּרוּדֶר וֶועלֶן בַּגֶערְן פוּן דִיר זָאלְסְטוּ טוּן צוּ זֵיי אונ דֶר נָאךְ הָט יוסף גְבְּרַאכְט זַיין פָּאטֶר פַר פרעה אונ יעקב הָט זִיךְ גְבִּיקְט צוּ פרעה אונ יעקב הָט גְבֶּענְשְׁט פרעה אונ אִיז אַוֶועק גְגַאנְגֶן פוּן עֶם אונ יעקב מִיט זַיינֶע קוּנְדֶר הָאבֶּן זִיךְ בַּזֶעצְט אִין לַאנְד גושן אונ אַלִי אֵיין ווָאוּנֶרְם פוּן מצרים הָאבֶּן פַאר קוֹפְט צוּ יוסף זֵייעֶרִי פֶעלְדֶר אונ זֵייעֶרִי בְּהֵמוֹת אונ אַלְדוּנְג ווָס זֵיי הָאבֶּן גְהַאט כְּדֵי עֶר זָאל זֵיי גֶעבֶּן קָארִין אונ יוסף הָט גְקְלִיבֶּן זֵייעֶר פִיל גָאלְד אונ זִילְבֶּר אונ אַלֶרְלֵיי אבנים טובות אונ הָט אֵיין קְלֵיין טֵייל גְגֶעבֶּן אוֹךְ צוּ זַיינִי בְּרוּדֶר אונ אוֹךְ צוּם הוֹז גְזוּנְד פוּן דֶעם פָּאטֶר אונ דָם גְרֶעסְטִי טֵייל הָט עֶר אָפּ גְגֶעבֶּן צוּ פרעה אונ וִוי עֶס אִיז אוּם גְגַאנְגֶן דִי זִיבֶּן יָאר פוּן דֶעם הִינְגֶר הָט מֶען אָן גְהוֹבֶּן צוּ זֵייעֶן אונ שְׁנַיידֶן אַזוֹ וִוי עֶס אִיז גְוֶועֶן פַארְן הוּנְגֶר אונ יוסף אִיז גְזֶעסֶן אִין מצרים גָאר זְ כֶּרְלִיךְ אונ דָם גַאנְצֶע לַאנְד הָאבֶּן צוּ גְהֶערְט ווָאס יוסף הָט זֵיי גְזָאגְט אונ יעקב מִיט זַיינֶע קוּנְדֶר זֶענֶן גְזֶעסֶן אִין לַאנְד גושן אונ יעקב אִיז גְוָוארְן זֵייעֶר אַלְט אונ אפרים אונ מנשה דִי קוּנְדֶר פוּן יוסף זֶענֶן גְזֶעסֶן תמיד בַּיי זֵייעֶר עֶלְטֶר פָּאטֶר יעקב צוּ לֶערְנֶן דִי וֶועג פוּן גָאט ב״ה . אונ דָם הוֹז גְזוּנְד פוּן יעקב הָאבֶּן זִיךְ זֵייעֶר גְמֶערְט אִין לַאנְד גושן :

ויחי

ויחי אונ יעקב הט געלעבט אין לאנד מצרים זיבצעהן יאר אונ יעקב איז דענמאלט אלט געוועז הונדערט זיבן אונ פערציג יאר אונ דער געלעבינר צייט איז יעקב שלאף געווארן אונ יעקב הט געהייסן אז מען זאל רופן זיין זון יוסף פון מצרים איז יוסף געקומן צו אים:

אונ יעקב הט געזאגט צו זיין זון יוסף אונ צו זייני קינדער איך וועל שטארבן אונ גאט ב"ה וועט אייך גדענקן אונ וועט אייך ווידר קערן צום לאנד כנען אזו ווי גאט ב"ה הט געשווארן אז ער וועט געבן דם לאנד כנען צוא אייך אונ אוך צו אייערי קינדר. אונ אצונד אז איך וועל שטארבן זאלט איר מיך בגראבן אין דר מערת המכפלה וואס איז אין חברון. אונ יעקב הט בשווארן אז זיי זאלן אים טראגין צוא דער מערת המכפלה. אונ די קונדר האבין צו אים געשווארין אז זיי זאלין אים טראגן צו דר מערת המכפלה:

אונ יעקב הט ווייטר אן געזאגט זייני קונדר למען השם אז איך וועל שטארבן זאלט איר מיך טראגן פון מצרים אונ זאלט מיך בגראבן אין דר מערת המכפלה נייערט איר זאלט אליין מיך טראגין אבער אייערי קונדר זאלן מיך ניט טראגן. אונ בשעת טראגן זאל אזו זיין. יהודה יששכר זבולון זאלן טראגן אין מזרח זייט פון דר מטה ראובן שמעון גד זאלן טראגן אין דרום זייט אפרים מנשה בנימן זאלן טראגן פון מערב זייט דן אשר נפתלי זאלן טראגן פון צפון זייט אונ לוי זאל ניט טראגן ווייל זייני קונדר וועלן טראגן דעם ארון מיט די לוחות פון גאט ב"ה אונ יוסף זאל ניט טראגן ווייל ער איז אמלך נאר אפרים אונ מנשה זאלן שטאט זיי טראגן איר זאלט ניט משנה זיין מייני רייד וועט גאט אייך גדענקן צו גוטן אונ יעקב הט אוף געהערט צוריידן אונ איז געשטארבן אונ יוסף מיט אלי דם הויז געזונד פון יעקב אונ אלי מצרים האבן אים בוויינט זיבציג טעג דר נאך זענן אלי געגאנגען בגראבן זייער פאטר אין דר מערת המכפלה אונ אז זיי זענן אהין געקומן הט זיך עשו מיט זייני מאנן אקעגן געשטעלט אונ הט ניט געלאזט בגראבן אין דר מערת המכפלה הט יוסף צו אים געזאגט מיר האבן דאך דרויף א שטר מכירה מיט עדות גחתמת הט עשו געענפערט ברענגט דעם שטר מכירה וועלן מיר זעהן דעם אמת הט יוסף געשיקט זיין ברודער נפתלי צו ברענגן דעם שטר מכירה

תם וישר

מכידה אונ ווי מען הט גברענגט דעם שטר מכירה הט מען יעקב אבינו קובר גוועז מיט גרוס כבוד אונ יוסף מיט זייני גבורים האבן אום גקערט קיין מצרים אונ יוסף איז גזעסן אויף זיין שטול זיכערליך אונ זייני ברודער זענן גזעסן אין לאנד גושן אונ האבן זיך גפרוכפערט אונ גמערט אונ זענן גגאנגן אין גאטס וועג אזו ווי יעקב האט זיי אן גזאגט :

פרשת שמות

ואלה אונ דס זענן די נעמן יעקבס קינדר וואס זענן גקומן מיט אים קיין מצרים די קינדר פון לאה האבן גהייסן ראובן שמעון לוי יהודה יששכר זבולון אונ דינה זייער שוועסטר אונ די קינדר פון רחל יוסף ובנימן אונ די קינדר בלהה וזלפה האבן גהייסן דן ונפתלי גד ואשר אונ יעקבס איינקלך וואס זענן גבארן גווארן אין לאנד כנען אונ די קינדר פון יוסף וואס זענן גבארן אין מצרים זענן גוועז זיבציג נפשות אונ וויא יוסף איז גשטארבן האבן די מצרים אן גהובן צו גוועלטיגן אובר די ישראל אונ אלי עלצטי פון מצרים זענן גקומן אונ האבן זיך גבוקט צו פרעה אונ האבן צו אים אזו גזאגט די ישראל זענן פול אונ שטארקר פון אונז אונ אצונד גיב איין עצה אז מזאל זיי קענן מאכן פר לירן איינציג וויים דען טאמר אז עס וועט אונז טרעפן אמלחמה וועלן זיי אויך מלחמה האלטן מיט אונז צו פר טיליגן אונז הט פרעה זיי גענפרט מיין עצה איז אזו דס לאנד פיתום אונ רעמסס זענן ניט פעסט קייגן אמלחמה. בבן זאל מען אום רופן אין גאנץ מצרים אז דר מלך הט גבאטן אז אלי מצרים אונ אלי ישראל זאלן בואן אונ שטארקן דיא שטעט פון פיתום אונ רעמסס מען וועט בצאלן פון דעם מלך אונ איר זאלט בצאלן די ישראל וואס קומן ארבייטן יעדן טאג אונ אז זיי וועלן שון אלי קומן בואן פר גצאלכין זאלט איר ביסלך וויים אוועק לופן פון זיי אונ איר זאלט ווערן אובר זיי בצווינגרס אונ היטרס אונ זיי וועלן שון מוזן בואן אן גצאלכין אונ איר זאלט זיך שטארקן אובר זייא אז זיי זאלן מוזן בואן אונ דורך דעם מידיקייט פון דר ארבייט וועלן דיא ישראל ווינציגר ווערן איז די עצה וואול גפעלן ביי די עלצטי פון מצרים אונ האבן אזו גטון זענן גקומן די מצרים אונ די ישראל צו בואן מיט די

קנעכט

קנעכט פון פרעה אונ מען הט זיי בצאלט אלי טאג נאר שבט לוי האבן ניט גוואלט ארבעטן מיט זיי. אין אציים ארום זענן אלי מצרים אוועקפון ארבעט נאר די ישראל אליין זענן אובר גבליבן אונ די מצרים האבן מיט גוואלט גארבט מיט ישראל שווערי ארבייט מיט ליים אונ ציגל אונ ישראל האבן גרופן די מצרים מרור ווייל זיי האבן גביטרט זייער לעבן אונ ווי מער די מצרים האבן גפייניגט די ישראל האבן זיך ישראל נאך מער גמערט אונ די מצרים האבן גזעהן אז די עצה איז ניט גטון גווארן דען ישראל מערן זיך ווייטר אונ גאנץ מצרים איז פול מיט זיי זענן אלי עלצטי מצרים גקומן צום מלך אונ האבן זיך גביקט פר אים אונ האבן גזאגט דער מלך זאל אייביג לעבן דס וואס מען הט אייך איין עצה גגעבן אוף ישראל האבן מיר מקיים גוועזן אבר וואס מען מאכט זיי שווער די ארבט אזו מערן זיי זיך נאך מער גאר דס לאנד איז פול פון זיי הט איינער פון די יועצים וואס איז גוועזן ביים מלך ער הט גהייסן איוב געענפרט אונ גזאגט מיין עצה איז דר מלך זאל גוזר זיין אז עס וועט גבארן ווערן צו ישראל אזכר זאל מען אים טייטן מחמת דעם וועלין זיי ווייניגר ווערין איז די עצה גפעלין. אונ פרעה הט גלאזט רופן די יודשי הייבאמן אונ הט זיי אן גזאגט אז איר וועט מאכן גווינן די יודשי ווייבר זאלט איר זעהן אז עס וועט זיין אזכר זאלט איר אים טייטן אונ אנקבה זאל בלייבן לעבן אבר די הייבאמן האבן זיך גפארכטן פר גאט ב״ה אונ האבן ניט גטון אזו ווי מען הט זיי אן גזאגט אונ האבן נאך גטון אלי בדערפניש פון די קינדר מיט די גווינערינס האט דר מלך זיי גשיקט רופן אונ זאגט צו זיי פר וואס הט איר מיך ניט גפאלגט האבן זיי געענפרט די יודשי ווייבר זענן אליין הייבאמן הט פרעה זיי גגלייבט אונ גאט ב״ה הט בגיטיגט צו די הייבאמען אונ ישראל האבן זיך גמערט אונ גשטארקט. אונ איינר פון שבט לוי ער הט גהייסן עמרם דר זון קהת דר זון לוי דר זון יעקב הט גנומן יוכבד די טאכטר פון לוי פר אווייב אונ הט גווינן אטאכטר אונ הט זי גרופן מרים אונ די יוכבד הט גווינן איין זון אונ זי רופט אים אהרן: אונ דר נאך הט דער מלך גענפרט צו בלעם וואס פר איין עצה גיסטו הט בלעם געענפרט מיט פייער וועט מען זיי ניט קענן טון ווארום גאט הט זייער פאטר אברהם מציל גוועזן פון פייאר פון

כשדים

תם וישר

כשדים אונ אוב דו ווילסט זיי פר טיליגן דורך אשווערד איז יצחק זייער פאטר אנמטרינן געווארין פון דר שווערד . אונ דורך שווערי ארבייט וועסטו אויך ניט קענין זיי פר טיליגן ווייל זייער פאטר יעקב האט גדינט ביי לבן מיט אלערלייא שווערי ארבעט אונ האט בעגליקט . דרום איז מיין עצה אז מען זאל אריין ווארפען אין וואסער אלע זייערע קונדר וואס וועלין גבארין ווערין פון היינט אן . איז די עצה פון בלעם געפעלין דעם מלך מיט זייני הארין אונ מען הט אזו געטאן אונ פון דעם טאג אן אונ ווייטר אז דיא יודישע ווייבר האבן בדארפט האבין אקונד זענין זייא גגאנגן אין פעלד אריין אונ האבין דארטען געווינען אונ פלעגין פר לאזען זייערי קונדר אוף דעם פעלד אונ אליין פלעגין זייא גיין אהיים . אבר גאט וואס האט געשווארען צו זייערע עלטערין אז ער זאל מערין זייערע קונדר האט דיא קליינע קונדר דורך ווינדר גלאזט ערנערין אונ לעבין . אונ פרעה האט גבאטין צו זוכען דיא יודעשי קליינע זכרים אונ אז דיא מצרים האבן געפונען דיא קליינע זכרים הט מען זייא מיט געוואלט ארויס גנומען פון דיא מוטערס שויס אונ מען הט זייא געווארפען אין טייך אריין . אין דער דאזיגער צייט איז געווען דר רוח הקודש אויף מרים די שוועסטער פון אהרן אונ זיא האט נביאות גזאגט גון עס וועט געבארין ווערין איין זון צו מיין פאטר אונ ער וועט העלפין דיא ישראל פון דיא הענט פון דיא מצרים . אונ יוכבד האט גווינען דאס קונד צו זובען חדשים אונ בשעת דאס קונד איז געבארן געווארין איז דיא שטוב געווארין פול מיט ליכטיקייט אזו וויא דם ליכט פון דר זון אונ וויא די מוטר האט דס גזעהן הט זיא אים בהאלטען דריי חדשים . איז פרעה דער פון געוואר געווארין האט יוכבד געך גנומין איר זון אונ האט גמאכט אקעסטעל פון פומסין הארץ אונ האט עס פאר קלעבט מיט פעך אונ הט דרונען אריין גטון דאס קונד אונ האט עס גטון אין שילף ביים בארטען פון טייך אונ זיין שוועסטער מרים האט זיך געשטעלט פון ווייטן צו זעהן וואס מיט אים וועט זיך טון אונ וואס פון איר נביאות וועט זיין :

אונ

און בתיה די טאכטער פון פרעה הט גנידרט צום טייך באדן זיך און אירי דינסטן זענן גגאנגן ביי דעם בארטן פון דעם טייך הט בתיה געזעהן דאס קעסטל אויף דם וואסר הט זי גשיקט איר דינסט און הט עס ארוס גנומן הט זי דר זעהן דם קונד און הט זיך דר בארימט איבר אים און הט גזאגט דם מוז זיין פון די יודשי קונדר. האבן די מצריות עס גוואלט אן זייגן אבר דם קונד הט ניט גוואלט זייגן ביי זיי דען דם איז געווען פון גאט ב"ה כדי ער זאל ווידר גקערט ווערן צו דר ברוסט פון זיין מוטר. און מרים איז געווען ביי דעם טייך הט זי גזאגט צו בתיה זאל איך גיין רופן איינגערן פון די יודשי ווייבר וועט זי אן זייגן דם קינד הט בתיה גזאגט גיי. הט מרים גרופן די מוטר פון דם קונד הט בתיה צו איר גזאגט נעם דם קונד און זייג אים אן איך וועל דיר דר פר בצאלן. האט זי גנומן דם קונד און הט עס גזייגט. אין סוף צוויי יאר הט זי עס גבראכט צו בתיה און ער איז געווען צו איר אזון און הט אים גרופן משה. ווייל זי הט אים ארוס גצוגן פון וואסר דען דם ווארט משה איז טייטש אוס ציהן און משה איז דר וואקסן גווארן אין הויז פון פרעה און גאט ב"ה איז געווען מיט אים און הט גהאט חן אין די אויגן פון פרעה און אלי האבן אים ליב גהאט. ויהי היום איז משה גגאנגן קיין גושן הט ער געזעהן ווי ישראל ארבייטן זייער שווערי ביטערי ארבייט הט משה דר פון גרוס צער גהאט איז משה גקומן און הט זיך גבוקט צו פרעה און הט גזאגט איך וועל דיך בעטן אקליין גבעט גאר דו זאלסט מיר דם טון. הט פרעה צו אים גזאגט רייד וואס דוא ווילסט הט משה צו אים גזאגט לאז ווערן געגעבן צו דיינע קנעכט די ישראל איין טאג אין דר וואך זיי זאלן דעמאלט רואן פון זייער ארבייט. הט ער אים גענפרט איך טו דם דיר צו ליב. הט זיך משה זייער גפרייט דרוף ווס מען הט זיי גשענקט דעם זובטן טאג דען דיא זאך איז געווען אצייכן אז גאט ב"ה הט אן גהובן צו העלפן די ישראל. און משה איז ווידר גגאנגן קיין גושן און איז גקומן צו דם אורט ווס די ישראל ארבטן און זעהט ווי איין מצרי שלאגט איין יהודי. און ווי דר יהודי הט געזעהן אז משה שטייט איז ער גלאפן צו משה און הט צו אים גזאגט איך בעט דיך מיין האר דר דאזיגר מצרי איז גקומן ביי נאכט אין מיין הויז אריין

און

תם וישר

און הט מיך גבונדן און הט פרפירט מיין ווייב פר מייני אויגן און היינט
וויל ער מיך טייטן. און ווי משה הט דר הערט די בייזי זאך האט אים
זייער פר דראסן און ער הט זיך אום גקוקט פון אלי זייטן דט ער קיינם
ניט גזעהן הט משה איין שם מזכיר גוועזן איז דר מצרי אום גקומן און
ער הט אים בהאלטן אין זאמד און הט מציל גוועזן דם יהודי:
אין דעם אנדרן טאג איז משה ווידר ארום גגאנגן צו זייני ברודר און
הט גזעהן ווי דתן ואבירם קריגן זיך. הט משה גזאגט צו איינם דו
רשע וואָרום ווילסטו שלאגן דיין ברודר. הט ער גזאגט צו משה ווער
הט דיך גמאכט פר אהאר און אשופט איבר אונז אפשר ווילסטו אונז
הרגנן ווי דו האסט גהארגת דעם מצרי. הט משה זיך גפארכטן און הט
גזאגט פר וואר מען ווייסט שון וואס איך האב גטאן דעם מצרי. און ווי
פרעה איז דר פון גוואר גווארן הט ער אים גהייסן הארגנן. האט נאט
ב"ה גטאן איין נס אז ער איז ניצול גווארן. און משה איז אוך גנאנגען
קיין מדין און הט זיך גזעצט ביי איין ברונן וואסר. דר ווייל זענן גקומן
די זובן טעכטר פון יתרו און האבן אן גשעפט וואסר אן צו טרונקן דיא
שאף פון זייער פאטר דר ווייל זענן אן גקומן די פאסטיכר פון מדין און
האבן זיי אוועק גטריבן איז משה אוף גשטאנן און הט זיי גהאלפן און
הט אן גטרענקט זייערי שאף. און ווי זיי זענן גקומן צום פאטר האבן זיי
אים דר ציילט די מעשה. הט דר פאטר צו זיי גזאגט נאך וואס הט איר
אוועק גלאזט דם מענשן. הט יתרו גשיקט נאך אים און הט מיט אים
גגעסן הט משה אים דר ציילט ווי ער איז אנטלאפן גווארן פון מצרים.
און די ישראל האבן אלץ שווער גארבייט אין מצרים. אין דער צייט
הט גאט ב"ה גשלאגן די מצרים מיט גרוסע שלעק פון קרעץ דען גאט
ב"ה הט צו גהערט די תפלה פון זיין פאלק ישראל און זייער גשרייא איז
גקומן פר אים. און דאך האבן זיי שווער גמאכט זייער ארבייט אוף די
ישראל און האבן פר ביטערט זייער לעבן מיט אלערליי שווערי ארבייט.
און אדיקם דר זון פון פרעה הט גקיניגט בשעת ער איז אלט גוועזן פיר
און צוואנציג יאר און בשעת אדיקם איז גווארן מלכות זענן שון דיא
ישראל גוועזן אין מצרים צוויי הונדרט מיט זעקס יאר און ער הט נאך

שווערר

שווערר גמאכט די ארבייט אוף די ישראל אונ ער איז גגאנגן קיין גושן מיט זיינע קנעכט אונ זאגט צו די ישראל איר זאלט ניט ארבייטן אזו שלאבריג ווי איר הט גארבייט פר מיין פאטר אונ הט גמאכט איבער זיי שוטרים פון די בני ישראל איבר די שוטרים הט ער גמאכט בצווינגרס פון זייני קנעכט אונ הט זיי גגעבן איין צאל פון ציגל דס אלי טאג זאלן זיין אזו פיל ציגל מאכן . אונ בצווינגרס האבן גזאגט צו די שוטרים אזו הט פרעה גזאגט איר זאלט אלי טאג צו שטעלן די צאל פון די ציגל און אז איר וועט מינערן פון דר צאל זאלן אייערי קלייני קונדר בעשטראפט ווערן אונ די צאל פון די קונדר ווס זענן אום גקומן איז גוועזן צוויי הונדרט מיט זובציג קונדר . אונ די ארבייט איז נאך שווערר גווארן אוף ישראל אין די טעג פון אדיקם מער ווי פר זיין פאטר . אונ די ישראל האבען גזופצט אלי טאג פון דר שווערר ארבייט אונ זייער גשרייא איז אויף גגאנגן צו גאט ב״ה פון דר ארבייט . דען זיי זענן פר שווארצט גווארן פון דר ארבייט . אונ גאט ב״ה הט צו גהערט דם קול פון ישראל אונ הט גדענקט זיין ברית ווס ער הט גמאכט מיט אברהם יצחק ויעקב. אונ משה איז נאך גוועזן ביי יתרו אונ איז גגאנגן אין גארטן פון יתרו אונ האט גלובט גאט ווס הט מיט אים גטאן פיל ניסים . דר ווייל הט משה דר זעהן איין שטעקין פון מראה ספיר איז גפלאנצט אין דעם גארטן אוף אים איז אום גיקריצט דר נאמן פון גאט ב״ה. הט משה אום גשטרעקט זיין האנד אונ הט דם שטעקן אום גריסן . אונ אז אדם הראשון איז פר טריבן גווארדן פון גן עדן הט ער גנומן דם שטעקין אונ ער הט גגרייכט ביז נח דר נאך צו אברהם אונ ווייטר ביז יוסף. נאך דם אז יוסף איז גשטארבן זענן גקומן די שררות פון מצרים אין דעם הוז פון יוסף אונ האבן צו גנומן דעם שטעקן אונ ער איז אן גקומן צו יתרו אונ ער הט עם גפלאנצט אין זיין גארטן אונ קיינר הט אים ניט גקענט אוס רייסן . אונ ווי יתרו הט גזעהן דעם שטעקן אין דר האנד פון משה האט ער זיך פר וווינדרט אונ הט אים גגעבן צפורה פר אווייב . אונ דר מלך פון מצרים הט נאך שווערר גמאכט די ארבייט אוף ישראל אונ הט זיי ניט גהייסן געבן קיין שטרויא צו קנעטן מיט די צוגל נאר זיי מוזין זיך קלובן

שטרויא

תם וישר

שטרויא ווי זיי וועלן גפונן אונ די צאל פון ציגל זאלן זייא פארט מוזען
מאכן אזו ווי פריער . אונ ווי די ישראל האבן דס דר הערט האבן זיי אן
גהובן צו קלאגן אונ צו זופצן אונ האבן גשריגן צו גאט ב״ה אונ גאט ב״ה
הט גהערט דס גשריי אונ הט גזעהן דס בצווינגעניש וואס דיא מצרים
בצווינגן זיי אונ גאט הט גדאכט די ישראל אוס צו לייזן זיי פון מצרים
אונ צו מאכן ארבן זיי דס לאנד כנען אזו ווי ער הט גשווארן צו זייערי
עלטרן : ומשה אונ משה הט גוויידעט די שאף פון זיין שווער יתרו ביי
דר מדבר סין אונ דם געטליכן שטעקן הט ער גהאט אין זיינע הענט
אונ איז גקומן ביז דעם בארג חורב . הט גאט ב״ה זיך בוויזן צו אים אוף
איין דארן אונ משה הט גזעהן ווי דר דארן ברענט מיט פייאר אונ דר
דארן ווערט נית פר ברענט הט משה דרוף זיך זייער פר וואונדרט אונ
הט גנעהנט צו זעהן די דאזיגע זאך . הט גאט ב״ה גרופן צו משה פון
פייאר אונ גבעט אים אז ער זאל נידרן קיין מצרים אונ זאל ריידן צוא
פרעה ער זאל ארוס שיקן די ישראל פון זיין לאנד אונ גאט ב״ה האט
אים גלערינט צו מאכן צייכן אונ ווינדר אין מצרים פר פרעה אונ פר זייני
קנעכט זיי זאלן גלויבן אז גאט ב״ה הט אים גשוקט . אונ משה הט צוא
גהערט אלס ווס גאט הט אים גבאטן אונ הט ווידר גקערט צו זיין שווער
אונ הט אים דר ציילט די גאנצי מעשה . הט יתרו צו אים גזאגט גייא
צו שלום . אונ אהרן דר זון פון עמרם דר ברודר פון משה איז גוועזן אין
מצרים הט גאט זיך בוויזן צו אים אונ הט אים גזאגט גייא אקעגין דיין
ברודר משה אין דר מדבר ארייין . איז ער גגאנגן אונ הט אים בגעגינט
ביי דם בארג פון גאט אונ הט אים גשוקט . אונ משה מיט אהרן זענן
גקומן קיין מצרים צו די ישראל אונ האבן זיי גזאגט אלי די רייד פון גאט
ב״ה אונ דס פאלק הט זיך גפרייט . אין דעם אנדרן טאג הט משה אונ
אהרן זיך גפעדרט אונ זענן גגאנגן צו פרעה אונ דר שטעקן ווס דער
שם המפורש איז גוועזן גקריצט אוף אים האבן זיי גנומן אין זייערי הענט
אונ אז זיי זענן גקומן צו דעם טויער פון פאלאץ האבן זיי גזעהן אז צווייא
לייבן זענן דארטן צו גשלאסן מיט אייזרני קייטן אונ קיין שום מענש הט
נית גקענט ארייין גיין אונ ארוס גיין פר זיי . הט משה אוף גהובן זיין שטעקן

אוף

אוף די לייבן אונ הט זיי אפ גבונדן אונ משה מיט אהרן זענן אריין גקומן צום מלך אונ די לייבן זענן אויך גקומן מיט זיי מיט שמחה אונ ווי פרעה הט דם דר זעהן הט ער זיך דרוף זייער פר וואונדרט דען זייער גשטאלט איז גוועזן אזו ווי מלאכים. הט פרעה צו זיי גזאגט ווס ווילט איר. האבן זיי צו אים גזאגט דר ווארער גאט הט אונז גשיקט צו זאגן אז מען זאל ארוס שיקן די יודן פון מצרים אונ זיי זאלן אים דינן. האט פרעה צו זייא גזאגט היינט גייט אוועק אונ מארגן זאלט איר קומן צו מיר. האבן זיי אזו גטאן. אונ ווי זיי זענן אוועק גגאנגן הט פרעה גשוקט רופן צו בלעם מיט זיינע זון ינוס וימברוס אונ אלי מכשפים אונ הט זיי דר ציילט די זאך. האבן זיי אים גפרעגט ווי אזו האבן זיי גקענט אריין קומן איבר דיא לייבן הט ער גזאגט זיי האבן אוף גהובן זייער שטעקן אוף די לייבן אונ האבן זיי אוף גבונדן אונ זענן פר מיר גקומן אונ די לייבן האבן זיך גפרייט אקעגן זיי. הט בלעם געענפרט דעם מלך זיי זענן נאר אזעלכי מכשפים ווי מיר אונ שיק נאך זיי וועלן מיר זיי פרובן. צו מארגן זענן גקומן משה מיט אהרן הט דער מלך צו זיי גזאגט ווער ווערט אייך גלייבן אז איר זענט שלוחים פון אייער גאט ווייזט דרוף איין מופת ווערט מען אייך גלייבן הט אהרן גווארפן זיין שטעקן פר פרעה אונ פר זיינע קנעכט איז דר שטעקן גווארן א שלאנג. האבן דיא כישוף מאכרס אויך גווארפען איטליכער זיין שטעקן אוף דר ערד אונ זענן גווארן צו שלאנגן הט אהרנס שלאנג איין גשלונגן די כישוף מאכרס שלאנגן. הט דר מלך גהייסן ברענגן דם ספר הזכרונות אונ מען הט גליינט אונ מען האט ניט גפונן דעם נאמן פון גאט ב״ה. זאגט ער צו משה ואהרן איך וייס ניט דעם גאט ווס איר זאגט די ישראל וועל איך ניט שיקן. האבן זיי געענפרט צום מלך ה׳ גאט דר האר איבר אלי הארן הט אונז גשוקט זאגן שיק ארוס מיין פאלק זיי זאלן מיך דינן. אונ אצונד שיק אונז פון מצרים וועלן מיר גיין דריי טעג רייז אין דר מדבר מיר וועלן שחטן צו אים קרבנות. אז מען וועט אונז ניט שיקן וועט זיין צארן גרימן אונ וועט שלאגן גאנץ מצרים מיט דבר אודר מיט שווערד הט דם מלך פר דראסן אוף זייערי רייד הט ער זיי אוועק גטריבן פון זיך אונ הט גזאגט נאך שווערר צו מאכן די ארבייט. הט גאט ב״ה גזאגט

תם וישר

צו משה דו וועסט זעהן אז דורך מיין שטארקי מאכט אונ מכות נמרצות וועלן די מצרים ארוס שיקן די ישראל פון זייער לאנד :

פרשת בא

ויהי אונ עס איז גוועזן נאך אין צוויי יאר האט גאט ווידער גשיקט משה ואהרן צו פרעה ער זאל ישראל ארוס שיקן פון מצרים הט פרעה ניט גוואלט צו הערן אין דעם קול פון גאט . הט גאט דר וועקט זיין גבורה אין מצרים אונ הט זיי גשלאגן זייער גרוסי אונ שלעכטי מכות ער הט פאר קערט אלי וואסרן פון מצרים צו בלוט זיי פלעגן עפיס קנעטן אודר קאכן איז זייער גשטאלט גוועזן וויא בלוט . גאט האט אוך גמאכט ווידמען אין אלי זייערי וואסרן פרעש די פרעש זענן גקומן אין די הייזר פון די מצרים אונ אז זיי פלעגן טרונקן וואסר פלעגט דרינען ווערן פרעש אונ אלי וואסרן פון זייער גקעכץ איז גווארן צו פרעש. מיט דעם איז נאך ניט ווידר גקערט גווארן פון זיי דר צארן פון גאט ב״ה אונ האט אוך גשלאגן זייער ערד צו כנים . גאט הט אוך גבראכט אלרליי חיות פון פעלד קיין מצרים שלאנגן ענדישן אונ די מצרים האבן זיך בהאלטן פר די חיות רעות : גאט האט גשיקט אוף זיי דבר אוף די פערד אונ אייזלן אונ שאף אונ די מצרים זענן אוף גשטאנן פרי צו זייערי פיך האבן זיי מיין ניט נאר איינם פון צעהן אונ די פיך פון ישראל איז ניט גמינרט גווארן אפילו איינם . גאט הט גשיקט איין בראנד אין זייערי לייבר איז עס גווארן צו איין שחין אין גאנץ מצרים אונ זייער פלייש איז גווארן פיל מיט בלאטרן . גאט הט זיי גשיקט אשווערן האגל אונ פייער הט זיך גקאקילט אין דם האגיל דרום הט ער אוס גשלאגן אלי ביימר מיט די פירות אונ אלי תבואות אוך די מענשן אונ בהמות ווס זענן גוועזן אוף די גאס זענן גהארגת גווארן מחמת דעם האגל . גאט הט גבראכט איין שווערן היישעריק קיין מצרים זיי האבן אוף גגעסן ווס דר האגל הט איבר גלאזט . גאט הט גשוקט פינצטרניש אוף גאנץ מצרים דריי טאג ביז קיין מענש הט ניט גזעהן קיין שום זאך . אין דר צייט זענן אום גשטארבן פיל פון ישראל וואס האבן ניט צו גהערט משה ואהרן אונ האבן ניט גגלייבט גאט האט זיי גשוקט אונ האבן גזאגט [illegible] וועלן

ניט

נִיט אַרוס גֵיין פון מצרים דֶען טָאמֶר וֶועלֶן מִיר שְׁטַארְבֶּן אִין דֶר מדבר פַר הונגֶר זֶענֶן זֵיי אום גְקוּמֶן אִין דִי דְרֵיי פִינְצְטֶרִי טֶעג . און דִי ישראל הָאבֶּן זֵיי בַּגְרָאבֶּן כְּדֵי דִי מצרים זָאלֶן דר פון נִיט וִויסֶן דָם פִינְצְטֶרְנִיש הָט זִיךְ גְשְׁטַארְקְט אִין מצרים נָאךְ דְרֵיי טֶעג דֶר נָאךְ הָט גָאט גְשׁוּקְט משה ואהרן צוּ דִי ישראל אַזוֹ צוּ זָאגֶן מַאכְט אֵיין קרבן פסח דֶען אִיךְ וֶועל קוּמֶן אִין הַאלְבִּי נַאכְט אִין גַאנְץ מצרים און וֶועל אוּמְבְּרֶענְגֶען אַלִי זֵייעֶרִי בכורים פון מֶענְשֶׁן אָדֶר פון בהמות . און אִיךְ וֶועל זֶעהֶן דָם בְּלוּט פון קרבן פסח אוֹף אֵייעֶרִי טִירֶן און עֶס וֶועט וֶוערֶן אִיבֶּר הוּפְּט אֵייעֶרִי הֵייזֶר . דִי ישראל הָאבֶּן גְטוּן אַזוֹ וִוי גָאט הָט גְבָּאטֶן צוּ משה און אהרן און פּוּנְקְט הַאלְבִּי נַאכְט הָאט גָאט ב"ה גְשְׁלָאגֶן אַלֶע בכורים פון מצרים פון מֶענְשֶׁן און בהמות אִיז גְוֶועזֶן אַגְרוּס גְשְׁרֵייא אִין גַאנְץ מצרים אִין דִי נַאכְט דֶען עֶס אִיז נִיט אֵיין הויז אָן אֵיין מת . אַלִי מצרים הָאבֶּן גְזֶעהֶן דָאס בֵּייז וָוס אִיז גְקוּמֶן אוֹף זֵיי פְּלִיצְלִינְג הָאבֶּן זֵיי גְשְׁרוּגֶן און גְוֵויינְט אִיטְלִיכֶר אוֹף זֵיין זוּן אָדֶר זֵיין טָאכְטֶר . און בתיה דִי טָאכְטֶר פון פרעה אִיז בֵּיי נַאכְט גְגַאנְגֶען זוּכֶן משה ואהרן און הָט זֵיי גְפוּנֶען עֶסֶן און טְרוּנְקֶן און פְרֵייאֶן זִיךְ מִיט אַלִי ישראל . הָט זִי צוּ משה גְזָאגְט דָם בַּצָאלְסְטוּ מִיר פַר דֶעם גוּטְס וָוס אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹף גְצוֹגֶן און דוּ בְּרֶענְגְסְט אוֹף אוּנְז דָם דָאזִיגִי בֵּייז הָט משה צוּ אִיר גְזָאגְט גבירה נכבדה אוּבּ וואול דוּ בִּיסְט אֵיין בכורה צוּ דֵיינִי מוּטֶר וֶועסְטוּ דָאךְ נִיט שְׁטַארְבֶּן . און פרעה הָט גְזָאגְט צוּ משה ואהרן נֶעמְט אֵייךְ אֵייעֶרִי בְּרוּדֶר דִי בני ישראל מִיט זֵייעֶרִי שָׁאף און רִינְדֶר מִיט גָאר זֵייעֶר פַר מֶעגֶן און גֵייט אַרוּס פון מצרים נָאר בֶּעט גָאט פַר מִיר און דִי מצרים הָאבֶּן זִיךְ גְשְׁטַארְקְט אַרוּס צוּ שִׁיקֶן דִיא ישראל וָוייל זֵיי הָאבֶּן גְזָאגְט מִיר אַלִי וֶועלֶן שְׁטַארְבֶּן . און זֵיי הָאבֶּן אַוֶועק גְשׁוּקְט ישראל מִיט פוּל גָאלְד און זִילְבֶּר זֵייעֶר אַגְרוֹס עֲשִׁירוּת אַזוֹ וִוי גָאט הָט צוּ גְזָאגְט אברהם אבינו און ישראל הָאבֶּן זִיךְ פַר זָאמְט הָאבֶּן דִי מצרים זֵיי גְבֶּעטֶן גֵייט שׁוֹן אַרוּס . הָאבֶּן ישראל גְעֶנְפֶרְט זֶענֶן מִיר דֶען גַנָבִים מִיר זָאלֶן בֵּיי נַאכְט אַוֶועק גֵיין און משה אִיז גְגַאנְגֶען צוּם טֵייךְ פון מצרים און הָאט אוֹף גְבְּרַאכְט דֶעם אָרוֹן פון יוסף און מִיט גְנוּמֶן און אַלִי ישראל הָאבֶּן אִיטְלִיכֶר אוֹף גְבְּרַאכְט דֶעם אָרוֹן פון זֵיין שבט און ישראל הָאבֶּן

גצוגן

תם וישר

גצוגן פון רעמסס קיין סוכות אזוי וויא זעקס הונדערט טוזינט פוס גייערס מאנזבילן חוץ זייערע קליינע קונדר אונ ווייבר אוך ערב רב אונ שאף אונ רינדער זייער אשווערע מקנה. דיא ישראל זענן געזעסן אין מצרים צווייא הונדערט מיט צעהן יאר :

דיא ישראל האבן גצויגן פון סוכות אונ האבען גרואט אין איתם אין עק מדבר אין דריטן טאג אז די מצרים האבן שוין בגראבען אלע זייערע בכורים האבן זיי גהאט חרטה דרוף וואס זיי האבן אוועק גשיקט די ישראל פון זייער ארבייט אונ די מצרים וואס זענן געווען מיט ישראל אין דר מדבר האבן צו זיי גזאגט איר הט דאך גזאגט דריי טעג וועג וועלן מיר גיין אין דר מדבר אונ וועלן שחטן קרבנות צוא גאט אונ מיר וועלן זיך אום קערן קיין מצרים האט משה ואהרן גזאגט צוא זיי גאט אונזר גאט הט אונז אן גזאגט מיר זאלן גיין צו דעם לאנד וואס דארט איז זבת חלב ודב"ש אזוי ווי ער הט גשווארן צו אונזרע עלטערן :

די הארן האבן גזאגט צו פרעה אז דיא ישראל ווילן זיך ניט אום קערן קיין מצרים איז פר קערט גווארן זיין הארץ אונ דס הארץ פון זיינע קנעכט אלע האבן גזאגט מען זאל די ישראל נאך יאגן אונ גאט האט גשטארקט זייער הארץ נאך צוא יאגן די ישראל כדי צו מאכן פאלן דיא מצרים אין ים. איז פרעה אוף גשטאנען אונ הט איין גשפאנט זיין רייט וואגן אונ זענן גגאנגן מיט פרעה ווי צעהן הונדרט טוזנט מאן אונ האבן גגרייכט די ישראל רואן ביים ים. האבן די ישראל זיך גפארכטן אונ האבן גשריגן צו גאט אונ משה הט צו זיי גזאגט שטייט אוף אייער שטעל אונ מיר וועלן רופן צו גאט ער זאל אונז העלפן הט גאט ב"ה גזאגט צו משה גייג דיין שטעקן אופן ים אונ שפאלט אים אונ ישראל זאלן אין אים איבער גיין. הט ער אזו גטון אונ דער ים איז גשפאלטן גווארן אוף צוועלף שטיק אונ אלע צוועלף שבטים זענן אריבר גגאנגן אין דר טרוקעניש. אונ די וואסערן האבן ווידר גקערט אוף די מצרים אונ זענן אלע דר טרונקן גווארן אונ גאט הט גהאלפן אין דעם טאג צו ישראל אונ זיי האבן גזעהן די גרוסע גבורה פון גאט אין מצרים אונ אופן ים הט משה מיט ישראל גזונגן שירה צו הקב"ה :

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם